STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00389

IN SHTUREM

D. Zakalik

Permanent preservation of this book was made possible by
Shirley & Harold L. Engel, M.D.
in memory of
their parents, Esther & Philip Engel and Rachel & Nathan Rosenthal

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. זאַקאַליק

אין שטורעם

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

169

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אבֿרהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

ד. זאַקאַליק

אין שטורעם

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס 1963, ה׳תשכ״ד

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיוראָ — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־איירעס

אינהאַלט:

ערשטע טייל

זייט

1 זיי און זייער קינד — 9
2 אַ טאַטע צו טעכטער — 11
3 אומרויִקע צייטן — 17
4 וואַקלעניש — 20
5 אַהיימגעקומען — 23
6 אַ רוף אין מיטן נאַכט — 26
7 ס׳איז נישט שבת — 29
8 וואַרשע ברענט — 32
9 הונגער — 38
10 אַ נייע אָרדענונג — 40
11 דער ווינטער קלאַפּט אין די שויבן — 44
12 צו דער פרייער וועלט — 48

צווייטע טייל

1 אין ביאַליסטאָק — 53
2 קאַפע „ריץ" — 56
3 חיימקע הייבט אָן אַ ניי לעבן — 58
4 אַ שמועס מיט עמאַן — 62
5 פּאַספּאָרטיזאַציע — 64
6 אין פּליטים־קאָמיטעט — 66
7 אַ בריוו — 68
8 די קאָמעדיע הייבט זיך אָן — 70

זייט

9 אין בעקערס פּאַבריק — 73
10 פּייף פון נאַהייקעס — 83
11 סאָסנאָווקע — 88
12 מען לאָזט זיך אין וועג אַריין — 94

דריטע טייל

1 וואַגאָן 59 — 103
2 אין וועג — 109
3 אין שפּעטע שעהן — 115
4 קאַטלאַס יאַריד — 120
5 די באַרקע אויף דער דווינע — 126
6 אַ לעבן פאַר זיך — 129
7 אַ שיף אָן אַ רודער — 134
8 וויטאַמין „צ" — 138

פערטע טייל

1 דער לאַגער ביים שוואַרצן טייכל — 147
2 שאַרגאַראָוו — 153
3 אַגראָנאָם קאַלגושין — 158
4 בריגאַדיר יאַקאָוולעוו — 164
5 „ס. אָ. ע." — 168
6 שניי — 171
7 דער וואָזשטשיק נאַכטיגאַל — 175
8 בינעם און די פּאַיקע — 178
9 שייקעוויטש און אֵליעוו דער אַפגאַניסטאַנער — 182
10 פיאָדאָר — פיעדקאָ פּאָלאַק — 188
11 דער וואָצלאַווקער זייפנזידער און דער מעזריטשער זייגערמאַכער 194
12 מאַרטינענקאָ דער פּאַסטעך — 200
13 דער ידישער באַראָן און דער פּוילישער פירשט — 208
14 די לעצטע טעג פאַרן נייעם וועג — 214

מ נ ח מ ן

ד. זאַקאַליק

ערשטע טייל

1

זיי און זייער קינד

ראַכעלאַ האָט נאָך דער חתונה פאָרגעזעצט צו שטודירן. איר קינד דאַרף זיין אַנדערש פון אַנדערע קינדער, האָט זי באַשלאָסן און דערפאַר איז אָפּגעשמועסט געווען מיט אָלעקן, איר מאַן, אַז זיי וועלן נישט לויבן זייער טעכטערל אין איר קעגנוואַרט. דאָס קינד זאָל נישט אויסנוצן זייער ליבשאַפט — נישט צופיל צעפּיעשטשען זי.

ראַכעלאַ האָט קיינמאָל נישט געזאָגט צו איר טעכטערל, אַז זי זאָל נישט טון „דאָס“, אַז זי זאָל נישט טון „יענץ“. זי האָט נישט באַנוצט דעם אויסדרוק — „מען טאָר נישט“... ראַכעלאַס אופן פון רעדן צום קינד איז געווען — דערציילן מעשהלעך. אַז זי האָט געוואָלט צוגעווינען דאָס קינד עס זאָל טרינקען טראָן, האָט זי איר דערציילט אַ מעשהלע וועגן אַ מיידעלע, וואָס האָט אַליין דערמאָנט איר מאַמען, אַז זי דאַרף איר געבן טראָן צו טרינקען; אַז זי האָט געוואָלט אָפּגעווינען דאָס קינד פון אַרומשלעפּן דאָס שטולעכל איבער דער שטוב, האָט זי איר דערציילט אַ מעשהלע וועגן אַ יינגעלע, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט אַרומשלעפּן די שטול, אָנשטאָט צו שפּילן זיך מיטן שפּילצייג. ער האָט זיך אויסגעגליטשט, צעקלאַפּט אַ פּיסל און עטלעכע טעג נישט געקאָנט אַרויסגיין שפּאַצירן.

אָלעק האָט געטון, ווי ראַכעלאַ האָט געוואָלט, נישט געלויבט דאָס קינד אין איר קעגנוואַרט.

אויך היינט, ווי יעדן טאָג, ווען ער פלעגט קומען פון דער אַרבעט און זיך צוגעלייגט אויף דער קאָזעטקע אָפּרוען, האָט לילי, זיין טעכטערל, זיך געשטעלט נעבן אים. זי האָט געהאַלטן זיין האַנט, געציילט זיינע פינגער, ווי

זי וואָלט זיך שפּילן. זייט ער האָט איין מאָל זיך איינגעשניטן אַ פינגער — באַקוקט זי זיי. אַלעק פלעגט זיך מאַכן כלא־יודע און דאָס אָננעמען ווי אַ שפּיל. היינט האָט ער עפּעס פאַרגעסן און געזאָגט:

— איך האָב נישט איינגעשניטן קיין איין פינגער, אמת?

— אמת! — האָט לילי געענטפערט און צוגעפאַלן פאַרשעמט מיטן קעפּל אויף זיין אַקסל.

„עס אַנטוויקלט זיך אין איר אַ גוטע מידה און איך בין נישט דאַנקבאַר איר פאַר דער אויפמערקזאַמקייט..." האָט ער זיך געזאָגט, זיך געפילט שול־דיק. ער האָט געוואָלט פאַרגלעטן די עוולה, וואָס ער האָט געטון דעם קינד. ער האָט געוואָלט רופן ראַכעלאַן, דערציילן איר וועגן דעם שיינעם כאַראַק־טער־שטריך ביי זייער טעכטערל. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אין זיין צו־זאָג — נישט צו לויבן ס׳קינד און געשוויגן.

געשען איז אָבער עפּעס, וואָס נישט ראַכעלאַ און נישט אַלעק האָבן גע־קאָנט פאָרויסזען. ער האָט זיך פאַרקעמט ס׳ביסל שיטערע האָר, וואָס זענען צעפלאָשעט געוואָרן בעת זיין ליגן אויף דער קאָזעטקע, די האָר צעשפּרייט, כדי צו פאַרקלענערן דעם פּליך. דער טיש איז שוין געגרייט געווען צו מי־טיק. זיי האָבן זיך אַלע דריי געזעצט צום טיש.

ראַכעלאַס חן־גריבלעך האָבן עדות געזאָגט וועגן צופרידנקייט. זיי זענען פול געווען מיט שמייכל. זי האָט אים דערציילט, אַז זי האָט זייער טעכטערל פאַרשריבן אין אַ פרעבל־שול.

— ווער וועט לילין צופירן ביז דער פרעבל־שול? זי וועט דאָך נישט גיין איינע אַליין, — האָט אַלעק געפרעגט.

— איך, די מאַמע!

— פאַרוואָס נישט איך, דער טאַטע?

— דער אָנהויב קומט מיר, דער מאַמען!

— איך וועל פרעגן לילין, ווי זי וויל! — האָט אַלעק פאַרגעשלאָגן און געווונקען צום טעכטערל, אַז זי זאָל אויסוויילן אים.

— נאַסטיאַ! — האָט דאָס קינד שנעל אַ זאָג געטון.

ראַכעלאַ און אַלעק זענען געבליבן זיצן דערשטוינט. דעם קינדס אויס־וואַל — די דינסט זאָל זי צופירן אין פרעבל־שול, האָט זייביידן ווי אַ קניפּ געטון אין האַרצן. אין אַלעקן האָט זיך דערוועקט ספיקות: „אפשר האָט די

טאַכטער זיי גאָרנישט ליב?״. אין געדאַנק האָט ער זיך אויסגעטענהט מיט ראַכעלאָן: — „מיר האָבן באַוווּנדערט אונדזער טעכטערל — איר אַנדערש־קייט פון אַנדערע קינדער. מיר זענען זיכער געווען, אַז אין ליבשאַפט צו אונדז, וועט זי וועלן האָבן נעבן זיך ביידע, סיי דעם טאַטן, סיי די מאַמען. מיר לויבן זי אָבער נישט — ציט זי צו פרעמדע, וואָס פּיעשטשען זי, וואָס לויבן זי יאָ. — איך וויל נישט זי זאָל זיין אַנדערש פון אַנדערע קינדער!״

אויך ראַכעלאַ האָט זיך אין דער רגע געענדערט. זי האָט פאַרגעסן אין זייער אָפּמאַך און אָנגעהויבן צו לויבן דאָס קינד. זי האָט שוין געזאָגט, אַז לילי איז ס׳געראָטנסטע קינד, אויסגערעכנט וואָס פאַראַ מתנות זי וועט איר קויפן צום אָנהויב פון איר גיין אין פרעבל־שול.

אין אַלעקן האָט עפּעס מיט אַ מאָל זיך אַ קער געטון. אויך ער האָט זי גענומען לויבן. ס׳האָט זיך אים אויפגעבונדן די צונג: אויסגערעכנט די מתנות, וואָס ער וועט קויפן. ער האָט זיך אַ צעלאָז געטון, די פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט — ער וועט קויפן אַ טורעם! ער וועט קויפן אַ טעלעסקאָפּ!

אַזוי האָבן זיי ביידע זיך געפּלייסט איבערצושטייגן איינער דעם אַנדערן מיט די מתנות. נישט ער און נישט ראַכעלאַ האָבן זיך דערביי נישט גע־כאַפּט, אַז זיי זענען אין אַ געיעג — ווי צוויי גייציקע — נאָך איין זאַך. יע־דער פון זיי וויל די זאַך פאַרכאַפּן פאַר זיך, נאָר פאַר זיך:

ראַכעלאַ: אַז זייער טעכטערל דאַרף זי ליב האָבן...

אַלעק: אַז זייער טעכטערל דאַרף אים ליב האָבן...

2

אַ טאַטע צו טעכטער

אַלעק האָט געדונגען אַ זומער־וווינונג אויף דער „ליניע״ אָטוואָצק.

די ווילע איז פאַררעכנט צו דער ערשטער קאַטעגאָריע. פיר הייזקעס שטייען אין אַ געדיכטן סאָסנע־וואַלד. יעדע וווינונג האָט צוויי וועראַנדעס: פון פאַראַד־איינגאַנג און פון דער קיך־זייט. אין פראָנט פון יעדער הייזקע: אַ לאָנקעלע. אין דער מיט גראָז — אַ בלעכענער באָטשאַן... ער האָט הומאָר,

דער ווילִיע־אײַגנטימער! אין דער צווייטער זײַט פֿון פּלויט ציט זיך אַוועק, העט ווײַט, אַ גרויסער זאַמד־שטח, אַזאַ שטילער מדבר. — האָט אַלעק דערציילט ראַכעלאַן.

נאָר בײַ אײַנוווינער פֿון דער ווילִיע איז אַ קינד קראַנק געוואָרן אויף קייכהוסט. ראַכעלאַ האָט אָפּגעלייגט דאָס אַרויספֿאָרן.

נאָך דעם ווי עס איז, לויט ראַכעלאַס אויסרעכענונג, שוין פֿאַרבײַ די געפֿאַר פֿון אָנשטעקן זיך מיט קייכהוסט, האָט ראַכעלאַ פֿאָרגעשלאָגן אַלעקן ער זאָל אַרויספֿאָרן זיך דערוויסן אויפֿן אָרט וועגן געזונט־צושטאַנד פֿון קינד. אַלעק האָט אַזוי געטון און באַלד באַשטעלט אַ פֿויער ער זאָל קומען מיטן וואָגן נעמען די זאַכן. דער פֿויער איז געקומען מיט אַ הויכן דראַביניאַסטן וואָגן, אַרויפֿגעלאָדן די פּעק, די כּלים צום קאָכן און וואַשן, וואָס ראַכעלאַ וועט דאַרפֿן צו דער ווירטשאַפֿט.

יעדן פֿרײַטיק איז אַלעק אַרויסגעפֿאָרן צו ראַכעלאַן. ער איז געקומען מיט פּעקלעך און פּעקעלעך: וואָס ראַכעלאַ האָט געבעטן ער זאָל ברענגען: וואָס די באָבע האָט מיטגעגעבן פֿאַר לילין און פּעקלעך זאַכן, וואָס ער, אַלעק, האָט אײַנגעקויפֿט, כּדי צו פֿאַרשאַפֿן פֿרייד ראַכעלאַן און זייער קינד.

נאָך דרײַ משפּחות האָבן געוווינט אין דער ווילִיע. ראַכעלאַ איז באַלד צומאָרגנס פֿון איר אָנקומען היימיש געוואָרן מיט אַלע שכנים. לילי האָט זיך געשפּילט מיט די שכנימס קינדער. זי איז געווען אויף די וועראַנדעס פֿון די שכנים מער ווי אויף איר אייגענער. ראַכעלאַ איז אָפֿט געקומען זי אָפּנעמען צום עסן, וואַשן.

— דער שכן בוימאַן און דער שכן וואַקסמאַן. ביידע הויכגעוואוקסיקע, לאַנגע, ווי די לולבֿים. זיי קומען אַהער יעדן אָוונט. ביידע סוחרים. די פֿרויען נעמען אויפֿן בוך אין שפּײַז־געוועלבל און גיבן טשעקן מיט די מענערס אונטערשריפֿטן, אָבער ווען עס רוקט זיך אָן דער טערמין פֿון טשעק, בעטן זיי „פּראָלאָנגאַציע". די געוועלבניצע ווייסט, אַז זיי האָבן זיך פֿאַרבאָרגט בײַ ידידים, כּדי צו קאָנען דינגען די זומער־ווױנונג. פֿאַר בוימאַנען און וואַקסמאַנען זענען די פֿאַר שעה דאָ צו זײַן אין וואַלד ממש אַ רפֿואה פֿאַר די נערוון, — האָט ראַכעלאַ דערציילט.

אַלעק האָט זיך צוגעהערט און געשמייכלט.

— ס'ווינט אַ משפחה פינגערהוט מיט דריי טעכטער. זיי שפּילן די ראָל פאַר אַריסטאָקראַטן, — האָט ראַכעלאַ געזאָגט.

— מאַוריצי פינגערהוט?

— דו קענסט אים?

— כ'קען אים. כ'קען אויך זיין געשעפט. ס'האָט ברייטע שויפענצטער. האָט אַ סך בבל־סחורה, אָבער די קאָנקורענץ קאָן אים נישט גובר זיין. תּמיד דערניוכעט ער וואָס עס דראָט אים. ער טוט זיך אונטערגאַרטלען מיט הלוואות און בלייבט שטיין אויף די פיס...

— אין געוועלבל ווייסט מען, אַז פינגערהוט מיט זיין סמיקאַלקע לעבט איבער זיינע מעגלעכקייטן. כאָטש „ווי קליינוווקסיק ער איז, איז ער גרעסער פון בוימאַנען און וואַקסמאַנען"... די געוועלבניצע ווייס, אַז צו דינגען אַ זו־מער־ווינונג פאַרזעצט ער אין לאָמבאַרד זיין ווייבס צירונג, — האָט דער־ציילט ראַכעלאַ.

— און די טעכטער?

— ער איז געבענטשט מיט דריי טעכטער בוגרתן. מען ווילט זיך אי־בער זיי: „זייערע יאָרן ציילן זיך אין טוצן. ער האָט נישט פאַר זיי קיין נדן און זיי זיצן..."

— טאָבטשע, זיין פרוי, איז אַן אשת־חיל, אָבער צוליב די טעכטער לאָזט זי אָפּט אַ שטילע טרער.

— געהערט זייערס אַ שמועס: „אַז דו האָסט נישט וואָס צו געבן דיינע טעכטער?" שאַ־אַ! האָט פינגערהוט זי באַרוּקט. ער האָט געשפּרייזט אי־בערן צימער אַהין און צוריק, כדי מען זאָל נישט הערן אירע ווערטער. די שיך האָבן בעתן גיין געפּישטשעט און ער איז געגאַנגען ספּעציעל זיי זאָלן פּישטשען.

— נו, נו? — האָט אָלעק אַ שמייכלדיקער געפרעגט.

— זייט זיי האָבן זיך דאָ אַריינגעצויגן רעגירט טאָבטשע מיט די טעכ־טער. זי לאָזט זיי נישט לאַנג שלאָפן, נישט וויגן זיך אין די „האַמאַקעס". זי גיט זיי געלעגנהייטן צו מאַכן „ביבקעס" און פאַרבעטן זייערע קאַלעגן. ביז שפּעט אין אָוונט שפּילט דער פּאַטעפאָן. מען טאַנצט. מען זינגט. מען טרו־מייטערט און די געלעכטערס הילכן איבער דער גאַנצער ווילע.

— און פינגערהוט?

— ער איז נישט אַזוי געדולדיק ווי טאַבטשע. אָפּט פרעגט ער: „איז וואָס־זשע? עס פּיקט זיך? עס פּיקט זיך?...״.

— און טאַבטשע?

— „ליבע קומט אויך פון צוגעוויינען זיך!״, זאָגט טאַבטשע.

**
*

איין מאָל, אַ שבת באַגינען, אַלעק האָט שפּאַצירט אין וואַלד, איז אים אַנטקעגן געקומען דער שכן וואַקסמאַן. זיינע פולע קיישעלעך אונטער די אויגן זענען עפּעס מער אויפגעלאָפן. ער האָט גלייך אָנגעהויבן זיך באַקלאָגן:

— איך קום דאָ אַהער, כדי אויסצורוען זיך די נערוון, איז דאָ דער טומל, דער רעש, אַזוי ווילד, אַז עס צעשרויפּט מיך. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט מיין פרוי קיין הויך וואָרט. לעצטנס קאָן איך גאָרנישט רעדן מענטשלעך. נאָר איך בייזער זיך. צוליב וואָס? אַלץ די „הוליאַנקעס״ ביי פינגערהוטן. עס מאַכט מיך משוגע. איך וואָלט אַרויס צו זיי און וואָלט גע־שלאָגן אויף רעכטס און לינקס. כ׳האָב שוין גערעדט מיט בוימאַנען און אויך איר, אַלעק, דאַרפט צושטיין צו אונדז! אַ סוף זאָל נעמען צו די געשרייען ביי די „ביבקעס״! אַז נישט וועל איך זיי צעברעכן דעם פּאַטעפאָן, וועל נישט אַריינלאָזן די יונגען צו די מיידן!...

אַלעק האָט נישט געוואָלט לאַנג מיט אים רעדן, כדי — וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכן — זאָל ער נישט זיין פאַרמישט אין דעם. ער האָט געזאָגט אַ תירוץ — ער מוז אַוועקגיין. ער האָט דערציילט ראַכעלאַן וועגן דעם. זי האָט אַ ביסל איבערגעטריבן די מורא און שוין געזען דעם סקאַנדאַל. נאָך דעם אייגענעם טאָג האָט זי געכאַפּט אַ שמועס מיט טאַבטשען, איר געגעבן אָנצו־הערעניש, אַז די שכנים באַקלאָגן זיך אויף דעם טומל אין דער ווילע.

טאַבטשעס פינגערהוט האָט פאַרשנירלט אירע שמאָלע ליפּעלעך, אין אי־רע גרינע ניסנאָויגעלעך האָט זיך אָנגעצונדן אַ שפּאַטיש פייערל. זי האָט פאַרלייגט די הענט אויף די „באַקעס״:

— וואַקסמאַן איז אַן „אַדלודעק״!* רעש שטערט נישט. ס׳איז געשריבן: „קול ששון, קול שמחה...״, אַז מען איז פריילעך, טומלט זיך...

**
*

---

*) מיידט אויס מענטשן.

אין שטורעם

דעם לעצטן פרייטיק האָט ראַכעלאַ אָפּגעוואַרט אַלעקן ביי דער באַן־סטאַציע. עס איז געווען פאַר אים אַ סורפּריז, ער האָט זיך געפרייט און גלייכצייטיק זיך געוווּנדערט — פון וואַנען האָט זי געוווּסט אַז ער קומט מיט דעם צוג? ער האָט זי אָבער נישט געפרעגט, פּשוט פאַרגעסן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר, ווי ער וואָלט אָקערשט ס׳ערשטע מאָל זי געזען: אַ נייע פריזור, די קאַרבן אין די האָר מיניען, ווי אַ מאַרע אויף זיידנס. די גרויסע שפּילקעס אין קעקסל, עפּעס גרעסער ווי ביז היינט. דער טיפער דע־קאָלט אין לייכטן וויאָלעט קליידל האָט אָפּגעדעקט שמאָלע רעפּטלעך פון די ברוסטן וואָס האָבן אויסגעזען ווי צעשמייכלטע בעקלעך...

ראַכעלאַ האָט דערציילט חכמות פון זייער טעכטערל. דערציילט וואָס עס טוט זיך ביי די שכנים.

— זענען נאָך אַלץ אָנגעשטרענגט די באַציִונגען צווישן די שכנים? — האָט אַלעק געפרעגט.

— פינגערהוטס בוגרתן גרייטן צו אויף מאָרגן צו מאַכן אַ גרויסן „בע־נעפּיס“; וואַקסמאַן האָט געזאָגט: „באָר אַ שריפה וועט זיי פאַרטרייבן“. ס׳איז אַ מורא, אַז ער וועט אונטערצינדן פינגערהוטס וווינונג...

דעם שבת־פרימאָרגן האָט אַלעק, שפּאַצירנדיק אין וואַלד, מיט כוונה זיך געדרייט נאָענט צו וואַקסמאַנס וווינונג. ער האָט געוואָלט רעדן מיט אים. ער האָט אָבער וואַקסמאַנען נישט געזען. שפּעטער האָט אַלעק געשיקט זיין טעכטערל זיך שפּילן מיט וואַקסמאַנס קינדער, און ווען ער איז געגאַנגען זי אָפּנעמען, האָט ער אויך דאָס מאָל וואַקסמאַנען נישט געזען.

— וואַקסמאַן גרייט זיך אַן „אַליבי“, אַז אויב עס וועט עפּעס געשען זאָל נישט פאַלן אויף אים קיין חשד, — האָט ראַכעלאַ אויסגעטייטשט.

***

באַלד נאָך מיטיק האָט מאַוריצי פינגערהוט אויסגעשטעלט טישן אין וואַלד פאַר זיין וועראַנדע. ער האָט געבאָרגט אויך ביי אַלעקן דעם וועראַנדע־טיש.

— וואָס טוט מען נישט פאַר קינדער, — האָט ער געזאָגט ווי צו פאַר־ענטפערן זיך.

פינגערהוט האָט זיך אַנגאַזשירט צו דעם „בענעפיס“ מיט זיין גאַנצער

דערפאַרונג. ער האָט סערווירט די טישן, צעשטעלט די טעלערס, אויסגע־לייגט ס׳געשיר; צעשטעלט פלעשער וויך, טאָרטן, קיישעלעך מיט פּרוכטן און שאָקאָלאַד. ער איז צופרידן געווען פון זיך און פון זיין געשמאַק. ווען טאָבטשע האָט זיך צוגעשטעלט צו אים אָנווייזן אויף עפּעס, האָט ער איר אָפּגעדרוקט אַ קוש אין איר לאַנגן האַלדז, זי זאָל זיך פאַרלאָזן אויף אים.

טאָבטשע איז געווען אָנגעטון אין אַ שמאָל אָפּגעפּאַסט קלייד מיט אַ טיפן דעקאָלט. אין שפּיץ פון דעם דעקאָלט האָט זי צוגעטשעפּעט אַ בינטל אימיטאַציע־קערשן, די טעכטער האָט זי אויסגעשלייערט מיט געלע בלימלעך אין די האָר, די טאַליעס אַרומגענומען מיט רויטע פּאַסקעס, די העלדזער — מיט שמאָלע סעלעדין־סאַמעטענע טאַשמעלעך. זיי האָבן געהאַט לאַנגע העלד־זער, ווי טאָבטשע. נאָר מיט דעם זענען זיי ענלעך געווען צו איר. יעדע פון זיי האָט געהאַט אַן אַנדער נעזל: זאָשקע, די בכורטע, האָט געהאַט אַן אָד־לער־נאָז — אַביסל צופיל פאַרבויגן; רעגינע, די מיטלסטע, האָט געהאַט אַ הויקער־נעזל — אַביסל צופיל הויקערדיק; האַלינקע, די מוזשינקע, האָט גע־האַט אַ פאַריסן נעזל — אַביסל צופיל פאַריסן.

פון פריען פאַרנאַכט אָן האָבן אָנגעהויבן קומען די איינגעלאַדענע צום „בענעפיס״. עס זענען געקומען קאַוואַליערן און פּאַניענקעס: יונגעלייט אויס־געפּוצטע אין ווייסע אַלפּאַגענע סמאָקינגס. ברייטפּלייציקע, הויכוווקסיקע — מיטגלידער אין ספּאָרט־קלובן; פוטבאָל־שפּילער, טעניס־שפּילער, שווימ־מייסטערס.

דער וואַלד איז פול געוואָרן מיט געשרייען, קוויטשערייען און געלעכ־טערס. מען האָט געקלאַפּט מיט פלעשער. מען האָט געשאָסן מיט קאַלטן פּול־ווער, געזונגען, געטאַנצט. עס האָבן מיטגעזשומעט אַזש די שפּיצן פון די סאָסנעס.

מאַוריצי פינגערהוט האָט געוואָלט העלפן זיינע טעכטער, אַז זייער פאַר־ווײלונג זאָל זיך געדענקען. אין איין מאָמענט איז ער עפּעס פאַרשוווּנדן גע־וואָרן און נאָך עטלעכע מינוט דערשינען אַ פאַרשטעלטער אַלס ציגיינער. ער האָט זיך צוגעטשעפּעט לאַנגע וואָנצעס, ס׳פּנים אויסגעשמירט מיט עפּעס ברוינס, אָנגעטון טאָבטשעס גלאַנציקע באָטן, ווי שטיוועלעך. די לענדן האָט ער אַרומגעגאַרטלט מיט בלוי און רויטע טיכלעך, זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל און געפרעגט:

— ווער בין איך?
— פֿאַן פֿינגערהוט! — האָבן חברה אויסגערופֿן.
— נייַן! אַ ציגיינער! — האָט ער זיך צעשריגן און געקנאַקט מיט די פֿינגער, זיך געמאַכט ווילדונגעריש.
אַלע האָבן געלאַכט.
— ווייסט ווער ווי אַזוי ציגיינער פֿאַנגען ציגיינערינס?
— זאָג! זאָג! — האָבן שטימען גערופֿן.
— צוערשט טאַנצן די ציגיינער אַרום די ציגיינערינס. דערנאָך טאַנצן די ציגיינערינס אַרום די ציגיינער. מיטאַמאָל ווערט עפּעס אַ טומל, אַ בהלה. ציגיינער כאַפּן די ציגיינערינס, כדי זיי צו באַשיצן פֿון שלעכטס, און ווייטער פֿאָרן זיי שוין אין איין בויד... ווען מאַכט איר שוין אַ בהלה?... כאַ־כאַ־כאַ!...
די יונגעלייט האָבן אים פֿאַרשטאַנען און באַלד איז געוואָרן אַ געלויף. טייל יונגעלייט זענען געשפּרונגען איבערן פּלויט, אַנדערע האָבן זיך באַהאַלטן אין וואַלד.
עס איז שטיל געוואָרן אין דער ווילע. פֿון די ביימער־צווייגן האָבן געטריפֿט קלאַנגען, ווי טראָפּנס נאָך אַ רעגן.

3

אומרויקע צייטן

די צייטונגען זענען דערשינען מיט גרויסע קעפּ: „אייראָפּע אין געפֿאַר פֿון מלחמה“.
די הייסע אויגוסט־טעג זענען דעמפּיק. דער הימל — פֿאַרמעט־מאַט, פֿאַרלוירן דעם בלויען גלאַנץ — גלייך ער וואָלט זיך פֿאַרשטעלט ס׳פּנים פֿאַר פּחד.
אַלעק און ראַכעלאַ האָבן זיך געגרייט צו זייער טעכטערלס געבורטס־טאָג. זיי האָבן שוין אויסגעמאָסטן דעם טיש, באַשטימט ווי אַזוי אים אַוועק־צושטעלן, כדי עס זאָל זיין אָרט פֿאַר אַלע פֿאַרבעטענע: פֿאַר ראַכעלאַס משפּחה, אַלעקס משפּחה און פֿאַר פֿריינט. ראַכעלאַ האָט שוין געוווּסט, אַז די

פריילין מאַרצעלאַ, וואָס וווינט אין שטאָט אַ שטאָק העכער איבער זיי, וועט קומען, צו דעם יום־טוב נייט זי זיך אַ קאָסטיומל.

ראַכעלאַ האָט ליב, אַז מען קליידט זיך שיין:

— אַ מענטש רעדט מיט זיין קליידן זיך, אַזוי ווי מיט זיין אויסזען...

זי אַליין, ראַכעלאַ, האָט אויסגעקליבן פון עטלעכע זשורנאַלן מאָדעלן — אַ יאַקעלע פאַרן קינד, ווי אויך דעם פאַסאָן פאַר איר קלייד.

גרייטנדיק זיך צום יום־טוב האָט ראַכעלאַ געלערנט דאָס קינד דעקלאַמאַציעס, לידלעך; געלערנט זי ווי אַזוי צו האַלטן די הענטלעך, ווי אַזוי צו באַגריסן געסט — האַלטן ס׳קעפל הויך.

מיטן יום־טוב האָט זי געמאַכט אַ טומל אין דער ווילע: מאַמעס און קינדער האָבן גערעדט, זיך געגרייט מיט מתנות. מען האָט געפּרעסט די קליידלעך, געפּוצט די שיכלעך, געקויפט סטענגעס צו די צעפּלעך.

ווען אַלעק איז שבת אַרויס אויף זיין פרימאָרגן־שפּאַציר אין וואַלד, האָט ראַכעלאַ אים מיטגעגעבן ס׳טעכטערל, כדי ער זאָל אויסהערן אירע דעקלאַמאַציעס. ער האָט באַוווּנדערט איר זכרון, געווען פול מיט התלהבות און אין גיין אַרומגעכאַפּט אַ בוים, נאָך אַ בוים. נאָר אַז ער איז צוריק געקומען אויף דער ווערענדע און זיין בליק האָט זיך געטראָפן מיטן פעטן קאָפּ־שריפט אין דער צייטונג וועגן דער מלחמה־געפאַר, האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס קוקט אויף אים אַן אָפענער לייבן־פּיסק.

— ראַכעלאַ! לאָמיר מאַכן דעם יום־טוב שוין די וואָך! — האָט ער ראַפּטום אַ זאָג געטון.

— וואָס פאַלט דיר איין? — האָט ראַכעלאַ פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— אָט דער אַ קאָפּ! — האָט ער איר אָנגעוויזן אויף דער צייטונג. — כ׳האָב שטאַרק מורא פאַר מלחמה.

— איך האָב נאָך נישט פאַרטיק ס׳קליידעלע פאַרן קינד, נישט מיין קלייד. איך בעט דיך, מאַך נישט קיין פּאַניק!

— דו האַלטסט, אַז ס׳איז בלויז פּאַניק?

— ס׳שרייען, אַז עס דראָט אַ געפאַר, איז כדי צו פאַרמיידן די געפאַר.

— און אַז מען קאָן נישט?...

— דו האָסט אַ הנאה מיך צו באַאומרואיקן, זאָג!?

אַלעק איז געווען אַן עקשן. כאָטש ראַכעלאַ האָט נישט געוואָלט אָננעמען זיין פאָרשלאָג צו פּראַווען דעם געבורטסטאָג שוין דעם קינפטיקן שבת, האָט ער דאָך באַשלאָסן צו שטעלן זי פאַר אַ פאַקט. מיט דעם געדאַנק איז ער צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. ער איז אַוועק צו זיין אַרבעט, האָט זיך געזעצט ביי דער ביורקע, גענומען קאַלקולירן, רעכענען, אָבער די אַרבעט איז אים נישט געקראָכן אין קאָפּ. ער האָט אין דמיון זיך געמאָלן ווי עס וועט אויסזען ווען עס וועלן זיך צוזאַמענקומען זיין משפּחה — די יידיש־יידישע, און ראַ־כעלאָס משפּחה — די יידיש־פּאָרפּוילישטע. זיי וועלן זיצן ביי איין טיש — ווערן איינס. פאַראַיאָרן האָט ער דערפירט צו דיסקוסיע איבער „נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין". וואָלף, סאַלעס מאַן, ווען דער חסיד קוקט נאָך אַפער פון אונטערן קאַפּעליוש; הערש־לייב, פּערלס מאַן, וואָס האָט ערשט נאָך דער חתונה אויסגעטון די געהאַקטע קאַפּאָטע, גענומען זיך קליידן קורץ — האָבן זיך צערעדט מיט ראַכעלעס ברודער: מאַרעק און יעקב. „נישט די קליידונג באַשטימט דעם ייד...". ס'איז געווען אַ האַרבער וויכוח. דעם המשך האָט מען אָפּגעלייגט אויף היי־יאָר.

דעם טאָג איז אַלעק נאָך דער אַרבעט נישט געגאַנגען אַהיים. ער איז אַוועק צום ברודער און די שוועסטער, כדי זיי צו פאַרבעטן אויף דער שמחה.

— ס'קאָן זיין שוין דעם שבת און עס זאָל זיך ציען ביז איבעראַכטאָג. אַ יום־טוב, וואָס פריער מען הייבט אים אָן צו פּראַווען, אַלץ לענגער גע־דויערט ער, — האָט די יינגערע שוועסטער סאַלע געזאָגט און באַגלייט מיט איר מאַנאַ־ליזאַ־שמייכל.

אַלעק איז אַוועק צו זיין עלטערע שוועסטער פּערל:

— ס'אָנטון אַ ניי קליידל און זען דאָס קינד אין אַ ניי יאַקעלע, איז אויך אַ שמחה. אַ פרוי האָט ליב צו פרייען זיך מיט אַ פול האַרץ... ס'איז נישט מער ווי איין וואָך צוצוואַרטן, באַטראַכט זיך! — האָט פּערל אין איין אָטעם געזאָגט.

מיטוואָך. אַלעק איז געזעסן ביים שרייבטיש אין דעם פאַבריק־קאָנטאָרל. זיינע קנאָכיקע באַקן זענען געווען ווי פאַלירט פון פרישן ראַזירן זיך; פון ביסל הערעלעך אויפן קאָפּ, וואָס ער האָט צעשפּרייט, כדי צו פאַרקלענערן זיך דעם פּליך, איז אַ האָר נישט געווען אַנדערש ווי ער האָט זיי אַוועקגע־לייגט. ער איז געווען פאַרטון אין חשבונען, קאַלקולירן. דאָס געקלאַפּערײ

פון די פּרעסן אין דער מאַשינען־האַלע, דאָס רוישן פון מאַשינען איז כמעט ווי נישט דערגאַנגען צו זיין אויער. זיין געדאַנק איז אָבער ווידער מיטאַמאָל פאַרנומען געוואָרן מיט דעם פאַרשטייענדיקן געבורטסטאָג פון זיין טעכטערל. ער האָט שוין געפילט דעם ריח פון די בלומען, וואָס ער האָט באַשלאָסן צו קויפן.

פּלוצלינג — עס קלינגט דער טעלעפאָן. עס רעדט סאַלע, זיין שוועס־טער: ער זאָל צופאָרן צו ראַכעלאָן און זי אַהיימנעמען! מען אַנטלויפט פון די דאַטשעס!...״.

אַלעק איז שטיין געבליבן, ווי עס וואָלט אים אויסגעפעלט אָטעם. ער האָט נישט געהערט, אַז אין דער מאַשינען־האַלע איז אַלץ פאַרשטומט גע־וואָרן...

אויף די מויערן פון די הייזער זענען שוין צעקלעפּט געווען פּלאַקאַטן: „אַלגעמיינע מאָביליזאַציע!״.

4

וואַקלעניש

דורך צוויי וועגן האָט אַלעק געקאָנט קומען אין דער ווילע אַריין: איי־נער אַ געפּלאַסטערטער טראָטואַר, אָבער אַרומצוקרייזן ווילעס; דער צווייטער וועג — אַן אָפענער זאַמד־פּלאַץ. מען קאָן אים דורכשניידן שיף — דער וועג קומט אויס קירצער.

ס׳איז שוין געווען שקיעה־צייט. הינטערן וואַלד האָבן זיך געקנוילט וואָלקנס. די סאָסנעס זענען געווען ווי אַ פלאַם. אַלעק האָט געאײַלט אַנצוקו־מען אין דער ווילע נאָך פאַרן צופאַלן פון אָוונט, איז ער געגאַנגען דורך דעם זאַמד־וועג.

אין זוניקע טעג פלעגן דאָ קינדער זיך שפּילן, אויפשטעלן פון זאַמד טורעמס און הייזער; אָפט פלעגט מען טרעפן ליגן אַ קענדל, אַ לאָפּעטקע, וואָס אַ קינד האָט פאַרגעסן. איצט איז נישטאָ קיין זכר דערפון. ס׳זאַמד איז צעכוואַליעט, ווי די ווייסל אונטער אַ ווינט. עס איז שטיל אַרום — אַפילו

נישט קיין בילן פון אַ הונט. — „זעט אויס, אַז אַלע דאַטשניקעס זענען טאַקע שוין זיך צעפאָרן. אפשר איז ראַכעלאַ אויך אַהיימגעפאָרן? נישט געוואָרט אויף מיין קומען?״ — האָט אַלעק גערעדט צו זיך.

ער האָט אַ הוסט געטון און מיט דעם הוסט ווי אויסגעדעכעט זיין מורא.

ביי דער פורטקע פון דער ווילע איז געשטאַנען ראַכעלאַ מיטן קינד. ער האָט זיי געזען פון דערווייטנס — זיי זענען געווען די איינציקע דאָרט. זיי האָבן אים דערזען פון דער ווייטנס — ער איז געווען דער איינציקער אויפן וועג. ראַכעלאַ האָט געלאָזט דאָס טעכטערל לויפן אַנטקעגן דעם טאַטן. זי אַליין האָט אויך נישט געוואָרט אויף זיין צוקומען צו איר.

— ביסט געגאַנגען דורך דעם זאַמד־וועג. ווען איך וואָלט געטון ווי אונדזער טעכטערל האָט געוואָלט, וואָלט צוגעגאַנגען צו דער סטאַציע, וואָלטן מיר זיך נישט געטראָפן.

— דער וועג איז דאָך קירצער.

— און דו ביסט מיד, ווי דו וואָלסט געגאַנגען אַ גאַר ווייטן וועג.

— אין איילעניש איז יעדער וועג לאַנג...

— זייט עס איז אַנטשטאַנען די בהלה מיטן פאָרן צוריק, האָט די קליינע מיך נישט געלאָזט רוען, נאָר מען זאָל צוגיין צו דער סטאַציע. אַלע טאַטעס קומען, וועט איר טאַטע אויך קומען.

— שוין אַלע זיך צעפאָרן?

— נאָך פאַר דעם מאָביליזאַציע־רוף איז שוין דאָ געווען אַ טומל. די פינגערהוטס האָבן גאַרנישט געפּאַקט זייערע זאַכן, ווי געשטאַנען און געהאָנגען אַרויפגעוואָרפן זיי אויף דעם וואָגן. בוימאַן און וואַקסמאַן זענען געקומען צעיאַכמערטע, ווי די וועלט גייט שוין אונטער. אַלע זענען אַוועק מיט איין מאָל.

— וואָס האָסטו געטראַכט?

— אַז דו וועסט נישט קומען, וועל איך אַלץ איבערלאָזן און אַהיימפאָרן.

באַענט צו דער ווילע האָט דאָס מיידעלע גענומען לויפן און גערופן:

— מיין טאַטע איז געקומען! מיין טאַטע איז געקומען!

ס׳איז קיינער נישט געווען אין דער ווילע, דאָך האָט זי גערופן. ס׳קינד

האָט דעם רוף געהאַלטן אין זיך פון לאַנג. איצט זאָל כאָטש נאַסטיאַ, די דינסט, הערן.

די פּורטקעס פון די אַרומיקע ווילעס זענען שוין געווען פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער. טיר און לאָדן פאַרקלאַפּט. די ליידיקע וועראַנדעס האָבן אויסגעזען, ווי צוימען אַרום ברונעמס. עס איז שטיל געווען. שטיל ביז שרעק. ביינאַכט האָבן ווייטע ליכט־פּאַסן פון רעפלעקטאָרס געשניטן דעם הימל, ווי צווי שער־צונגען.

אַלעק האָט געקוקט אין דער נאַכט־פינצטערניש און געזען פאַר זיך גאָר ליכטיקע בילדער: אַ כלה ווערט געפירט צו דער חופה... יונגע פּאָרלעך, אין ספּאָרט־קליידער, שפּילן אין טעניס... אויף דער וויסל אַ שפּאַציר־שיף אילומינירט, די פייערלעך פינקלען אין וואַסער און מישן זיך אויס מיט דעם געפינקל פון די שטערן... אין לונאַ־פּאַרק דרייט זיך ס׳ריזיקע כישוף־ראָד, פּאָרלעך אין די הוידלקעס קייכן פון געלעכטער... קינדער פאָרן אויף ראָווערן... עלטערע רעדן, לאַכן אויפן קול...

ראַכעלאַ איז צוגעקומען:

— אַז מען איז איינער אַליין אין וואַלד, זעט ער אויס גרעסער ווי ער איז און ווערט פרעמד! פרעמד!...

— פלעגסט אַרויספאָרן אַהער ווען קיינער איז נאָך נישט געווען און האָסט נישט מורא געהאַט.

— די מאָביליזאַציע איז נישט קיין שפּילעכל.

— אין אַ שטורעם ווערן מענטשן קליין, באַהערשט פון פּחד. גיב אַ בליק אויף צוריק: צו אונדזער וויל־לעבן האָבן מיר נישט געדאַרפט מער ווי אַ העלע זון און אַ קלאָרן הימל...

— יאָ, ווען דער האַרמאַט איז נאָך געווען אַ ציפער אין אינווענטאַר...

— דאָס לעבן שטעלט זיך דאָך נישט אָפּ...

ראַכעלאַ האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל.

— מען דאַרף איינפּאַקן די זאַכן, — האָט זי ווי צו וועקן אים געזאָגט.

— אפשר בלייבן מיר ביז צו די יום־טובים? אין שטאָט אין היים, דעמפּיק. פאַרגעס נישט, מיר וווינען אויפן פינפטן שטאָק.

— ניין! ניין! מירן נישט בלייבן. ס׳קינד איז שוין מיט אַלע חושים

אין דער היים. זי דערמאָנט שוין דאָס גיך פּרייטיק־צונאַכטס צו דער באַ־בען. איר פאַנטאַזיע איז שוין צעשפּילט...

אַלעק האָט גענומען איינפּאַקן די זאַכן. דער ווינט האָט זיך געשלייכט צווישן דיביימער און געטראָגן מיט זיך פאַרהוילנס.

5

אַהיימגעקומען

דער פּויער מיטן וואָגן זאַכן, איז לאַנג געווען אין וועג, מחמת אויף די וועגן האָבן זיך געצויגן לאַנגע רייען מיליטער־אָבאָזן. ראַכעלאַ און אַלעק זענען פאַרנומען געווען מיט צעפּאַקן די קוישן; אַריינלייגן די זאַכן אין די שענק. אין די צימערן — אַ גרויסע אומאָרדענונג און עס קומען אַריין שכנים. מען קומט זיך עצהן; מען קומט דערציילן וואָס ס׳איז גע־שען, וואָס געהערט. אַלעקס שטוב איז איצט אַ מין אינפאָרמאַציע־שטעלע. עס זיצט זיסלמאַן, שוין קיין יונגער מענטש, וואָס האַלט זיך יונג. ער איז געווען אַ פאַרטרעטער פון אַ זייפנפאַבריק.

— די מלחמה האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן און איך בין שוין אַ געליטענער.

— דהיינו ?

— כ׳קאָן נישט אָפּקריגן מיין געלט פון דער באַנק.

— סטייטש, איר זיסלמאַן, איר האָט געוואַרט ביז צו פאַרשפּעטיקן?

— די באַנק האָט געשלעפּט. ס׳האָט זיך געטון דאָרט חושך. מענטשן: קאָפּ אויף קאָפּ. די געגלאָזטע טירן האָבן זיך געדרייט, ווי פליגל ביי אַ ווענטילאַטאָר. מענטשן אַריין און אַרויס. די סטענאָטיפּיסטקעס האָבן גע־קלאַפּט אויף די מאַשינקעס; די בוכהאַלטערס האָבן געריבן מיט די פּע־נעס אין די ביכער, אָבער די קאַסירערס האָבן נישט געצאָלט. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גאָר איינגעצאָלט געלטער. אפשר זענען זיי אָנגעשטעלט פון דער באַנק, כדי צו פאַרקלענערן די פּאַניק?... דער פּאָר־טיער, אין זיין ברוינעם אוניפאָרם־מונדיר מיט די ווייסע בלעכענע קנעפּ,

וואָס פלעגט הכנעהדיק באַגריסן יעדן אַריינגעקומענעם, איז זיך געזעסן ווי אַ באַאַמטער. ער האָט אויף יעדן אַריינגעקומענעם געקוקט, ווי אויף עפּעס אַ בייז וווּנדער. היינט בין איך ווידער געווען, איז שוין נישט געווען קיין מהומה. מענטשן האָבן זיך שוין איבערגעשלאָפן מיט דער צרה... פאַרן אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ מענטש און האָט געשפּיגן אויפן באַנק־שילדל. ס׳איז אַרויסגעקומען דער פּאַרטיער און האָט גערופן דעם פּאָליציאַנט. דער פּאַרשוין האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. „דו האָסט עפּעס אַריינגעלייגט אין דער באַנק? — האָט ער געפרעגט דעם פּאָליציאַנט. — איך האָב דאָ אַריינגעלייגט מיינע אָפּשפּאָרונגען. פאַר מיין געלט מעג איך טון וואָס איך וויל״ — האָט ער געזאָגט און אַ כראַקע געטון אויף דעם שילדל אַרויף. דאָס איז געווען אַ סאַטיספאַקציע! — האָט זיסלמאַן אויסגערופן.

ס׳איז אַריינגעקומען געלערמאַן, דער שכן פון דריטן שטאָק, אַ פּער־פום־קרעמער. אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, אַ פול פּנים און קליינע אויגן מיט וואַסער־גלאַנץ. ער איז געווען גוט אָפּגעמאַטערט. ער האָט געוואָלט קויפן שפּייז־פּראָדוקטן, אין געוועלבל נעבן טויער, איז ער שיער נישט דערדריקט געוואָרן.

— יוסף, דער קרעמער, דאַרף צעטיילן די פּראָדוקטן, וואָס ער האָט אין געוועלבל, צווישן די איינוווינער פון דעם הויז, — האָט זיסלמאַן געזאָגט.

— ער טוט דאָס נישט!

— דאַרף מען אים זאָגן! — איז זיסלמאַן אויפגעשפּרונגען.

אַלע דריי זענען אַראָפּ צום שפּייז־געוועלבל.

אין דרויסן, פאַרן שפּייז־געוועלבל — אַ קנויל פון באַלעבאָסטעס און זייערע דינסטן. אַלע ווילן מיט איין מאָל אַריינקריגן זיך אינעווייניק.

אָלעק האָט זיך דורכגעשטופּט. מיט גרויס אָנשטרענגונג איז ער אַריין צו יוספן דעם קרעמער.

אין געוועלבל אַ רעש, אַ טומל. אַנגע, די ראָזבאַקיקע עקספּעדיענט־קע, שטייט אויף אַ לייטער. זי נעמט אַראָפּ פּעקלעך פון די פּאָליצעס און וואַרפט אַראָפּ צו די אויפגעהויבענע הענט פון די באַלעבאָסטעס. יעדעס

מאָל ווי עס כאַפּט איינע אַ פּעקל, צעשרייען זיך אַנדערע — הלמאי זי האָט געכאַפּט?!

פרוי קיזלמאַן, אַ קליינגעוואוקסיקע, מאָגערע, הענט ווייסע ווי אַלאַ־באַסטער, האָט קיין מאָל גאָרנישט געטראָגן אַ חוץ איר האַנטבייטל; זייט יאָרן ווי זי און איר מאַן זענען אויף דיעטע. יוסף, דער קרעמער, פלעגט זיך באַקלאָגן אַז ער האָט אין איר אַ קנאַפּע קונהטע. איצט האָט זי שוין געהאַט אָנגעפּילט צוויי קיישלעך מיט פּראָדוקטן און זי וויל נאָך: פרויען בעטן זיך, — זי קויפט נישט פאַר זיך, נאָר פאַר דער טאָכטער מיטן איידעם. — „זיי ווינען נישט אין דעם הויז! איר דאַרפט נישט צונעמען אונדזערס! די טאָכטער וועט האָבן שפּייז פון געוועלבל, ווו זי ווינט!"

אָלעק האָט פאַרגעשלאָגן יוספן, דעם קרעמער, ער זאָל צעטיילן די פּראָדוקטן לויט דער גרויס פון דער משפּחה. יוסף, אין די פאַרשטויבטע בריל־גלעזלעך, האָט נישט באַטראַכטנדיק זיך געזאָגט — „ניין! ניין!" — נאָך אַ רגלע האָט ער צוגעגעבן שטיל:

— וועט זיין מלחמה, איז וויפל זאַפּאַס איינער וועט האָבן, וועט אים זיין ווייניק. וועט נישט זיין קיין מלחמה, וועלן די פּראָדוקטן ביי זיי קאַליע ווערן. כ׳וויל נישט טיילן! כ׳וויל עס שוין פּטור ווערן, אַרויסשטופּן!...

אָלעק האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם לייטער — זאָל אַנקע, די עקספּעדיענטקע, נישט וואַרפן מער קיין פּעקלעך:

— אָפּגעשטעלט דעם פאַרקויף!

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ געשריי, אַ שטופּעניש. די מיט פולע קיישלעך האָבן זיך געשטופּט אַרויסצוגיין. די פון דרויסן האָבן זיך געריסן אַריינ־צוגיין. אָלעקן האָט מען געצויגן, געריסן פון אַלע זייטן. אַנקע, די עקס־פּעדיענטקע, איז קוים אַ גאַנצע אַראָפּ פון לייטער. אָלעק האָט געפּילט אַז דער לייטער וועט אומפאַלן. ער איז אויך אַראָפּ און האָט גאָרנישט באַנו־מען ווי אַזוי עס איז געשען, וואָס מיטאַמאָל האָט ער זיך דערזען אין דרויסן. ביים טויער האָט ער דערזען: געלערמאַן און זיסלמאַן מיט זייערע פרויען טראָגן גרויסע פּעקלעך פּראָדוקטן אין די הענט.

6

אַ רוף אין מיטן נאַכט

דאָס דינסטמיידל פון די אָלעקס איז אַוועק אַהיים אין דאָרף. ראַכעלאַ איז אין קיך. זי גרייט עסן פאַרן קינד. דאָס מיידעלע שטייט אין בעטל און שפילט זיך, וויל אָנכאַפּן אין די הענטלעך דעם זונשטראַל, וואָס שיינט אַריין דורך דעם אויבערלופט ביים פענצטער. ווען זי עפנט די פויסטלעך און האָט נישט געכאַפּט — לאַכט זי, אָבער זי שטייט דאָך נישט אָפּ דווקא אָנצוכאַפּן דעם זונשטראַל. פּלוצלינג — אַ פייפעריי פון די סירענעס — אַ לופטאָנגריף! אָלעק נעמט דאָס נישט ערנסט. ראַכעלאַ בלייבט אין קיך. סיי אָלעק, סיי ראַכעלאַ, האָבן געמיינט, אַז דאָס איז דער געוויינטלעכער אויספּרוּוו פון די סירענעס דורך דער ליגע צו פאַרטיידיקן די שטאָט וואַרשע פון לופט־אָנגריפן.

אין קאָרידאָר, אויף די טרעפּ, איז דאָך אַ געלויף. מען קלאַפּט אין דער טיר. אָלעק עפנט. פריילין מאַרצעלאַ שטייט פאַר דער טיר:

— איר לויפט נישט!? — שרייט זי — ס'איז נישט קיין פאַלשער אַליאַרעם. אַ פיינטלעכער אַעראָפּלאַן האָט זיך אַריינגעריסן אין די וואַר־שעווער הימלען!

פון דעם פאַל אָן, אַז עס האָבן זיך נאָר צעפייפט די סירענעס, האָבן אָלעק און ראַכעלאַ געכאַפּט דאָס קינד און זענען אַראָפּ אויפן הויף, האָבן זיך געשטעלט אין טויער.

נישט אַלע איינוווינער פון דעם הויף זענען געלאָפן זיך באַהאַלטן. טייל האָבן באַגאַטעליזירט דאָס פייפן. זיי האָבן געשפילט אין „ברידזש". נאָר פריילין מאַרצעלאַ האָט זיך מוראדיק געשראָקן. איין מאָל איז זי אַריינגעקומען צו די אָלעקס און געוויינט: האַלוצינאַציעס לאָזן נישט שלאָפן.

ס'האָט זיך איר געחלומט, אַז זי ברענט!... אַז זי איז אַ לעבעדיקער פאַקל. ברענענדיקע קעץ האָט זי געזען!... „כ'האָב מורא כ'בין משוגע. ראַכעלאַ, לאָזט מיך זיין דאָ מיט אייך, ראַכעלאַ!"

אין שטורעם

אַ צווייטן טאָג איז מאַרצעלאַ אַריינגעקומען מיט פּאַרדרוס אויף די שכנים:

— זיי זענען זיכער, אַז די מלחמה קומט פאַר אויף דער דייטשישער טעריטאָריע, און האָבן ווידער אָנגעהויבן אַ פרישע פּאַרטיע „ברידזש"!...

דעם טאָג האָט מען אין מיטן נאַכט געקומט אַראָפּגערופן די מאַגצבילן אַראָפּצו־קומען אויפן הויף. ס'איז אַ פינצטערע נאַכט. מען זעט נישט צי אַלע מע־נער פון די פּופּציק ווינונגען זענען אַראָפּגעקומען און מען ציילט נישט. איינער רעדט שטיל:

— ריכטונג אָקענטשי...

— דורך?

— דורך אָכאָטע!...

— געגאַנגען!..

— נישט אַלע צוזאַמען!...

— נאָר?

— פּאַרנווייז!...

— און?...

— דאָרט, דאָרט דערוואַרט מען!...

אָלעק גייט מיט בענדערמאַנען, וואָס וווינט אין פראָנט־טייל פון דעם הויז, ווו עס זענען דאָ צו די ווינונגען צוויי אַריינגענג: אַ פּאַראַדנער, אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ ליגט אַ ווייכער טעפּיך; דער צווייטער אַריינגאַנג, דורך הילצערנע טרעפּ, איז צו דער קיך. בענדערמאַן איז אַ פּאַרטרעטער פון אַ גרויסער שטאָלפאַבריק. ער האָט תמיד זיך געהאַלטן אויף אַ דיס־טאַנס פון די אַנדערע לאָקאַטאָרן אין דעם הויז. מען האָט אים נישט גע־קענט און געהאַלטן פאַר אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. ס'איז איצט דאָס ערשטע מאָל ווי אָלעק און בענדערמאַן גייען צוזאַמען. בענ־דערמאַן איז נישט העכער פון אָלעקן, אָבער ער האָט אַ בייכל. אָלעקן האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז בענדערמאַנס גאווה איז צוליבן בייכל. איצט האָט ער פאַרגעסן וואָס ער האָט אַמאָל געטראַכט וועגן אים. ער האָט דער ערשטער זיך געוואָנדן צו אים:

— ווייסט איר אפשר צוליב וואָס עס איז דאָס גיין קיין אָקענטשי?

בענדערמאַן האָט נישט געענטפערט.

ד. זאַקאַליק

מענטשן רעדן:

— מען דאַרף לייגן שטרויכלונגען קעגן טאַנקען.

— שוין דאָ?... דאָ! ביי די טויערן?!...

בענדערמאַן רעדט נישט. ער וויקלט אויף אַ פּעקעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם.

— וואָס? אַ סוועטער? ס'איז אייך קאַלט?

— ס'איז אַ חלה! — האָט ער אַרויסגערעדט.

— מען האָט אַנגעזאָגט מיטצונעמען עסן?

— ווען איך בין אין שרעק, נאָגט מיך ביים האַרץ, כ'מוז אַ קיי טון!

— און דער בויך טוט אייך נישט וויי?

— איך פּיל, אַז איך דאַרף עסן, דאָס איז אַלץ. און איר?

— ווען מען האָט פון הויף גערופן אַראָפּצוקומען, האָב איך זיך אויך גוט דערשראָקן.

— וואָס קומט דאָ פאָר? מיין קאָפּ פאַרנעמט עס נישט. געווען בלויז עטלעכע אַליאַרמען און מיטאַמאָל שוין, מען קלאַפּט שוין אין די טויערן פון דער רעזידענץ!... ווו איז די אַרמיי? ווען האָט מען זיך געשלאָגן? איז שוין אַזוי שלעכט, אַז איך, וואָס האָב אין לעבן קיין ביקס נישט געהאַלטן, זאָל אָפּהאַלטן דעם מאַרש פון שונא?!... איך זאָל לייגן שטרויכלונגען! מען דאַרף דאָך די זאַכן אויפהייבן, טראָגן! איך האָב קיין מאָל נישט אויפגעהויבן קיין משא. נישט געטראָגן קיין פּעקל. סיידן: אַ שעכטל „טשאַסטקעס"*), ווען איך פלעג אַמאָל, צופעליק, פאַרבייגיין גאַיעווסקיס צוקערניע און זיך דערמאָנט, אַז די פרוי האָט מיך געבעטן כ'זאָל קויפן אַ צענדליק טשאַסטקעס. אויף מיר וויל זיך שטיצן די פאַרטיידיקונג? פירט מיך אַהיים! איך בעט אייך, פירט מיך אַהיים! די פיס הערן מיך אויף צו טראָגן!

אַלעק האָט אָנגענומען בענדערמאַנס האַנט, זי אַרויפגעלייגט זיך אויפן אַקסל.

---

*) קיכלעך.

— שפּאַרט זיך אָן אין מיר, בענדערמאַן! פאַרגעסט ווער איר זענט געווען. רעדט אייך איין, אַז איר זענט אַן אַטלעט, אַ „הערקולעס״!...

— אויף איינצורעדן זיך, אַז איך בין, וואָס איך בין נישט, דינט מיר נאָך דער קאָפּ... די שפּיל וועל איך נישט מיטמאַכן!...

זיי זענען שוין געווען נאָענט צו אָקענטשי. מיטאַמאָל האָט אַ שטראָם מאַנצבילן זיך געגעבן אַ קער אויף צוריק.

— מען דאַרף שוין נישט!...

— ס׳איז נישטאָ וואָס צו לייגן!...

— צוריק! צוריק!

אַלעק און בענדערמאַן זענען געגאַנגען מיטן שטראָם.

— מ־נע! מ־נע! — האָט בענדערמאַן איין מאָל און נאָך אַמאָל איי־בערגעחזרט, — נאָך אַמאָל אויף אַ רוף אין מיטן נאַכט, וועל איך שלאָפן, — האָט ער געזאָגט און געמאַכט ברייטע שפּרייזן.

דער הימל האָט זיך געבלייכט אויף טאָג. ס׳פרימאָרגן־ווינטל האָט רויִק געשטיפּט...

7

ס׳איז נישט שבת...

די דייטשע אַרמיי איז געגאַנגען אויף וואַרשע מיט שטורעם. טאַנקען, אַעראָפּלאַנען, שראַפּנעלן, צינדבאָמבעס. אין וואַרשע האָבן געבושעוועט שריפות. די פּוילישע אַרמיי — צעקלאַפּט. אַ טייל באַטאַליאָנען קעמפן ער־געץ אַדורכצורייסן זיך פון דער אַרומרינגלונג.

אַלעק האָט צוגעזאָגט זיין טעכטערל צו גיין מיט איר אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, זי זאָל רייטן אויף אַ העלפאַנט. תמיד פלעגט ער האַלטן וואָרט, אָבער היינט קאָן ער נישט — כסדר לופט־אַליאַרמען. ער טראַכט וואָס פאַר אַ תירוץ צו זאָגן דעם קינד. זי ווייס שוין אַז ס׳איז מלחמה, זי פילט אָבער נישט די שרעק. ס׳מיידעלע איז אויך זיכער, אַז זי וועט היינט גיין צו דער באָבען, צו דער פרייטיק־צונאַכטס־סעודה. ליגט ער אַלעק אויף

דער קאָזעטקע און טראַכט וואָס צו זאָגן. ער האַלט די אויגן צוגעמאַכט, אָבער ער שלאָפט נישט. ס'טעכטערל שטייט נעבן אים, זי קוקט אים אין פּנים אַריין, זי דערוואַרט עפּעס. עטלעכע מאָל האָט זי שוין אויסגעצויגן איר הענטל אָנצורירן דעם טאַטן און זי וואַגט עס נישט. עפּעס האַלט זי אָפּ. אַ רגע — דערפילט, אַז ער שלאָפט נישט, טוט זי אַ לייג אַרויף איר הענטל אויף זיין שטערן, ווי עס פלעגט טון די מאַמע בעת זי, דאָס קינד, האָט זיך געקלאָגט אויף קאָפּווייטיק. ער האָט געעפנט די אויגן. האָט זי אַוועקגענומען איר הענטל:

— האָסט נישט קיין היץ — פאַרזיכערט זי.

— ניין, איך האָב נישט קיין היץ — זאָגט ער.

— אָבער גיין אין „זאַאַ" קאָן מען נישט.

— ניין, מען קאָן נישט.

דאָך איז ער נייגעריק געווען צו וויסן צוליב וואָס זי זעט איין, אַז מען קאָן נישט גיין אין „זאַאַ". ס'טעכטערל האָט נישט געזאָגט. ער האָט זיך דערוווּסט פון ראַכעלאַן, אַז זי האָט איר פאַרטרויט אַ סוד: „דער טאַטע פילט זיך נישט גוט". דער תירוץ איז גענוג געווען. זי האָט נישט אויסגעזאָגט דעם סוד. האָט ער גערעכנט, אַז זי וועט נישט דערמאָנען דאָס גיין צו דער באָבען, אָבער ווי נאָר זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר נאָכמיטיק־שלאָף, האָט זי געמאָנט מען זאָל זי שוין אָנטון כדי צו גיין צו דער באָבען. זי האָט גערעדט וועגן דער ליכטיקייט אין די צימערן, געמאָלן דעם זשיראַנדאָל מיט די פּאַטשערקעס אַרום דעם אַבאַזשור, אויסגערעכנט ווו אַלע וועלן זיצן ביים טיש בעת דער סעודה און ווו זי וועט זיצן. זי וויל שוין נישט דאָס הויכע בענקל.

אין אָוונט זענען נישטאָ קיין לופט־אַליאַרמען, וועט מען גיין — האָט ראַכעלאַ איר פאַרזיכערט.

פאַרנאַכט. אַלעק איז מיטן טעכטערל אויף דער גאַס — אויפן וועג צו דער באָבען. ער איז אַראָפּ פריִער פאַר ראַכעלאַן, ווייל די קליינע האָט זיך אומגעדולדיקט. שטעלט ער זיך אָפּ אַריינצוקוקן אין די שויפענצטער פון די שרייבמאַטעריאַלן און שפּילצייג, אַפילו אין אַפּטייק־פענצטער, כדי אין דער צייט זאָל ראַכעלאַ אָנקומען. פּלוצלינג — אַ פּייפעריי פון די סירענעס. עס איז עפּעס ווי מיט איין מאָל פינצטער געוואָרן. מענטשן לויפן אין

בהלה. מען באַהאַלט זיך אין די טויערן; דראָזשקעס, וועגענער, זענען שטיין געבליבן אין מיטן דער גאַס. פאַרלאָזענע פון זייערע אייגנטימער. אַלעק שטייט מיטן קינד אין טויער, מענטשן אַרום די ווענט. מען רופט צו אים — ער זאָל נישט האַלטן ס׳קינד אויף דער האַנט. ער הערט נישט. איינער איז צו צו אים, אַנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און צוגעצויגן צו דער וואַנט. ס׳קינד האָט אים צוגעזאָגט נישט צו וויינען.

**
*

ווי יעדן פרייטיק־צונאַכטס ביי דער באָבען אין דער וווינונג, איז אויך היינט דער טיש פון פריִען אָוונט געדעקט צו דער שבת־סעודה. ס׳איז נישטאָ קיין פיש, אָבער אין „פּולמיסעק״ *) ליגט עפּעס ענלעכס צו אַ פיש און מיט אַ פּעניצל פון אַ געלן מייער אין שפּיץ. די פאַרטונקלונג איבער די פענצטער — שטאַרק. עס הענגען שוואַרצע, געדיכט־געשפּינע־נע קאָצן, כאָטש עס ברענען נישט מער ווי די שבת־ליכט, קאָנטראָלירט מען פון דרויסן צי עס לייכט נישט דורך קיין שיין. ס׳איז שטיל און מען הערט זיך איין אין דער שטילקייט. מען דאַרף אַרויסנעמען עפּעס פון גע־שיר, וואָס ליגט אין גרויסן קרעדענץ מיטן געשניצטן צוויי פליגל־גזימס. די טירלעך סקריפּען און עס פאַרדריסט. די צוויי פלעמלעך פון די סטע־אַרין־ליכט אין די הויכע לייכטער שאָטענען זיך אויף דער וואַנט, ווי צוויי געוויכטן ביי אַ זייגער. די מוטער איז אַנגעטון אין איר שבת־טראַכט — אין בלוזקעלע מיט די קאָראַנקעס ביי די מאַנקעטן. זי זעצט זיך די ערשטע צום טיש. אויך ראַכעלאַ און אַלעק זעצן זיך, נאָר זייער טעכטערל וויל זיך נישט זעצן. עס ברענט נישט דער גרויסער זשיראַנדאָל און זי ברעכט אויס אין אַ געוויין:

— ס׳איז נישט שבת!... ס׳איז פינצטער!... ס׳איז נישט שבת!... — רופט זי און לויפט אַריין אין צווייטן צימער. זי וויל שוין ליבערשט שלאָפן.

**
*

---

*) פלאַכע שיסל.

ס'איז געווען די ערשטע נאַכט, ווען די דייטשע פליער האָבן אויך אין דער פינצטער געזייעט פייער איבער וואַרשע. זיי האָבן געוואָרפן באָמ־בעס אויף ברעטער־סקלאַדעס. פון די שריפות איז די שטאָט באַלויכטן גע־וואָרן, פאַרלייכטערט דאָס וואָרפן באָמבעס.

אויף דער גאַס — אַ גרויס געדודער. מען שלעפּט ברעטער, וועגע־נער, שינעס און שליטנס אויף צו לייגן באַריקאַדעס. מען שלעפּט די בענק פון קינאָ, די בופעטן פון רעסטאָראַנען; מען ציט אַראָפּ טירן, מען טראָגט אָן קעסלען און באַליעס. אַלץ ווערט געוואָרפן אויפן ברוק. אַלעק האָט צו־געהאָלפן.

מיטן שאַריען אויף טאָג איז אַלעק צוריקגעקומען צו ראַכעלאַן. זי איז געזעסן אין קאָרידאָר הינטער די טרעפּ, ס'טעכטערל געהאַלטן אויף דער שויס, דעם קינדס קעפּל צוגעטוליעט זיך צו דער ברוסט.

פון שלעפּן די מטלטלים צו די באַריקאַדעס איז אַלעק געווען אויס־געשמירט. ער האָט דאָך גענומען ס'קינד פון ראַכעלאַן. ס'האָט זיך איבער־געוועקט. ער האָט געגלעט איר קעפּל זי זאָל עס אָנלענען אויף זיין אַקסל און ס'קינד האָט געמורמלט:

— ס'איז נישט שבת!... ס'איז נישט שבת!...

8

וואַרשע ברענט

דער אַרומגערינגלטער פּוילישער גאַרניזאָן, וואָס האָט עטלעכע טעג געקעמפט דורכצורייסן די קלעם, האָט זיך באַפעסטיקט ביי וואַרשע.

אויף דער לינקער זייט פון דער אייזנגאַס זענען אויסגעריסן די טראָ־טואַר־פּלאַטן. מען האָט אויסגעגראָבן אָקאָפּעס. פון אַ טייל פענצטער שטאַ־רן אַרויס לופעס פון ביקסן און מאַשין־געווער. אין די גרענעץ־ווענט צווישן איין הויז און דעם אַנדערן זענען אויסגעהאַקט לעכער, כדי אין פאַל פון אַ שריפה זאָל מען קאָנען לויפן אין צווייטן הויף אַריין. טאַטעס פון געזינד־

לעך לויפן אויסקוקן ווו עס איז דאָ אַן אַנטשפּרעכנדיקער קעלער — „אַ סכראָן״ — צו קאָנען זיך באַהאַלטן אין פֿאַל פֿון אַ באָמבאַרדירונג.

ס׳ברענען פֿון ברעטער־סקלאַד איז נישט איינצולעשן. דער סקלאַד גרענעצט זיך מיט דער וואַנט פֿון הויז, ווו אַלעק וווינט. ער איז נישט זי־כער צי די שריפֿה וועט זיך נישט אַריבערטראָגן אויף דעם הויז, האָט ער באַשלאָסן צו גיין אין פֿאַבריק־לאָקאַל, אויף סמאָטשע גאַס.

— אַ ספּעציעלער „סכראָן״ *) איז נישט בעסער געבויט — האָט ער אין דער שנעל אַ זאָג געטון.

***

געקומען אין דעם פֿאַבריק־לאָקאַל, איז שוין דאָרט געווען ראַכעלאַס ברודער, מאַרעק און לאַלאַ, זיין פֿרוי, זייער קינד אין וועגעלע, און לאָלאַס מוטער. אַלעק האָט נישט פֿאַרויסגעזען ווי לאַנג ער וועט דאַרפֿן דאָ זיין, און ער האָט נישט מיטגענומען קיין זאַפּאַס צו עסן. מאַרעק האָט יאָ מיט־גענומען עפּעס פּראָדוקטן. קיין געלעגערס זענען נישט געווען צוגעפּגע־שטעלט, מאַרעק איז געלעגן אויפֿן שרייבטיש. ער איז געווען מיד, ס׳פּנים געל. ער האָט נישט גערעדט. לאַלאַ האָט געבעטן מען זאָל נישט רעדן צו אים. ער איז דערשיטערט:

— געזעסן אויף דער קאָזעטקע, געהאַלטן ס׳קינד. פּלוצלינג האָט אַ זעץ געטון אין דער שויב פֿון דער באַלקאָנטיר. אַ שראַפּנעל־שפּליטער האָט צעזעצט די שויב, אָנגעקלאַפּט אין דער וואַנט, אַ פֿינגער העכער איבער מאַרעקס קאָפּ... עפּעס אַ נס! אַ נס! — דערציילט לאַלאַ.

אויף די טרעפּלעך פֿון אַריינגאַנג אין קאָנטאָרל זיצט לאָלאַס מוטער. אַ נידעריקע, אַ מאָגערע. זי זיצט איינגעקאָרטשעט, ווי עס וואָלט געלעגן עפּעס אַ קלימעקל. זי איז געקומען פֿון ביאַליסטאָק, איר היים, כדי צו־צוהעלפֿן דער טאָכטער צו דערציִען ס׳קינד. איצט האָט זי נישט קיין גע־מיט צום קינד, איז באַהערשט פֿון אַפּאַטיע. זי דערשלאָפּט נישט די נעכט, דאָס דערשעפּט זי. בעט זי נאָר:

---

*) באַהעלטעניש.

ד. זאַקאַליק

— אַ גוטן דרימל טון לאָזט! אַ גוטן דרימל טון לאָזט!

ראַכעלאָס מוטער, די הויכע, פול־גופיקע פרוי, וואָס איז קראַנק גע־זוען אויף גאַלשטיינער, פאַרגרעסערטע לעבער, הויכן בלוטדרוק, אַ בי־סעלע צוקער, און פלעגט נאָך עטלעכע טריט זיך אַנידערזעצן אָנמעכטיק, איז איצט גאָר רירעווודיק — עלעהיי זי וואָלט קיין מאָל קיין קוועלונג נישט געפילט. זי קאָרמעט די קינדער, גרייט די דעקעס צו פאַרהענגען אין אָוונט איבער די פענצטער.

— פאַרגעס, פאַרגעס, וואָס עס האָט געקאָנט געשען. מען דאַרף צו־בויפשטעלן געלעגערס. ס'איז נישטאָ קיין קאָצן. ס'וועט נישט זיין ביינאַכט פאַר די פרויען מיט וואָס זיך צוצודעקן! — רופט אַלעק צו מאַרעקן.

די טיר האָט זיך אויפגעפראַלט. ס'איז אַריינגעקומען גאָדל, דער עלט־סטער אַרבעטער אין דער פאַבריק. ער איז האַסטיק אַריינגעפאַלן, נאָך אים זיין שוועסטער. זייער וווינונג — נאָענט צום ציטאַדעל. די געגנט איז שוין ווידער באַמבאַרדירט געוואָרן. גאָדל וויל נישט זיין דאָרט.

גאָדל, אַ הויכער, אַ בלייכער, אָבער אין פאַבריק האָט מען אים גע־האַלטן פאַר אַ בעל־כוח. ער פלעגט מיט איין האַנט אויפהייבן אַ שווערע משא. איצט זעט ער אויס ווי ער וואָלט נישט אומשטאַנד געווען צו דער־האַלטן זיין אייגענעם גלייכגעוויכט — עפּעס ווי אַ „קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן". רייזל, זיין שוועסטער, נעצט אָפּט איין אַ טיכל אין וואַסער אוןווישט אים דעם שטערן, ס'פּנים.

— זיי נישט קיין לעמעשקע, גאָדל! — מונטערט זי אים.

רייזל איז אין איין הייך מיט גאָדלען, אויך אַ געלע. זי שעלט די מלחמה־פירער מיט וויסטע קללות און שפּייט אויס. „ס'זאָל אויסגיין צו זייערע קעפּ"!... זי בייזערט זיך אויף גאָדלען — הלמאי ער איז אַ פּחדן, נאָך שוואַכער ווי זי, די פרויענצימער! זי וואַרפט אים פאָר, אַז ער האָט געוואָלט די מלחמה — עס זאָל נעמען אַן עק מיט היטלערן, דעם אַנדרוגנס.

— דיין געלער קאָפּ האָט פאַרגעסן, אַז אַ שטעקן האָט צוויי עקן!...

***

ביינאַכט. די אַרטילעריע קנאַלט. פאַר די פענצטער פליען שטיקער פייער. גאָדל ליגט צווישן די קאַסטנס, וווּ ער האָט זיך אויסגעבעט אַ גע־

אין שטורעם

לעגער און ברומט א ניגון פון יום־כפור־דאַוונען. ער האָט געקענט חזנות־שטיקלעך.

— מאַמעמע! מאַמעלע! — קרעכצט רייזל.

— פאַר וואָס שלאָפסטו נישט, רייזל?

— כ'קאָן זיך איצט גאָרנישט פאָרשטעלן וואַרשע.

— געדענקסט נישט די שעראַקאָווסקע, דאָס טראַמוויי־געסל? געדענקסט נישט די שמאָלע מילע, וואָס איז פרייטיק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַרק? געדענקסט נישט די נאַלעווקעס, די ביעלאַנסקע, וואָס דו פלעגסט יעדן שבת־צונאַכטס, אין שפּאַציר, אויסמעסטן עטלעכע מאָל הין און צוריק, זיך איינגעקוקט אין די שויפענצטער? געדענקסט נישט די מאַרשאַלקאָווסקע, ווו דו פלעגסט מיט דיין שעפאָווע גיין ספעציעל אָפּ־קאָפּירן מאָדעלן פון קליידער אין די ברייטע וויסטאַוועס? געדענקסט נישט?

— אָבער איצט?!...

אַ שטאַרקער זעץ. אַ שטיק פייער איז פאַרביי די פענצטער.

— הנשמה לך והגוף שלך!... — צעגייט זיך גאָדל מיטן חזנות־ניגון.

— איצט, גאָדלשי!? איצט זינגסטו!?...

— איצט, רייזלשי, איצט!

— גאָדל, דו גלייבסט אין גאָט? — פלעגט פלוצלינג מאַרעק.

— איך מיין, אַז איך גלייב.

— ביסט זיכער, אַז דו גלייבסט גענוג?

— צי גענוג איז קיינער נישט זיכער, והא ראיה: עס זענען דאָ גאָר גלייביקע, שטאַרק גלייביקע, פאַנאַטיש גלייביקע.

ס'איז געווען די צייט אַלעק זאָל אַרויסגיין האַלטן דיזשור אויפן הויף. גאָדל האָט זיך אויפגעשטעלט. אויך ער וועט גיין:

— אויך איך האָב וועמען צו היטן...

זיי זענען אַרויס אויפן הויף און באַלד צוריק אַריינגעקומען.

— וואַרשע ברענט! וואַרשע ברענט!

— רייזלשי! דער גאַנצער צפון־טייל פון דער שטאָט ברענט! אונדזער היים ברענט!

ד. זאַקאַליק

רייזעלען איז קלאָר געוואָרן, זי האָט געציטערט, אַ צאָן געקלאַפּט אין אַ צאָן:

— ס'קדחת וואַרפט מיך, גאָדלשי!

***

די נאַכט האָט וואַרשע געברענט. זיילן רויך, פייער־צונגען, מיט אַ ים פונקען און סאַדזע, האָבן פאַרפלייצט די הימלען. אַלץ האָט געברענט מיט איין מאָל. רויטע פלאַמען האָבן געמאַכט צו קויל הייזער, געוועלבער, סקלאַדעס, מאַגאַזינען.

***

אויף דער גאַס — אַ פלאָנטער פון מענטשן: מענער, פרויען, יונגע און אַלטע. די בהלה איז גרויס. ווו מען קערט זיך — פייער. אין ווירוואַר פון מענטשן — שטופּט זיך דורך פּסח, אַלעקס ברודער, מיטן זון, זיין בן־יחיד, דעם 16־יאָריקן אברהמיק — אפשר איז די פאַבריק נאָך נישט פאַרגאַסן פון דער פייער־לאַווינע?

— טאַטע, קום צוריק, אויך דאָרט ברענט!

— דו זעסט נישט גוט. פון דער ווייטנס קאָן מען נישט זען!

— טאַטע, דו הוסט! דער רויך שטיקט. געדענקט דיין אַסטמע!

— דערמאָן מיך נישט! דערמאָן מיך נישט!

— צוליב די צוויי דרייבענק, די „קאָזעס"... נישט כדאַי איינצושטעלן ס'לעבן, טאַטע!

— „קאָזעס", זאָגסטו? „קאָזעס"! — די „קאָזעס" האָבן געצאָלט שכר־לימוד פאַר דיינע שוועסטער. זיי האָבן אונדז געשפּייזט און געקליידט.

— דו אַליין פלעגסט די דרייבענק אָנרופן „קאָזעס", טאַטע!

— איך האָב געחוזקט אויס הנאה, און דו אויס ביטול.

— ניין, טאַטע, נאָר כדי אָפּצוהאַלטן דיך פון גיין איצט.

דאָס הויז און די פאַבריק האָט זיך געשמאָלצן אין דעם גרויסן טיגל — אין אַ ריזיקן פייער־אויוון. פּסח האָט געזען, אַז זיין גוטס ברענט. ער

אין שטורעם

האָט נישט געוואָלט זאָגן, נאָר מיטאַמאָל האָט ער אָנגעכאַפּט דעם זון פאַר דער האַנט:

— די מאַמע איז דאָרט איינע אַליין! קום צוריק! קום!

**

פון אַ צווייטער זייט, אין דער צפון־געגנט פון דער שטאָט, זענען געלאָפן וואָלף און סאַלע, אַלעקס שוועסטער מיטן מאַן. זיי האָבן געצויגן אין דער ריכטונג צו פראַנציסקאַנער גאַס. דאָרט — זייער טייל, אין דריי־שטאָקיקן הויז — טבין וטקילין, באַצאָלט פאַר דעם שטיקל נחלה. יאָרן אָפּגעשפּאָרט פון מויל, כדי צוצוקומען צו עפּעס עס זאָל אַריינקומען אַ זייטיקער גילדן, קאָנען איין מאָל שוין זאָגן: „סאַלע, גענוג אַרויסצויאָגן פון זיך די כוחות ביי צושניידעריי ביז שפּעט אין דער נאַכט!" דאָ נישט לאַנג — אַ נייעם דאַך געדעקט, כדי דער לאָקאָטאָר זאָל דערלייגן אַ גילדן צום דירה־געלט.

— אפשר דאַרף מען איצט אַן עמער וואַסער, ס׳פייער זאָל נישט אויפעסן אונדזער גוטס?! — האָט וואָלף גערעדט צו סאַלען.

אויף דער גאַס: פּעק, וואַליזקעס, קוישן, באַלן סחורות, פּעק בעט־געוואַנט און קליידער. וואָלף און סאַלע שפּרינגען איבער פּעק. ראַפּטום האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אַ געשריי געטון צו וואָלפן:

— ס׳הויז ברענט!

אויך וואָלף האָט עס געזען, אָבער נישט געוואָלט זאָגן. ער האָט געפרעגט כלא־יודע:

— דו מיינסט, אַז דאָס איז עס?

**

... ה־ה־ה־ה־ה — המלך! — האָט אַ צעצויגן קול איבערגעוועקט אַלעקן.

גאָדל האָט געדאַוונט פאַרן עמוד. אין דער דירה, איבער דער שלאָסעריי, האָבן ייִדן פון דעם פאַבריק־הויף געמאַכט אַ שיל.

ד. זאַקאַליק

9

הונגער

אַ חודש האָט וואַרשע געקעמפט אין דער אַרומרינגלונג. עס איז כסדר שיטערער געוואָרן דאָס קלאַפּן פון די פּוילישע זעניטקעס, ביז בלויז איין זעניטקע האָט זיך געלאָזט הערן. די זעניטקע איז מאַסקירט צווישן בזשאָזעס — נאָענט צו דעם פאַבריק־לאָקאַל, ווו אַלעק און זיין משפחה זענען דאָ און האַלטן אים פאַר דעם בעסטן „סכראָן". די דייטשישע פליער האָבן געקרייזט אַרום דעם שטח, כדי צו אַנטדעקן די זעניטקע. איין טשאַטע איז אַוועק, איז אַנגעפלויגן אַ צווייטע. מיט אַמאָל איז שטיל גע־וואָרן דער ראַדיאָ. די עלעקטרי־סטאַציע איז צעשטערט געוואָרן. וואַרשע איז אָן ליכט, אָן וואַסער. מען קריגט שוין נישט קיין ברויט.

הונגער.

לילי — וויפל זי עסט, האָט זי ווייניק. ס׳קינד האָט געגעסן די דאַרע סקאָרינקע פון ברויט, וואָס די באָבע פלעגט אַרומשניידן פון וויכן.

איצט איז סאַלע, ראַכעלאַס יונגע שווערין, וועלכע איז אין דער נאַכט פון 6טן אויפן 7טן געבליבן אַליין, נאָך דעם ווי יעקב, איר מאַן, איז אַוועקגעלאָפן פון וואַרשע, צוגלייך מיט נאָך טויזנטער יונגע מענטשן, געקומען אין פאַבריק־לאָקאַל צו אַלעקן און דער משפחה און געבעטן מען זאָל איר געבן עפּעס צו עסן. זי איז אין די שריפה־נעכט געלאָפן מיט איר מוטער פון די נאַלעווקעס צו זיך אויף טלאָמאַצקע און פון איר צום ברו־דער אויף טוואַרדע. אין דער בהלה האָט מען נישט געדענקט וועגן עסן. דאָרט איז אַלץ צו אַש. מען הונגערט. — „דאָ איז דאָך אַ מלכות! כ׳בין אויך פון דער משפחה, וואָס איר עסט, גיט אויך מיר!" — האָט זי מיט אַ פאַרפלאָסן קול גערעדט צו אַלעקן.

סאַלע, וואָס פלעגט תמיד אויסזען ווי אַ חנעוודיקע כלה, האָט איצט אַ פאַרכמורעטן בליק. זי ווייסט שוין, אַז אויך דאָס קינד הונגערט דאָ. די אַלטיטשקע באָבע, לאָלאָס מוטער, האָט בעתן עסן געבן דעם קינד אין וויגעלע, דאָס פלעשל שיטערע גרויפּן־געקעכטס מיטן גומי־זויגער געננו־

אין שטורעם

מען איין מאָל צווישן אירע ליפּן און געזויגן. צוערשט געמאַכט ווי זי וויל אויספּרוּוון צי עס איז נישט צו הייס פאַרן קינד; אַ צווייט מאָל האָט זי ווידער גענומען דעם זויגער צווישן די ליפּן און שוין אַ גרעסערן שלונג געטון. סאָלע האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — די אַלטיטשקע זאָל נישט זען, אַז זי האָט עס באַמערקט...

— דאָרט! דאָרט! אין דער וווינונג ביי אונדז ליגט אַ זאַפּאַס פון פּראָדוקטן! — איז אַלעק אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי.

פון זיין געשריי האָבן זיך אַלע דערשראָקן. זיי האָבן געזען, אַז ער איז גרייט צו גיין, האָבן זיי געוואָלט עפּעס זאָגן, זיי האָבן אָבער נישט באַוויזן אַרויסצורעדן קיין וואָרט — ער איז שוין געווען אין דרויסן.

אויף דער שטאָט האָבן אָן אויפהער געהאָגלט קוילן.

***

וואַרשע. די שטאָט: „די גבירטע", איז געלעגן צעשמעטערט אין סאָדזע און אין קויל. די שטאָט האָט זיך אונטערגעגעבן, ליגט אַ באַצוווּנגענע, אַ פאַרשעמטע.

די דייטשן זענען נאָך נישט אַריין אין שטאָט. זיי פאָדערן: „אַפּרוימען די באַריקאַדעס פון די גאַסן". אין די ראָגעס פון די גאַסן פירט זיך אַ האַנדל. מען פאַרקויפט פיש-קאָנסערוון, קאָנסערווירטע אוגערקעס. די סחורה איז אַוועקגעכאַפּט דורך איינשטעלער פון אָן אָפּגעברענטער, חרוב געוואָרענער קאָנסערוון-פאַבריקן. קיין ברויט איז נישטאָ. די אוגערקעס — אַ יקר המציאות.

אַלעק איז אַרויס אויף די נאַלעווקעס. ער האָט געקענט יעדן שפּאַן, יעדעס הויז, געשעפטן. איצט — איין חורבה. געווען דאָ אַ לאַבירינט פון געשעפטן, געוועלבער, קראָמען — סחורות אַלערליי. פון די אַמאָל געפּוצטע געשעפטן מיט די רייכע וויטראַזשעס, קראַוואַטן, העמדער, הענטשקעס און שאַלן — איין באַרג מיט גרוז און טיפע אָפּגרונטן, שטיקנדיקע ריחות.

אָפּגעברענטע האַלאָוועשקעס זענען די הייזער אויף דער גענשע-גאַס. קיין זכר נישטאָ פון די מאַנופאַקטור-געשעפטן, פון די שטאָפן; פוירהאַנגען, פאַטשיילעס און פלושענע דעקעס. פייער-צונגען האָבן אַלץ פאַרשלונגען. ווי שוואַרצע קוימענס זענען די אָפּגעברענטע הייזער אויף דער פראַנ־

ציסקאַנער גאַס, אויף שוויענטאָיערסקע, נאָוויניאַרסקע, אַרום און אַרום פינצטערע לעכער.

די גערטענער, די סקווערן — הויל, פוסט. דיביימער — נאַקעטע סקעלעטן, איינגעבראָכענע צווייגן ליגן איינס אויף ס'אַנדערע, ווי זיי וואָלטן זיך אַרומגעכאַפּט בעתן פאַלן — צום ראַטעווען זיך. איינגעטרוקנטע קאַשטן־בלעטער וואַלגערן זיך. ביים קלענסטן ווינטל האָפּסלען זיי, ווי זשאַבעס און טוליען זיך אין איין קופּע, ווי זיי וואָלטן זוכן באַשיצונג נישט צו צעטרעטן ווערן.

אויף דער אייזנגאַס זענען נאָך אָפן די אָקאָפּעס. אין זאַמד איז נאָך פריש דער אָפּדרוק פון די ביקסן־לופעס. אין מיטן טראָטואַר — בערגלעך, קברים פון געפאַלענע דורך פאַרבלאָנדזשעטע קוילן.

מען האָט נאָך נישט אַראָפּגענומען די קרבנות פון הינטער די קופּעס גרוז פון די צעשטערטע הייזער. אַ טוכלער ריח פּילט אָן די לופט.

וואַרשע, אָקטאָבער 1939.

10

אַ נייע אָרדענונג

די אָקטאָבער־טעג זענען נאָך וואַרעמע. די זון קוקט שעלמיש. לינדע שטראַלן צערטלען ווייך ווי אַ צוזאָג אויף אַ גאָלדענעם האַרבסט.

צוויי טעג האָט די שטאָט וואַרשע נישט געוווסט ווער עס וועט הערשן איבער איר. גרופּקעס יונגע מענטשן זענען געשטאַנען אין גאַס און געקוקט אין הימל אַריין. אַעראָפּלאַנען מיט רויטע צייכנס האָבן זיי געזען פליִען. נישט אַנדערש — די רויטע אַרמיי קומט. — וואַרשע וועט זיין סאָוויעטיש...

אויפן דריטן טאָג זענען די דייטשן אַריין מיט גרויס פּאַראַד.

אַלעק איז צוריק אין זיין וווינונג. אין די פינף פענצטער זענען נאָר דאָ געציילטע שויבן. אויף דער פּאָדלאָגע זענען צעשפּרייט גלאָז־שפּלי־

טערן. אין אַלע ווינקעלעך שטיקלעך פון די צעקרישלטע שויבן. אַ מרה־שחורה־שטילקייט אין דער וווינונג. אַ כמורנעקייט קוקט פון ביכער־שענקל. אַ געדיכטער שטויב איז געלעגן אויף דעם נידעריקן קרעדענס און זייגער. דער שטויב האָט אויך פאַרדעקט די שויבן פון דער סערוואַנטקע, ווו עס זענען געשטאַנען די פּאָרצעלייענע פיגורקעס. צו וואָס ער האָט זיך צוגע־רירט האָט עס געסקריפּעט, געקרעכצט.

דערווייל האָט ראַכעלאַ נישט געלאָזט — נישט אים, נישט דאָס קינד — זיך דרייען אין די צימערן, כל־זמן זי האָט נישט אַראָפּגערוימט דאָס גלאָז.

— עס וועט ווערן אַ תל פון דער פּאָדלאָגע. ס'פּראַטירן וועט נישט דעקן די ראַצן — האָט זי דערקלערט.

— נאָך קרבנות פון דער מלחמה, — זאָגט אַלעק און ער העלפט ראַכעלאַן מאַכן אָרדענונג.

קיין גלאָז אַריינצושטעלן שויבן אין די אָפענע פענצטער איז נישט געווען. שכנים האָבן אַריינגעשטעלט דיקטן. אַלעק האָט אויך קיין דיקטן נישט געהאַט. אין אָוונט האָט אין די צימערן געפייפט דער ווינט. צומאָרגנס האָט ער זיך דערוווסט ווו מען קריגט צו קויפן דיקטן, האָט ער פאַר־קלאַפּט די פענצטער.

צוויי טעג איז אַלעק געגאַנגען מיטן קינד שפּאַצירן. אויפן דריטן טאָג האָט ער זיך דערוווסט, אַז די דייטשן כאַפּן יידן צו אַרבעט: אָפּרוימען די קופּעס גרוז פון די וועגן, רייניקן זייערע שטאַלן. די דייטשן שלאָגן ביי דער אַרבעט. זיי האַלטן אָפּ די געכאַפּטע עטלעכע טעג — סתם צו פייניקן.

זיצט אַלעך אין שטוב און ראַכעלאַ גייט אין גאַס איינקויפן. גייט צו דער מוטער. זי זוימט זיך נישט לאַנג — זי דאַרף זיין אין שטוב. אָפט קריגט מען עפּעס עסנוואַרג צו קויפן אין געוועלבל נעבן טויער און די שכנטע רופט דורכן פענצטער:

— דאַסטאַטש! (מען קריגט!).

אויף דער שכנטעס רוף דאַרף מען שנעל לויפן זיך שטעלן אין דער ריי.

היינט איז ראַכעלאַ אַוועק צו דער מוטער. זי איז עפּעס אַוועקגעפאַלן אין אַ מחלה. פלוצלונג — די שכנטע רופט:

— דאַסטאַטש מלעקאַ! (מען קריגט מילך!).

— מילך פאַרן קינד! — רעדט אַלעק און גיט צו פאַרשטיין דעם טעכטערל ווי וויכטיק ס׳איז מילך פאַר אירעטוועגן. זי זאָל נישט וויינען, אַז ער וועט זי לאָזן אויף עטלעכע מינוט אַליין. דאָס מיידעלע זעצט זיך אַנידער צום קיישל שפּילצייג אָן אַ וואָרט צו זאָגן. זי האַלט ס׳קעפּל אַראָפּגעלאָזט, אָבער ער זעט עס קייקלען זיך טרערן איבער אירע בעקלעך. ער נעמט איר גאָמבעלע, קוקט אין פּנימל.

— איך וויין נישט! איך וויין נישט! — זאָגט זי...

באַשליסט ער, אַלעק, צו גיין זיך שטעלן אין דער ריי און מיטנעמען ס׳קינד.

***

אויפן הויף האָט אַלעק גענומען ס׳טעכטערל אויף דער האַנט, כדי צו גיין שנעלער. ער איז שוין געווען נעבן טויער איז ראַכעלאַ אָנגעקומען. זי האָט געוואָלט נעמען פון אים דאָס קריגל.

— כ׳האָב מורא, עס קאָן זיך מאַכן אַ כאַפּעניש צו אַרבעט.

אַלעק האָט איר געגעבן ס׳קינד און אַוועק.

די ריי נאָך מילך האָט זיך געצויגן אין דער לענג פון עטלעכע הייזער. עס זענען געשטאַנען נאָר פרויען, איז ער געגאַנגען זיך שטעלן דער לעצטער אין דער ריי. מיטאַמאָל איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ סאָלדאַט, ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואָקסן. אַלעק איז שטיין געבליבן אַ צעטומלטער. דאָס סאָלדאַטל האָט געריטשעט:

— לינקס! לינקס! פאָרוועטס!

אַלעק האָט אים געוויזן דאָס קריגל, אַז ער וויל זיך שטעלן נעמען מילך פאַרן קינד.

דאָס סאָלדאַטל האָט פלינק אַראָפּגעכאַפּט דעם אויטאָמאַט פונעם אַקסל און אַ זעץ געטון אין קריגל. צעקרישלטע שטיקלעך זענען זיך צעשפּרונגען איבערן טראָטואַר.

***

אין שטורעם

אויף דער גאַס, פאַר דער בריק איבערן באַן־טונעל, ליגט אַ הויכע קופּע גרוז פון אַן איינגעפאַלן הויז. ייִדן אַרבעטן. טייל זענען שוין ווייס פון דעם קאַלך־שטויב, וואָס הייבט זיך בעת זיי רייסן די ציגל. מען האָט אַלעקן באַגריסט:

— אַ ברונעם אַן אַ דנאָ דאָ! עס שעפּט זיך גאָרנישט אויס!...

דער דיקער דייטש מיטן פעטן קאַרק, ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּענכער, וואָס האָט אַלעקן איבערגענומען פון סאָלדאַט, איז דער אויפזעער איבער דער אַרבעט. ער איז שטרענג. ער וואָרנט — „נישט טראָגן צו איינציקע ציגלן!" אַלעק איז שנעל מיד געוואָרן פון דער אַרבעט, ער האָט זיך אָפּגע־ריבן די הויט פון די פינגער, די נעגל צעבראָכן. דער שטויב האָט זיך אים געלייגט אויפן גומען, ווי קלעפּעכץ. ער האָט געפילט אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן, געזוכט אַ וועג זיך אַוועקצודרייען, אַנטלויפן. פאַלט אים איין: ער וועט מיט אַ גרויס שטיק פון אַ גזימס פאַרבייגיין דעם אויפזעער, ער וועט זיך טון אַ וואַקל, אַז דאָס שטיק זאָל אים אַרויספאַלן פון דער האַנט, אַרויפפאַלן אויף דעם אויפזעערס פוס — ער'ט מוזן זיך פאַרקוקן און — ויברח.

דערווייל האָט מען געבראַכט אַ פרישע גרופּע ייִדן צו דער אַרבעט. דער אויפזעער איז צוגעגאַנגען איבערנעמען זיי. אַלעק האָט זיך אַראָפּ־געגליטשט פון דער קופּע גרוז און אַ געבויגענער אין דרייען זיך אַריינגע־כאַפּט אין דער רעזורע אויף דער גאַס.

אין דער רעזורע — דריי שטולן. צוויי באַזעצט דורך געסט. עס אַר־בעט דער מייסטער און אַ געהילף. די דריטע שטול, נאָר פאַר מאַסאַזשן צו מאַכן, איז פריי. אַלעק קלערט נישט, פרעגט נישט. ער זעצט זיך אויף דער פרייער שטול. ער האָט אַ ווונק געטון צום שגץ — אַ פּראַקטיקאַנט, וועלכער פּוצט אָפּ די געסט נאָכן ראַזירן, — אַז ער זאָל אים אָנזייפן ס'פּנים. דער שגץ האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט — ער האָט אויף וועמען צו פּראַקטיצירן. — האָט ער אָנגעצויגן דאָס ראַזיר־מעסער אויפן פּאַסיק, מעשה קענער.

— וועסט מיר אויסלייען דיין כאַלאַט? נאָר דורכצוגיין דאָס שטיקל וועג, — זאָגט אַלעק צום שגץ.

קליינע טראָפּנס שווייס זענען דעם שגץ אַרויס אין די נאָז־ווינקלען. ער האָט זיי נישט אָפּגעווישט. ער איז פאַרנומען געווען מיטן מעסער.

— וועסטו?

דער שגץ רעדט נישט ווי ער וואָלט זיך געהיטן פאַר עמעצן. ער ווייזט אויף די פינגער וויפל עס דאַרף קאָסטן. ער ווייזט אָן, אַז עס איז דאָ אַ הינטער־טיר און ער האָט שוין עטלעכע אַזוי דורכגעפירט.

פאַר דער טיר האָבן זיך געשטעלט צוויי דייטשן. זיי האָבן גאָרנישט געמיינט אַריינצוגיין, אָבער אַלעק איז אויפגעשפּרונגען פון דער שטול און איז אַרויס דורך דער הינטער־טיר.

11

דער ווינטער קלאַפּט אין די שויבן

די קורצע נאָוועמבער־טעג האָבן באַלד פון אָנהייב חודש זיך געשטעלט טריבע. דער הימל פאַרצויגן, ווי מיט אַ נאַס ליילעך. אויף די פענצטער־שויבן — אַ געדיכטער פאַרע־הויך אין קאָליר פון מאַטן פאַרמעט.

עס פּרישעט אַ רעגנדל, ווי אַ שטויב. טראָפּנס שלענגלען זיך, קייקלען זיך אויף די באַהויכטע שויבן, שפּינען זיך אויס אין אַן אָדערן־נעץ.

מען לויפט פון וואַרשע „אַהין"... מען האָט נישט אָנגערופן קיין נאָמען, אָבער פון דעם וואָרט „אַהין" האָט מען געוווּסט, אַז דאָס זענען די פאַר־נומענע געביטן דורך די סאָוויעטן: ביאַליסטאָק, בריסק, לעמבערג. מען גייט, מען שיפט זיך דורך דעם טייך בוג.

— פּאַק איין די „מאַנאַטקעס" *) און מיר וועלן גיין, — זאָגט אַלעק צו ראַכעלאַן.

— מען שמועסט, אַז אויך וואַרשע וועט זיין זייערע.

***

*) חפצים.

ווי יעדן אָוונט, אַזוי אויך דאָס מאָל, איז אַריינגעקומען מאַרצעלאַ, עלעגאַנט. לויט דער לעצטער מאָדע האָט זי פון עפּעס אַ טיכל אויסגע־קניפּט זיך אַ היטל. אין פאַרלויף פון טאָג באַזוכט זי אַלע אירע באַקאַנטע. זי דערציילט:

— פאַר יידן וועט געשאַפן ווערן אַן אָפּזונדערונגס־געביט. יידן זאָלן נישט וווינען אין די געגנטן, ווו פּאָליאַקן. איר שעף פאַרברענט די ביכער פון זיין ביבליאָטעק. ביי די דייטשן זענען ביכער אין אַ רויטן איינבאַנד — קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע... זיי אַרעסטירן.

זי קוקט אין ביכער־שענקל און דרייט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט נישט מסכים זיין מיט עפּעס:

— פאַרברענט דאָס! — ווייזט זי אָן מיט דער האַנט און שליידערט ווערטער, — נעמט נישט אויף זיך קיין געפאַר! — ביכער קאָן מען תמיד צוריקקויפן...

— צו אונדז וועלן זיי נישט קומען, — ענטפערט אַלעק לאַקאָניש.

גאַנץ אומגעריכט האָט קאַמינסקי, דער קריסט, וואָס וווינט איין שטאָק נידעריקער, געשיקט די דינסט אָנפרעגן צי ער קאָן אַרויפקומען.

קאַמינסקי איז אַ באַנק־באַאַמטער. ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין דער וווינונג אין איין צייט מיט אַלעקן. זיי פלעגן אָפט רעדן וועגן אַ דרוק טון דעם אַדמיניסטראַטאָר פון הויז ער זאָל ענדערן די גאַז־אייוועלעך אין די באָד־צימערן. אין אָנהייב פון דער באַלאַגערונג איז ער אַנטלאָפן פון וואַרשע. געווען דאָרט, ביי די סאָוויעטן, און איז אָקערשט צוריקגעקומען.

— אפשר וויל ער דערציילן ווי ס׳זעט אויס אין די פאַרנומענע גע־ביטן דורך די סאָוויעטן? — פּרוּווט ראַכעלאַ אויפקלערן די סיבה פון זיין וויזיט און פאַרריכט זיך די שפּילקעס אין די האָר.

— אפשר האָט ער געהערט וועגן דעם פּלאַן פון אָפּזונדערונגס־געביט און ער וויל אונדז באַשיצן? — זאָגט אַלעק.

— ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן. ער איז אַ יידנפריינד, — רופט זיך אָן מאַרצעלאַ.

***

קאַמינסקי, אַ הויכגעוויקסיקער, איז אַריינגעקומען אַ ביסל איינגעבויגן.

ער האָט זיך געריבן די הענט, ווי זיי צו דערוואַרעמען. ער האָט נישט געקוקט אַלעקן אין פּנים, עפּעס ווי אומדרייסט. אַלעק האָט איינגעזען, אַז ער דאַרף אים צוגעבן מוט — מאַכן היימישער, האָט ער אים פאַרטשעפּעט מיט אַ פראַגע:

— כאָטש זיך אָנגעגרייט קוילן אויפן ווינטער?

— קיין קוילן וועט נישט פעלן, מסתמא קריגן, — ענטפערט ער און צערעדט זיך:

— איך ווייס נישט צי איך טו גוט... איך האָב געפרעגט מיין „פאַני". ס'איז מיר זייער שווער געווען צו דעצידירן זיך פאַרצולייגן אייך מיין בקשה.

—מיר זענען דאָך שכנים נישט פון נעכטן! — מוטיקט אים אַלעק.

— די זאַך איז די: געהערט אַז פאַר „סטאַראָזאַקאָננע" וועט זיין אַ ספּעציעל וווינגעביט. די גאַס אונדזערע קומט אויס אויסער דעם געביט. האָב איך אַ טראַכט געטון וועגן אונדזערע שכנים... ס'איז אַ ביטער געפיל... מיר וואָלטן עס אַוודאי נישט געוואָלט...

— דאָס זענען בלויז קלאַנגען.

— כ'האָב געהערט אַז דער פּלאַן איז שוין באַשטעטיקט.

— מען וועט אָפּקומען מיט שרעק.

— אויף יעדן פאַל האָב איך אַ ביטע, — זאָגט קאַמינסקי און בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ.

— דהיינו?

— די זאַך איז די: דער ווינטער קלאַפּט שוין אין די פענצטער און מיינע זענען אָן שויבן. ווי איר ווייסט זענען ביי מיר דאָ קליינע קינדער אין שטוב. גאָט זאָל העלפן איר זאָלט נישט מוזן פאַרלאָזן די וווינונג, אָבער די פאַרשאָלטענע מאַכט, די איצטיקע... איז אויב איר זאָלט מוזן, אויף דערווייל, איבערגיין אין אַ אַנדערע וווינונג, בעט איך אייך איר זאָלט אונדז אויסבאָרגן די שויבן. וואָס דאַרף שטיין אַ וווינונג מיט שויבן אין די פענצטער און מען זאָל נישט וווינען דאָ?... אונדזער שכנהשאַפט אין אַלע יאָרן איז געווען אָן אַ פאַרוואָרף, דערפאַר דערלויב איך זיך איצט צו קומען צו אייך מיט דער ביטע. איך האָב דאָס פריער גוט איבערגע־רעדט מיט מיין „פאַני"...

אַלעק האָט געהאַט אָנגעשפּאַרט די קין אין דער געפּויסטער האַנט. אַ רגע האָט ער אַ בליק געטון צו די איינציקע צוויי שויבן, וואָס זענען גאַנץ געבליבן נאָך די באָמבאַרדירונגען, זייטיק געכאַפּט אַ בליק צו ראַ־כעלאַן. ער האָט זיך געדרייט אויף דער שטול. ראַכעלאַס בליק, איר פאַר־שניר'לען די ליפּן און איינצי'ען דעם שטערן, האָט צו אים גערעדט — ער זאָל נישט אַרויסווייזן קיין רוגזה. ער האָט זיך בלויז אַ וויש געטון דעם שטערן, מיט דער צונג באַנעצט די ליפּן און שטיל געזאָגט:

— טייערער שכן! אויב מיר זאָלן מוזן פאַרלאָזן די וווינונג צוליב דער גזירה, איז אַ באַגאַטעלאַ * וואָס איר בעט אויסצובאָרגן אייך די צוויי שויבן. ס'וועט זיין שכלדיק איבערצוגעבן אייך די גאַנצע וווינונג. סיי ווי זענען אייך אייערע צוויי צימערן ווייניק, איז ביז וואָס ווען, וועט איר דערוויל האָבן באַקוועמער צו וווינען. מיר האָפן דאָך, אַז די מלחמה וועט נישט לאַנג דויערן.

— גאָט באַהיט, די מלחמה זאָל לאַנג דויערן... גאָט, גאָט! עס זאָל באַר טאַקע שנעל קומען אונדזער אויפלעבונג... — האָט קאַמינסקי מיט תפילה־טאָן אויסגערופן.

***

נאָך דעם וויזיט פון שכן קאַמינסקי איז אין אַלעקס דירה גאָר שטיל געוואָרן. אַלעק האָט זיך איינגעקוקט אין שלענגלדיקן רויך פון פּאַפּיראָס. אין מוח האָבן זיך אים געפלאָנטערט געדאַנקען וועגן גורל. עפּעס איז די וווינונג איצט געוואָרן פאַר אים ווי די הויט פון זיין לייב. אַלץ אין דער שטוב איז אים געוואָרן טייערער און די שרעק פאַרן מאָרגן האָט עס נאָך טייערער געמאַכט.

פון דאַן אָן האָט די קלענסטע באַוועגונג אין שטוב אים איבערגעוועקט פון שלאָף. האָבן רעגנטראָפּנס געקלאַפּט אין די שויבן — האָט ער שוין נישט געקאָנט שלאָפן.

---

*) נישטיקייט.

ד. זאַקאַליק

12

צו דער פרייער וועלט

אָפּט קלויבט אַ מענטש זיך צו אַ ציפער, אַ טאָג אין דער וואָך. און ער גלויבט, אַז דאָס וועט אים ברענגען גליק; וואָס ער וועט טון דעם טאָג, וועט ער מצליח זיין...

אַלעק האָט נישט געהערט צו די מענטשן. דאָך האָט ער באַמערקט: יעדע וויכטיקע ענדערונג אין זיין לעבן איז פאָרגעקומען פרייטיק. אויך זיין אַנטלויפן איצט פון וואַרשע — פרייטיק, צווייטע העלפט נאָוועמבער.

דער דראָבנער רעגן פרישעט אָן אויפהער. אויפן ברוק — גרויסע קאַלוזשעס בלאָטע. אַלעק זיצט אין דער טאַקסע, צווישן זיינע צוויי שוואָגערס, מאַרעק און מיעטעק. די טאַקסע־רעדער מישן די בלאָטע, שפּריצן אויף די שויבן גרודעס. נעבן דעם שאָפער — דער „פשעוואָדניק" *). ער איז אָנגעטאָן אין אַ גרינעם מונדיר, סאָלדאַטסקע שניט, אָן אַ היטל — מען זאָל זען זיין בלאָנדן קאָפּ האָר. עס איז זיין „פּאַספּאָרט" פאַר אַ דייטשיש אויג. ער רעגירט מיטן שאָפער: פאָרן שנעל! פאָרן לאַנגזאַם! ער רעגירט אויך מיט די דריי פּאַסאַזשירן:

— נישט אַרויסשטעקן די נעז! ווען די שויבן זענען אָן הויך, מאַכט זיך קליין!

— ראַכעלאַ האָט נישט באַמערקט, אַז אין דעם נאַרטן־היטל קאָן מען נאָך דערקענען מיין יידיש פּנים, — זאָגט אַלעק צו די שוואָגערס.

אין זכרון וויקלען זיך אים אויף בילדער פון נעכטן:

אָוונט. ביי מיעטעקן אין דער וווינונג.

הינטער די ווייסע פוירהאַנגען — שוואַרצע פוירהאַנגען איבער די פענצטער. אַלע רייכערן פּאַפּיראָסן אָן אויפהער, מענער, פרויען. די רוקזעק — אין ווינקל פון קאַפּלע־אויוון, ווי איינגעקורטשעטע גופים.

*) וועגווייזער.

אין שטורעם

— אַז דו ווערסט זיך דאָרט פאַרליבן אין אַ „באַרישניע*, זאָל זי זיין אַ שיינע, — זאָגט לאָלאַ צו מאַרעקן. זי שמייכלט און דעקט אָפּ איר שנירל ווייסע ציין. — אויב אַ „ריוואָלקע"** צו האָבן, זאָל זיך לוינען!...

די טאַקסע פאָרט לאַנגזאַם, פאַרביי שורות אָפּגעבערענטע הייזער. אַלעק קען די גאַסן. נישט לאַנג צוריק זענען זיי געווען איינגעהילט אין ליכט, געפינקלט מיט גלאַנץ. אַלעק קען יעדעס ווינקל. דאָך קוקט ער זיך איין, נישט דורכצולאָזן קיין פּרט. עס טוט אים באַנג ס'פאַרלאָזן וואַרשע, די רויקע ווייסל. פונקען שפּיגלען זיך אין דער גראָער ווייסל־דעק, אַ שרענגע פענצטער מיט חנוכה־ליכטלעך.

עס דערמאָנט זיך אים דער היינטיקער באַגינען:

דער הימל מאַט, טיף אויפן האָריזאָנט אַ פּיאָלעטער פּאַס. ראַכעלאַ איז געקומען.

— ראַכעלאַ, וואָס האָט לילי געזאָגט צו מיין אַוועקפאָרן?

— וואָס איך.

— און ?...

— און אַ טרערעלע איז געפאַלן פון די אייגעלעך.

הייבט לאָלאַ אָן צו דערציילן: עס האָט זיך איר געחלומט אַ גרויסער זאַל. איר מאַרעק שטייט אויף טרעפּ. אַ פּרויענצימער דערנענטערט זיך צו אים. אַ סך ליכטער צינדן זיך אָן. די טרעפּ, די באַריערע־שטאַכעטן, האָבן זיך פאַרביטן אין קראַטן... לאָלאַ האָט געבעטן ביי רעגינען זי זאָל איר פּותר זיין דעם חלום. אָבער אויך רעגינען האָט זיך געחלומט עפּעס אויס־טערלישס :

אַ גאַס געוועלבער. טרעגער מיט פּעק. מיעטעק לויפט. אַ פּלאַץ, אַ המון. מיעטעק איז אַ קונצנמאַכער. ער ציט סטענגעס פון מויל... אָט איז ער אָן אַ האַנט... עס ווערט ליכטיק: אויפן פּלאַץ איז נישטאָ מער ווי אַ שטעקן... מן־הסתם וועט זיך מיעטעק גיך איינגלידערן אין „דאָרטיקן" לעבן... האָט זי זיך אַליין פּותר חלום געווען.

---

*) פריילן.

**) קאָנקורענטקע.

ד. זאַקאַליק

אויך אַלעקן האָט זיך געחלומט:

ער לויפט צווישן חורבות, צווישן ליידיקע ביימער. ס'איז אַ ווינט מיט אַ רעגן. ער מיטן רוק־זאַק אויף די פּלייצעס. ער זעט אויס ווי אַ קאַ־טאַריניאַזש מיט אַ שפּיל־קאַסטן. פינצטער. דער רעגן פּאַטשט אים, ווי מיט ריטער. ער ווערט געשלאָגן פאַר אַנטלויפן, פאַר פאַרלאָזן נאָענטע... אַ האָגל קלאַפּט אין זיין דאַשעק, ווי שטיינדלעך וואָלט מען אויף אים גע־וואָרפן פאַרן אַנטלויפן פון קינד... שטיינדלעך!...

— זיי רויק! זיי רויק! — האָט ראַכעלאַ געבעטן.

די טאַקסע האָט זיך אַ שטויס געטון אויף צוריק — אַן אויטאָ מיט סאָלדאַטן איז אַנגעפאָרן. אַלעק שטרענגט זיך אָן, כדי צו זען וואָס אין דרויסן, אָבער די פאַרהויכונג פון שויב שטערט אים.

— עס ווערט פּראַסטיק. ס'וועט פאַלן אַ שניי. די פּאָליציי־שטונדע רוקט זיך אָן. נאָך אַ היפּש שטיקל וועג צום גרענעץ־שטעטל. ווו נעמט מען פליגל?! — רעדט דער „פשעוואָדניק״.

***

די טאַקסע מיט אַלעקן און זיינע שוואָגערס איז אָנגעפאָרן אויף אַ גרויסן מאַרק־פּלאַץ אין גרענעץ־שטעטל. ס'גאַנצע שטעטל איז אַנגעטאָן אין שניי. די געוועלבער פאַרקלאַפּט. אַרום און אַרום — אַ שטילקייט, ווי אויף אַ בית־עלמין. אַלעק און זיינע שוואָגערס זענען נאָכגעגאַנגען דעם „פשעוואָדניק״. דורך אַ פינצטערן קאָרידאָר און שמאָלע טרעפּ, האָט ער זיי אַריינגעפירט אין אַ ברייט צימער. עס שטייט אַ טיש און צוויי ליכטלעך ברענען אין שווערע מעשענע לייכטער. די פּאָדלאָגע איז באַשיט מיט פריש זעגעכץ. אויף דער וואַנט — אַ בילד: משה רבנו מיט די לוחות.

— איר זענט נאָך נישט ביי דער גרענעץ. מען וועט אייך פירן! — האָט געזאָגט דער „פשעוואָדניק״ און איז אַוועק.

ס'איז אַריינגעקומען דער בעל אַכסניה, אַ ייד שוין אין די יאָרן, מיט אַ קאַלטענעוואַטער באָרד.

— מיין גאַנץ לעבן האָב איך געזאָרגט פאַר ידן, ס'זאָל זיי זיין ליכ־טיק... ביי מיר האָבן זיי געקריגן: אַ קווערטל נאַפּט, אַ חלבן ליכטל. היינט

טו איך אויך מעשים טובים, וואַרף אַריבער יידן דורכן בוג צו די באַ־פרייער... דער פרייז פאַר אַ קאָפּ איז אייך באַקאַנט.

ער וואַרט נישט אויף קיין ענטפער. ער גייט אַרויס און שלעפּט אַריין דריי שעניקעס.

— איר׳ט זיך לייגן לויט אייער געשמאַק, — וויצלט ער זיך און גייט ווידער אַרויס.

פון דרויסן הערט זיך: דייטשן מאַרשירן, זינגען דאָס „האָרסט וועסל ליד״. די ליכט צאַנקען און גייען אויס. אין צימער — אַ שטאָק פינ־צטערניש.

אין דער פרי האָט מען אַלעקן געמוזט עטלעכע מאָל וועקן. ער איז געגאַנגען נאָך דער פור צו דער גרענעץ און זיך געווישט דעם שלאָף פון די אויגן. — „צוליב דעם בלענדעניש פון שניי־ווייסקייט — האָט ער זיך פאַרענטפערט. דעם גאַנצן טאָג האָט ער געמוזט זיין ביי אַ פויער אין דער כאַטע. „יודקאַ פירט נישט אַריבער קיין יידן אין שבת״, — האָט דער פויער געזאָגט. אין אָוונט האָט דער פויער איינגעשפּאַנט פערד אין וואָגן און מען איז ווידער נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן אין די הויכע שנייען. נאָענט צום וועלדל האָט דער פויער באַמערקט שאָטנס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַוועק אויסשפּירן דעם וועג, צי עס דרייען זיך נישט קיין דייטשישע פּאַטרולן...

שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי אָנגעקומען צום הייזל נעבן טייך. אויפן גרויסן פּלאַץ, פאַרן הייזל, שטייען אַ סך פערד און וועגענער. די טיר פון הייזל — אָפן. מענטשן גייען אַריין, אַרויס; מען שיפּט זיך נישט איצט. פון „יענער״ זייט שיסט מען צו די שיפלעך.

אַלעק איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון אַריינגאַנג אין דער כאַטע און געקוקט צו די בלישטשנדיקע פייערלעך פון עלעקטרישן ליכט, וואָס אויף „יענער זייט בוג״. ווי אויגן האָבן זיי צו אים געוווּנקען, די פייער־לעך, און גערעדט מיט וואַרעמקייט, גערופן: „אַהער, אַהער״! „דאָ די פרייע וועלט!״...

צווייטע טייל

1

אין ביאַליסטאָק

... דער ביאַליסטאָקער וואָקזאַל־בנין איז גאַנצע נעכט איינגעטונקען אין ראַשיקער ליכטיקייט. הונדערטער צעצונדענע עלעקטרישע לעמפּלעך באַלייכטן די פּאָרטרעטן פון די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד. ביאַליסטאָק יובלט. מען זינגט פרייהייט־לידער, טריומף־לידער. גרויסע פּלאַקאַטן, מיטן בילד פון טאַנק, וואָס איז דער ערשטער אַריינגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק, זענען צעהאָנגען אויף ווענט.

יעדן טאָג קומען אָן מער און מער פּליטים. מען קומט פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון יענער זייט. די שטאָט קאָן נישט אַריינעמען דעם גרויסן אָנפלוס פון די פּליטים. אַלע לאָקאַלן פון געוועזענע קלובן זענען פאַרוואַנדלט אין אַכסניהס פאַר די „ביעזשענצעס"*. עס זענען פול די בתי־מדרשים. מען שלאָפט אויף טישן, אויף בענק, אויפן באַלעמער, ביים צוגאַנג צום אָרון הקודש זענען אויסגעשפּרייט פּערענעס. יונג און אַלט — אַלץ שלאָפט צוזאַמען. דאָ קאָכט מען, דאָ וואַשט מען.

עס שטעלט זיך אָ שווערער ווינטער — שנייען און פרעסט. ביאַליסטאָק זינגט רויטאַרמיי־לידער.

פאַר דער מלחמה איז אין ביאַליסטאָק געווען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. די געוועזענע אַרבעטסלאָזע ווערן איצט איינגעגלידערט אין די פאַבריקן. זענען פּליטים גרייט צו פאָרן אויף אַרבעט אין טיף רוסלאַנד. זיי רעגיסטרירן זיך אין די ווערביר־ביוראָס.

---

*) פּליטים.

אָלעק איז דערוויל געווען פאַרנומען מיט פאַרגלייכן די באַציִונג פון מענטש צו מענטש — דאָ און „דאָרט". ווען ער איז געפאָרן מיטן צוג פון דער גרענעץ אַהער, איז דער וואַגאָן געווען פול געפאַקט מיט פּאַסאַזשירן — ציווילע און רויט־אַרמייער — נישט צו רירן זיך פון אָרט. אַנטקעגן אים, אויף דער באַנק, איז אַ ייִד איינגעשלאָפן און דעם קאָפּ אָנגעלענט אויפן רויט־אַרמייערס אַקסל. פון דער צווייטער זייט פון וואַגאָן האָט מען גערופן דעם רויט־אַרמייער ער זאָל צוקומען עסן. — „איך קאָן נישט איצט גיין צו אייך!" — האָט ער געענטפערט, און צו די פּאַסאַזשירן אַנטקעגן אַזוי געזאָגט: — אַ שלאָפנדיקער איז ווי אַ קינד, איבערוועקן אים, „זשאַלקאָ!"... (אַ שאָד!).

אָלעק האָט לאַנג געוואַרעמט אין זיך דעם גלויבן אין אַ גוטן מאָרגן. ער האָט באַלד אינדערפרי געזונגען די פרייהייט־לידער, רויט־אַרמייער־מאַרשן, ווי אַ פרומער ייִד זאָגט מודה אַני, און ביינאַכט פאַרן שלאָפן, ווי מען לייענט קריאת־שמע.

***

מיטאַמאָל זענען, ווי אויף אַ מאַגישן אופן, פאַרשוווּנדן געוואָרן אַלע סחורות: לעבנסמיטל, טעקסטיל, גאַלאַנטעריע און לעדער־אויסאַרבעטונג. אַ זייגערל איז געוואָרן אַ יקר־המציאות. די רויט־אַרמייער האָבן געקויפט זייגערלעך, וואָס איז געקומען אונטער דער האַנט — אַבי עס האָט זיך געהערט דער „טיק־טאַק".

די פּליטים פון פּוילן זענען געקומען אַהער מיט זייערע געוווינהייטן און געשמאַק פון פאַר דער מלחמה, ווען אין פּוילן איז געווען צו קריגן פון אַלעם גוטן. איצט, אַז ער האָט דאָ, אין די געוועלבער־פענצטער, געזען ליגן אָנשטאָט אַ וווּרשט — אַ שטיק האַלץ, אָפּגעמאַליעוועט אויף וווּרשט; אָנשטאָט אַ שווייצער־קעז — אַ שטיק האָלץ, האָט אַפילו דער לאַטוטניק, וואָס פלעגט אין שפּעדיקן פּוילן זיך פאַרגינען נאָר אויף שבת צו קויפן בלויז קאָפּ־פלייש, איצט געחוזקט פון דעם „גן־עדן". ס'האָט פאַרן „ביעזשעניעץ" זיך אַנטפּלעקט אַ סוד: סאָוויעטן־לאַנד האָט נישט קיין ברויט. אַ בירגער, אויב ער איז נישט אין מיליטער, אָדער דינט נישט אין דער נ. ק. וו. ד., האָט נישט קיין ברויט צו דער זעט.

אין שטורעם

אַלעק האָט זיך געמאַכט דאָס אַלץ נישט זען, איז אַלץ אים געפעלן. ער האָט געהאַט אָפּגעדונגען אַ קאַנאַפּע אין עס־צימער ביי אַ קליינער משפחה — אַ פּאָרפאָלק מיט אַ קינד. דער בעל־הבית, חיימקע, אַ קליינ־וווקסיקער מיט אַ פול פּנים, האָט איצט פון טאָג צו טאָג געהאַלטן אין איין אָפּפאַלן. ער האָט גערעדט אונטער דער צונג. פאַר דער מלחמה גע־לעבט דער עיקר פון מאַכן דיסקאָנטע די ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטן. איצט זענען אויסגעטרוקנט די פּרנסה־קוואַלן און די פּאָר „טשערוואָנצעס", וואָס אַלעק צאָלט פאַרן שלאָפן אויף דער קאַנאַפּע, זענען אַ וויכטיקע ציפער אין זיין בודזשעט. ער פלעגט מיט אַלע דיסקוסירן:

— די סאָוויעטן האָבן אונדז באַפרייט פון אַלעם גוטן: פון צוקער, פון זייף, פון קאַלאָשן!

— איז ווו אין מלחמה־צייט געווען אַנדערש!? האָט מען דען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אין רייכן פוילן נישט געגעסן ברויט פון קלייען?

חיימקע האָט געלאַכט, געקלאַפּט זיך מיטן פינגער אין שטערן: ס׳קריכט אים נישט אין קאָפּ אַריין.

— הערט! הערט מיט קאָפּ! פאַר דער מלחמה, אין דעם רעאַקציאָנערן פוילן, ביים פאַבריקאַנט, דעם אויסנוצער, אַז ער האָט איין וואָך נישט געמאַכט די „וויפּלאַטע", האָבן די אַרבעטער געדראָט מיט אַ שטרייק. ס׳איז געקומען דער פּרייטיק איז דער פאַבריקאַנט אַרומגעלאָפן: צו דיסקאָנטערן, צו ידידים. ער האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַוועק־געגעבן סחורה אָן ריווח, כדי צו האָבן פאַר די אַרבעטער אויסצוצאָלן זייער לוין. היינט, ביי די „באַפרייער", אויב די פאַבריק האָט נישט קיין געלט אויף דער קאָנטע אין באַנק, צאָלט מען נישט קיין לוין! חלילה לך אַ פּיפּס צו טון! „דו אַרבעטסט פאַר סטאַלינען, פאַר דעם פאָטערלאַנד!" דאָס לייג זיך אין מאָגן אַריין! אויב מען ווערט נישט זאַט דערפון גיט מען דיר צו פאַרבייסן ס׳וואָרט „ווּרעדיטעל"*, איז עס אַזאַ מין קאָטלעט, אַז עס פאַרשלאָגט דיר שוין דעם אַפּעטיט!

— ס׳איז מלחמה־צייט.

---

*) שעדיקער.

— געפּירט מלחמה איין שעה און צרות ווי נאָך יאָרן...

אָלעק פֿלעגט אָפּהאַקן די שמועסן. ער האָט זיך געלייגט אויף דער קאַנאַפּע און פֿאַרטראַכטנדיק זיך וועגן דער היים אין וואַרשע: וואָס טוט ראַכעלאַ אַז די שכנטע רופֿט „דאָסטאַטש מלעקאָ?!״ גייט זי אַראָפּ צו דער רײַ פֿאַרן געוועלבל? ווי אַזוי מאָלט זיך זײַן טעכטערל אים אויס? אַוודאי לויטן לעצטן בליק אויף אים — אינעם נאַרטן־היטל מיטן לאַנגן דאַשעק. אין אַ מאַטשעיופּקע, ווי מאַרעק האָט אָנגעטון, איז ער איר נישט געפֿעלן. „ווי וואַלענטי, דער סטריזש״ — האָט זי געזאָגט, זעט ער אויס.

ער האָט פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און אײַנקוקנדיק זיך אין שלענגלען זיך פֿון רויך, האָט ער ווידער געטראַכט וועגן ברודער און שוועסטער: וואָס טוט פּסח? גייט מסתמא יעדן טאָג אַ קוק טון צי ער וועט קאָנען אַרויס־שלעפּן די מאַשינען, וואָס זענען פֿאַרשיט געוואָרן בעת די שריפֿות. גלייבט נאָך אַלץ סאַלע זײַן שוועסטער און וואָלף איר מאַן, אַז די גרענעץ וועט זײַן אין דער צווייטער זײַט ווייסל? וואָס טוט זײַן שוועסטער פּערל? האָלט זי נאָך די ייִנגלעך אירע: קובאַ און באָלעקן, לאָזט זיי נישט לויפֿן אַהער? און אפֿשר זענען זיי אַלע בײַ דער גרענעץ? אַזוי פֿיל מענטשן וואַרטן בײַ דער גרענעץ אַריבערצוכאַפּן זיך אַהער ... ראַכעלאַ וועט נישט אײַנשטעלן צו גיין מיטן קינד — מאַרצעלאַ וועט נישט לאָזן: דער וועג איז אַ שווע־רער. מאַרצעלאַ איז זיכער מיט ראַכעלאַן, זי האָט דאָך דאָס געוואָלט נאָך בײַם אָנהייב פֿון דער מלחמה.

אַלץ האָט זיך אים אויסגעמישט אין קאָפּ, געפּלאָנטערט און מיט אַ מאָל איז ער אויפֿגעשפּרונגען און אויסגערופֿן:

חיימקע! חיימקע! געדענקט איר ווער איר זענט געווען אין פּוילן?...

2

קאַפֿע „ריץ״

די ברייטע פֿענצטער פֿון קאַפֿע „ריץ״ האָט מען געזען פֿון גאָר ווייט. פֿאַר דער מלחמה איז דער לאָקאַל געווען אַ טרעפֿפּונקט פֿון סוחרים און

פאַבריקאַנטן. ווינטער פלעגן די סוחרישע פרויען קומען אויסגעפוצטע אין קאַראַקולענע און נורקן־מאַנטלען מיט זילבער־פוקסן, באַהאָנגען מיט צירונג. די מענער האָבן זייערע פרויען ספּעציעל רייך געקליידט, כדי צו געווינען ביי די פאַבריקאַנטן פאַרטרויען, גרעסערע קרעדיטן.

די סוחרים און די אינדוסטריעלער, אין זייערע פוטערס מיט גלאַנציקע ווידרע־קעלנער, האָבן זיך געהאַלטן איינער חשובער פון אַנדערן. דער נאָמען, די פירמע, האָט געקלונגען מיט דער צאָל אַרבעטער, וואָס זיי באַשעפטיקן.

היינט זענען פון די ברייטע פענצטער אַראָפּגענומען די שווערע שטאָרן. געסט — „ביעזשענצעס״. פון פרימאָרגן אָן גייט מען אַריין און אַרויס. די טירן פאַרמאַכן זיך נישט. ס׳קומען אָפּט „גייערס״, מאַנצבילן אין אָפּיצירסקע שטיוול, אין בעקעשעס. זיי גייען אַהין און צוריק איבער דער גרענעץ. זיי ברענגען פון יענער זייט טייך פאַרשידענערליי סחורות. חוץ דעם, אַז מען באַצאָלט זיי גוט, נעמען זיי מיט אַ בריוול אָפּצוגעבן אויף יענער זייט. טייל מאָל נעמען זיי זיך אונטער צו ברענגען ענטפער.

אין דער טיי־האַלע איז תמיד ענג און ראַשיק. ביי די טישלעך, פאַר פיר אירע, זיצן זעקס און מער. וואַרטן ס׳זאָל פריי ווערן ערטער און רעכענען זיך נישט מיט דער צייט. ווער ס׳האָט זיך שוין צוגעזעצט צו אַ טישל — טרינקט טיי איין גלאָז נאָכן אַנדערן.

אָלעק גייט פון טישל צו טישל. ער וויל זיך באַקענען מיט אַ „גייער״, וואָס זאָל אים מיטנעמען אַ בריוו צו ראַכעלאַן. ביי איין טישל האָט ער זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט פאַרשטייפט געוואָרן. ביי דעם טישל איז געזעסן מאַרצעלאַ. זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט.

מאַרצעלאַ איז נאָך אַלץ עלעגאַנט. זי איז מיט עטלעכע טעג צוריק געקומען אַהער, נישט געוווסט ווו אים צו זוכן, אָבער זיכער געווען, אַז זי וועט אים טרעפן. זי האָט אים דערציילט וועגן ראַכעלאַן און קינד. ראַכעלאַן איז שווער געווען צו זיין אַליין מיטן קינד, איז זי ביי דער מוטער. מאַרצעלאַס אַהערגיין איז פאַרגעקומען אַזוי פּלוצלינג, אַז זי האָט נישט באַוויזן זיך צו געזעגענען מיט ראַכעלאַן...

דעם אָוונט האָבן זיי צוזאַמען געגעסן אַ מאָלצייט אין „ריץ״ רעסטאָראַן. זיי האָבן פאַרגלייכט דאָס לעבן דאָרט און דאָ; זיך דערמאָנט די דיסקוסיעס

זייערע וועגן מענטש און געזעלשאַפט... איצט קאָנען די שענסטע חלומות ווערן פאַרווירקלעכט.

מאַרצעלאַ רעכנט צו קריגן אַרבעט. אירע באַקאַנטע האָבן דאָ פאַר־בינדונגען מיט „זאַוס" *) און זאָגן איר צו אַ שטעלע.

ווער עס זענען די מענטשן, האָט אַלעק נישט געפרעגט — אפשר וועט מאַרצעלאַן נישט באַקוועם זיין אָנצורופן זיי „גייערס". ער האָט איר נאָר דערציילט, אַז ער האָט היינט געזוכט אין קאָפּע „ריץ" אַ „גייער" — איבער־צושיקן אַ בריוו צו ראַכעלאַן. זי האָט זיך נישט זשענירט און אים צוגע־זאָגט אויפצוזוכן אַזעלכן. זי האָט אויך געמאַכט פּלענער זיי זאָלן אָפטער זיך טרעפן — צוזאַמען גיין אויף קאָנצערטן. אַז דער טייך וועט פאַרפרוירן ווערן און ס'וועט זיך שטעלן אַ גליטש, זאָלן זיי אַראָפּפאָרן אויף שליטלעך.

— דער אַמאָל פאַרגעסט זיך נישט! — האָט זי אַ זאָג געטון און אירע ליפּן האָבן זיך אָנגעפּולט מיט תאווה.

3

חיימקע הייבט אָן אַ ניי לעבן

— נישטאָ היינט ס'געוועלבל וואָס זאָל געבן אויפן בוך, חיימקע! אָן מיִען זיך וועגן באַשעפטיקונג, וועט עס דיר נישט קומען. ווילסט כ'זאָל אָנקומען צום טאַטן? — האָט עמאַ געטענהט.

— קיינער העלפט נישט, עמאַ! יעדער טראַכט נאָר פאַר זיך. כ'האָב אַריינגענומען דעם צווייטן סובלאָקאַטאָר, בוימגאַרטן, געמיינט ער וועט מיך אַריינציִען אין דעם מסחר זיינעם, אין די פאַרמאַצעווט־אַרטיקלען... ס'לאָקט מיך מער ווי זייגערלעך. איז גאָרנישט אַרויס. כ'האָב אויף היינט זיך באַשטעלט מיט גלאַסן. ער האָט מיר צוגעזאָגט אָנצווייזן אויף עפּעס אַ שטעלע אַלס „זאַוו".

— גלאַס! אָן אייביקער לא יוצלח!...

---

*) פאַרוואַלטערס.

אין שטורעם

— היינט איז ער אַ „פּלאַנאַוויק״ *) אין „נאַרקאָמפּישטשעפּראָם!״ **).

חיימקע איז אַרויס זיך טרעפן מיט גלאָסן. אויף דער פּילסודסקי גאַס האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מענטשן, וואָס איז אויך געווען פאַר־טראָגן. ער האָט געקוקט אויף די שילדן פון פאַרמאַכטע קלייטן. חיימקע האָט אים אָפּגעמאָסטן ווי גרויס ער איז, זיך איינגעקוקט אין לאַנגן לעדער־נעם מאַנטל מיטן לאַנגהאָריקן קראַגן; די שטיוואַליעס, מיט די קורצע כאָ־ליעוועס; דאָס פוטער־היטל מיט די אויערן־שיצער. עס האָט אויף אים אַ בלאָז געטון מיט טיפע וועלדער און שניי־זאַוויערוכעס. „דער מענטש קומט פון ווייטע מקומות אין רוסלאַנד!״ דער אינסטינקט האָט אים אונ־טערגעזאָגט — צוגיין רעדן מיט דעם מענטש. הגם דער מענטש איז שוין געווען ווייט פון אים, האָט ער, חיימקע, דאָך זיך אַ קער געטון. ער האָט אים דעריאָגט, געפרעגט צי ער זוכט אַ היימישן. דער מענטש האָט גע־שמייכלט, האָט חיימקע אויך געשמייכלט. פון שמייכל צו שמייכל, אַריינגע־פלאָכטן אַ וואָרט און זיי האָבן זיך דעררעדט: ער איז אַ „זאַוו״ פון אַ „גלאַוומאַג״ ***) און וויל עפענען פיליעס. חיימקע קען אַלע קלייטן. ער וועט אים געבן פון שענסטן און בעסטן...

זיצט איצט דער מענטש — סאָטין, דער „זאַוו״ פון „גלאַוומאַג״, ביי חיימקען אין עסצימער. ער איז שוין היימיש מיט חיימקען, ווי אַ קרוב. ער עסט ס׳קאַרטאָפל־טייגעכץ, וואָס עמאַ האָט אים דערלאַנגט (אַ גרויסע פּאָרציע), ער לויבט עמאַס בריהשאַפט.

אין שטוב איז אַ ביסל ראַשיק — מענטשן קומען, ווינטשן חיימקען הצלחה; ווילן, אַז חיימקע זאָל געדענקען אין זיי... עס קומען מענטשן, וואָס פלעגן חיימקען אויסכאַפּן אַ דיסקאָנטע. חיימקע זאָגט צו. ער גיט צו מיט רמז: „פאַרגעסן וואָס געווען... היינט אַלע גלייך!... אַלע גלייך!״... און זיין פּנים שטראַלט פון טריומף, די קינבאַקן — פאַרלאָפן ראָז. ער האָט שוין פאַרגעסן אין די טענות צו דער „באָלשעוויע״, ער רעדט מיט באַגייסטע־

*) פּלאַנירער.

**) קאָמיסאַריאַט פאַר באַשעפטיקונג.

***) הויפּט־מאַגאַזין.

רונג וועגן דער רויטער אַרמיי; דיסקוסירט מיט בוימגאַרטן, דעם צווייטן סובלאָקאַטאָר, כדי סאָטין זאָל הערן:

— סוף סוף וועט די וועלט מוזן אָנערקענען, אַז אַ קלאַסנלאָזע געזעל־שאַפט איז די דערלייזונג פון אַלע רייבונגען. כולם נבונים, כולם חכמים!... אייער פוילן האָט נישט געהאַט אַזאַ ציל...

בוימגאַרט איז אַ ביסל אין כעס געווען אויף חיימקען, אָבער ער האָט זיך באַהערשט נישט אַרויסצווייזן דעם כעס. האָט בלויז געענטפערט:

— איך ווייס נישט צי דער טאָוואַרישטש סאָטין האָט פאַרשטאַנען אייער תרגום־לשון. איר, חיימקע, האָט, זעט זיך אויס, שוין פאַרגעסן, ווי אונדזער ס׳גאָל מענטש האָט זיך געלעבט אין פוילן. איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן אין וויכוח וועגן אידעע, וועגן דער מענטשהייט, אָבער לחם לאכל ובגד ללבוש... אין פוילן האָט עס דער בירגער געקאָנט האָבן.

— לייכט צו רעדן, בוימגאַרט! לייכט צו רעדן: דער בירגער האָט געקאָנט האָבן. ווער עס האָט נישט געהאַט דעם גילדן, האָט ער נישט גע־נאָסן פון דער שפע. געווען מענטשן וואָס האָבן געהונגערט. און אַרבעט־לאָזע, בוימגאַרט! און אַרבעטלאָזע! — האָט חיימקע אויסגערופן און זיך אָנגעבויגן צו סאָטינען, ווי ער וואָלט דערוואַרט פון אים ער זאָל אים אַ גלעט טון אין בעקל.

די צייט ווען חיימקע האָט גערעדט האָט בוימגאַרט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און געלאַכט. ער האָט נישט געוואָלט קוקן חיימקען אין פנים, כדי עס זאָל חיימקען נישט שטערן זיין היצן זיך. אויף סאָטינען האָט ער יאָ געכאַפּט אַ בליק, כדי צו זען צי יענער האָט אַ הנאה.

סאָטין איז אַמאָל געווען אַ בעקער־געזעל. ער האָט זיך פאַרדינט ביי דער פאַרטיי און איז געשטעלט געוואָרן אַלס „זאַוו" אין „גלאַוומאַג". זיינע טיפּע שניטן אין די מויל־ווינקלען רעדן וועגן האַרטקייט, פאַרביסנקייט. אָנגעטון איז ער אין אַן אָפיצירישער גימנאַסטיאָרקע, האַלט זיך פאַר באַ־רופן צו מאַכן באַמערקונגען אין הלכות קאָנסטיטוציע; איז אַ כבד־פה, אָבער ער באַנוצט אָפּט שווערע ווערטער אַרויסצורעדן. יעדן זאַץ פאַרענ־דיקט ער מיטן וואָרט „זאַמיעטשאַטעלנאָ" און עס אַרבעט זיין גאָרגל־קנאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אָנשטרענגען אַראָפּצושלינגען אַ גרויסע פּיל. ער האָט נישט קיין סך צו דערציילן — געווינט צו רעדן ווייניק. ער ווייסט אָבער,

אַז מען וויל אים הערן, האָט ער זיך צוגעקליבן אַ מעשהלע מיט פויערים, וואָס פלעגן פרעגן צי אַ „באָלשעוויק" האָט הערנער. צום ענדע האָט ער צוגעגעבן: — „וואָס, דער קולטור־ניוואָ ביי אייערע פויערים!" צוהערנדיק זיך צום שמועס פון חיימקען מיט בוימגאַרטן, האָט ער מיט זיינע קליינע, שפּיציקע אייגעלעך אויפגעכאַפּט מער ווי עס האָט אויפגענומען זיין מוח. ער האָט זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן, דערקענט אין חיימקעס רעדן צביעות. ער האָט זיך שוין געהאַט דערוווּסט ווער חיימקע איז געווען פאַר דער מלחמה און די שנעלע ענדערונג איז אים נישט געפעלן:

— מען דאַרף זיך נישט היצן, חיימקע! מען דאַרף גוט באַטראַכטן אייגענע רייד! איך פאַרשטיי אייך „זאַמיעטשאַטעלנאָ"! — האָט ער איבער־געריסן און געמאַכט אַ צייכן מען זאָל אים נישט שטערן: — ווען איר, „פּאָליאַקן", האָט געשפּינען זיידנס, האָבן מיר געשמידט טאַנקן און מיר האָבן איצט איינגענומען די „מאַנערהיים־ליניע!"... ווען איר האָט געטאַנצט טאַנגאָס, האָבן מיר געבויט טורבינעס, דעם פויער געבערענגט עלעקטרישע ליכט. זאַמיעטשאַטעלנאָ!...

ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז אַ באָלשעוויק, איז אָן הערנער, נישט אַנדערש פון אַלע מענטשן, האָט אויך אַ שוואַכקייט צום שיינעם מין און זיך געהנדלט צו עמאַן. דאָס אַקצעפּטירן נעמען אַ קלייט, עפּענען אַ פּיליע, האָט ער אָפּהענגיק געמאַכט פון עמאַס מיינונג:

— עמאַ וועט זאָגן נעמען, נעם איך! טאַקדאַ בודיעט זאַמיעטשאַ־טעלנאָ! *) עמאַ שווייגט? זי איז גאָלד. אין איר שמייכלען זע איך, אַז זי אָריענטירט זיך אין אונדזערע ענינים...

עמאַ האָט היינט דאָס ערשטע מאָל זייט די מלחמה איז אויסגעבראָכן אָנגעטאָן די לאַטשן מיטן פראַנצויזישן אָפּצאַס. אירע באַוועגונגען האָבן געערעדט וועגן ליידנשאַפט. מלא חן איז געווען אַפילו דאָס רעדן אירס אונטער דער צונג און איר לאַכן מיט אַ פול מויל. זי האָט זיך אָפּט גע־שטעלט נעבן סאָטינען און געלאַכט, ווען ער האָט געגלעט איר האַנט.

חיימקען האָט סאָטינס היימישקייט צו עמאַן עפּעס אַ גאַר שטאַרקן צופּ

---

*) וועט זיין אויסגעצייכנט.

געטון אין האַרצן. זיין פּנים האָט געביטן די פאַרבן, די אָדערן ביי די שלייפן האָבן געצוקט. ווען סאָטין האָט פאַרגעלייענט די באַשטעטיקונג אַלס „זאַוו" און געגעבן אונטערצושרייבן, האָט חיימקע גערוקט צו זיך דאָס פּאַפּיר און לייכט אָפּגערוקט; ווידער צוגערוקט און געקוקט אויף עמאַן, אויף סאָטינען. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און ווידער זיך איינגעקוקט אין עמאַן.

— טשודאַקי!" *) — האָט עמאַ אויסגערופן און זיך צעלאַכט.

— זאָל זיין אַ ניי לעבן!... — האָט חיימקע געזאָגט און אונטערגע־שריבן.

4

אַ שמועס מיט עמאַן

פון פרימאָרגן אָן שיט אַ געדיכטער שניי. ברייטע פלאַטערלעך פאַלן שווער. די גאַסן, הייזער־דעכער, איבערגעצויגן מיט ווייס.

— ס'איז אַ וואַרעמער שניי. ער וועט באַלד צעגיין — זאָגט עמאַ.

אַלעק איז שפּעט אויפגעשטאַנען. די לעצטע טעג איז ער געווען אַנגאַ־זשירט אין דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע צום „אויבער־ראַט". ער איז געקראָכן אויף די צעבראָכענע טרעפּ אין דער געגנט כאַנאַיקעס — ס'אָרעמסטע קוואַרטל אין ביאַליסטאָק — געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, האָט גערוי־כערט און געטשאַדעט. תמיד האָט ער געטראָפן מענטשן אין די בעטן. אַלטע לייט האָבן אים געפרעגט צי מען וועט ליקווידירן די בתי־מדרשים, יונגע האָבן געפרעגט צי ער ווייסט ווי אַזוי עס איז איינגענומען געוואָרן די „מאַנערהיים־ליניע"?... וויפל רויטאַרמייער ס'זענען אומגעקומען?... עס מישט זיך אים דאָס אַלץ אין קאָפּ.

ער האָט געוואָלט זיך זען מיט מאַרצעלאַן, שוין גרייט געווען צו גיין,

---

*) משונהדיקער.

האָט עמאַ אים געבעטן ער זאָל נאָך בלייבן אין שטוב. זי האָט מיט אים צו רעדן. זי וועט זיך נאָר אָפּפּאַרטיקן מיט דער ווירטשאַפט. „אפשר וויל זי מיר אָפּזאָגן דאָס שלאָפן אויף דער קאַנאַפּע? זי וויל ס'אָרט אָפּגעבן סאַטינען״... ס'קינדער־בעטל, אין וועלכן ער שלאָפט, איז באמת קליין פאַר אַ דערוואַקסענעם. אפשר האָט סאַטין עפּעס איר געזאָגט וועגן זיין ווענדן זיך צו אים נאָך באַשעפטיקונג? זאָל זי האָבן אַ פּאָזיטיווע תשובה, וואָלט זי אָן שהיות געזאָגט. „אפשר וועגן זיך און חיימקען פאַר די אייפּערזוכט־סצענעס?...״ — האָט ער זיך געפּרוווט צו דערטראַכטן.

ביי עמאַן האָט דאָס רוימען און ס'קאָכן נישט לאַנג געדויערט. האָט זי זיך צעקעמט די האָר און גערעדט. זי האָט זיך ליב געהאַט אין דער פּאָזע. אַזאַ פאָטאָגראַפיע אירע האַלט חיימקע ביי זיך אין טאַש...

— אַמאָל, ווען עס איז געווען די דינסט, בין איך אין דער צייט שוין געגאַנגען מיטן קינד שפּאַצירן. — זי גייט אַריין אין שלאָפצימער און רופט אָלעקן ער זאָל אַריינקומען.

אָלעק איז אַ רגע שטיין געבליבן פאַרוווּנדערט. „פאַר וואָס מוז דער שמועס פאַרקומען אין שלאָפצימער?״... עמאַ האָט זיך געקנעפּלט די בלוז־קע; „טוט זי זיך אָן, אָדער אויס?״...

— קומט אַריין! — רופט זי, נישט קוקנדיק צו אים.

— „וואָס וויל זי?״

— אָלעק! ווילט איר... — זאָגט זי און פאַרהאַקט זיך.

— אָפּגעבן סאַטינען די קאַנאַפּע? — פרעגט ער.

— וואָס אייך פאַלט איין!

— נאָר וואָס?

— טון עפּעס פאַר אונדזער פריינד בוימגאַרט.

— אויב נאָר מעגלעך!

— איר דאַרפט זיך גאָרנישט אָנצושטרענגען, נאָר אים זאָגן ער זאָל נישט רעדן, נישט לויבן, נישט קריטיקירן...

— בוימגאַרט קריטיקירט נישט. ער ווייזט נאָר אָן וואָס אים גע־פעלט נישט!...

— וואָס איז דאָ נישט צו געפעלן? חיימקע פלעגט אויך רעדן, האָב איך אים אָפּגעוווישט פון ציינגל ס'פּסולת. ס'איז אים היינט בעסער ווי ווען

ער האָט געהאַט מיין נדן. ס׳איז געווען, ווי מען זאָגט, געדינט דעם „עגל־הזהב״... ער האָט מיך היינט ליבער ווי ווען...

— איר מיינט, אַז בוימגאַרטן דראָט עפּעס פאַר זיין רעדן?...

— ער עסט סאָוויעטיש ברויט...

— דאָס איז אַלץ?...

— איז דאָס ווייניק?...

ס׳האָט ווער אויפגעשלאָסן די קאָרידאָר־טיר. בוימגאַרט איז אַריינגעקומען.

5

פּאַספּאָרטיזאַציע

די וואַלן צום אויבערראַט זענען דורך מיט אַ גרויסן זיג. עס האָבן געשטימט קרוב הונדערט פּראָצענט פון די וואַל־באַרעכטיקטע. און באַלד איז דערקלערט געוואָרן אַ פּאַספּאָרטיזאַציע אין די מערב־ווייסרוסישע און מערב־אוקראַאינישע געביטן — איינשליסלעך די „ביעזשענצעס״.

די פּליטים האָבן זיך שוין באַקענט מיט די לעבנס־באַדינגונגען פון אַ סאָוויעטישן בירגער. אין ביאַליסטאָק האָבן זיך באַוויזן צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, אַנטלאָפענע פון די אַרבעט־פּונקטן, וווהין זיי האָבן זיך געהאַט ווערבירט. מען דערקענט זיי אין זייערע מלבושים. דאָס ערשטע מאָל האָט מען דאָ געזען מענטשן אָנגעטון אין וואַטעוע הויזן, „פּופּייקע״. די מענטשן האָבן דערציילט, אַז פון אַרבעט איז נישטאָ מער ווי אויפן שטיקל ברויט. פּליטים האָבן געקריגן פּעסער מיט אַ פּאַראַגראַף 11 — נישט צו וווינען אין אַ צענטער־שטאָט, נישט נאָענט פון דער גרענעץ. עס האָט ביי די פּליטים אַרויסגערופן פּאַרדרוס — פאַר וואָס פּאַרוואָרפן ווערן אין אַ העק!? פאַר וואָס אָפּנעמען פון אים דאָס פרייע באַוועגן זיך?

צווישן דער סאָוויעטן־רעגירונג און די דייטשן איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך וועגן אויסטוישן בירגער: רוסן פון יענער זייט בוג זאָלן קאָנען לעגאַל צוריקקומען אין זייער היימלאַנד. פּוילישע בירגער — פון די געביטן, זאָלן קאָנען לעגאַל צוריקפאָרן קיין פּוילן.

אין שטורעם

אין פּליטים קאָמיטעט איז מיט אַ מאָל אויפגעהאַנגען געוואָרן אַ מודעה: עס ווערט געגעבן דעם „ביעזשעניעץ״ דאָס רעכט אויסצוויילן: צוריקפאָרן פון וואַנען ער איז געקומען, אָדער נעמען אַ פּאַס און ווערן אַ סאָוויעטישער בירגער.

אין די ערשטע טעג האָט נאָר אַ קליינע צאָל זיך רעגיסטרירט אויף צוריק. אָלעק האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער פון סאָטינען וועגן אַ שטעלע פאַר אים; געוואַרט אויף אַ בריוו פון ראַכעלאַן צי זי קומט אַהער. איין מאָל אין אָונט, ווען חיימקע האָט שוין מיט סאָטינען געענדיקט אויסשרייבן די „סוואָדקע״ *) וועגן דער אַרבעט אין די פּיליעס פון „גלאַוומאַג״ און סאָטין האָט זיך געגרייט צום שלאָפן, האָט אָלעק געבעטן ביי אים אַן ענטפער אויף זיין ווענדונג:

— ראַכעלאַ וועט נישט קומען פאַר פרילינג. אין די פרעסט וועט זי נישט איינשטעלן צו גיין מיטן קינד אין אַזאַ וועג. מוז איך וויסן...

— זאַמיעטשאַטעלנאָ! — האָט סאָטין געזאָגט און זיך איבערגעדעקט מיט דער פּערענע.

בוימגאַרט האָט זיך ראַפּטום אויפגעהויבן און אַ רוף געטון:

— טאָוואַרישטש סאָטין! זאָגט אים קלאָר: איר גיט אים אַ שטעלע, אָדער נישט!? זאַמיעטשאַטעלנאָ יאָ, אָדער זאַמיעטשאַטעלנאָ ניין?...

סאָטין האָט נישט געענטפערט.

— ער שלאָפט שוין! — האָט אָלעק אים פאַרענטפערט.

— ער שלאָפט נישט! — האָט בוימגאַרט זיך געכעסט, — שטעלט נישט איין, אָלעק! ער האָט מורא צו געבן אייך אַ שטעלע כל־זמן ראַכעלאַ איז דאָרט! ער שלאָפט נישט און אויב ער הערט מיך, אַרט מיך אויך קנאַפּ. איך האָב זיך רעגיסטרירט אויף צוריק. איך בין נישט אַנטלאָפן אַהער אויף צו צעשיידן זיך מיט פרוי און קינד!... „אונאַס זשענשצין כוואַטיט״ **) — זאָגט דער ענקאַוועדיסט. איך בין אים מוחל!... מעג שוין דאָס לעבן זיין דאָרט ווי שווער עס זאָל נישט זיין, אָבער מיט מיין פרוי בלייב איך.

---

*) באַריכט.

**) פרויען ביי אונדז גענוג.

— אַ בירגער מוז האָבן אַ פּאַס, בוימגאַרט.
— איך וועל זיך נישט לאָזן אַריינגעמען אין דער „קליאַטקע" דאָ, קיין מאָל שוין נישט צו זען די אָפענע וועלט!... איך גיי מיטן שטראָם!...

6

אין פּליטים-קאָמיטעט

דאָס הויז פון פּליטים-קאָמיטעט האָט אַ סך פענצטער און טירן. אין די צימערן שטייען אַ סך טישן, אָבער קיינער זיצט נישט נעבן זיי. אין אָנהייב פון פּליטים-שטראָם האָט זיך דאָ געפירט אַ רעגיסטראַציע — נישט אויף צו העלפן דעם פּליט אין זיין היימלאָזיקייט, נאָר לשם סטאַטיסטיק. היינט זענען פאַרמאַכט טיר און פענצטער. קיינער קומט נישט אַרויס. קיינער גייט נישט אַריין. די מודעות הענגען אויף די אַריינגאַנג-טירן אין דער זייט פון הויף, אונטער אַ באַדעכלט גאַניקל. פּליטים ווערן מיד פון שטיין, זעצן זיי זיך אויף די טרעפּלעך און אויף דער באַריערע פון גאַניקל. נישט פאַרויסגעזען זענען היינט דאָ אויפן הויף אַ סך פּליטים, ווי אויף אַ פאַרזאַמלונג געקומען — פון קיינעם נישט גערופן.

— מיר זענען פאַר דער נ.ק.וו.ד. אַ שווערער ביסן... מיטן רעגיסטרירן זיך אויף צוריק האָבן מיר זיך דערקלערט פאַר פרעמדע. אין סאָוויעטן-רוסלאַנד האָט אַזאַ עלעמענט נישט קיין אָרט אויף דער פריי, — רעדט איינער און לאַכט.

— זיי אַליין האָבן גורם געווען די לאַגע! האָבן געגעבן די ברירה אויסצוקלייבן זיך, — רופט זיך אָן אַ צווייטער.

— זיי פאַרשטייען נישט, אַז עס קאָן זיין נאָך אַזאַ לאַנד ווו דער מענטש זאָל זיך פילן אַזוי פריי, ווי ביי זיי... — רעדט איינער אַראָפּ פון גאַניקל.

זיי האָבן נישט געגלייבט, אַז עס וועט זיין אַזאַ גרויסע צאָל רעגיסטרירטע אויף צוריקצופירן. כמעט אַלע ווילן צוריק; האָט עס אָפּגענומען ביי זיי ס׳לשון. אַ סאָוועטישער מענטש קאָן זיך פאַרטראַכטן איבער זיין

לאַגע, צי ער איז אַזוי נעבעכדיק, וואָס אַפילו אַ „ביעזשענעץ״ וויל נישט זיין מיט אים... די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט. מיר קאָנען נאָך ווערן גוט און פרום... — האָט איינער, אַ ברייט־שטערנדיקער, געדעדט און געריבן די הענט, ווי ער וואָלט זיך שפּילן מיט אַ בעלעמל.

— אין בריסק זיצט אַ קאָמיסיע, שטעלט אויס אַ ליסטע צום אָפּפּאָרן מיטן ערשטן עשאַלאָן, — דערציילט איינער און טוליעט זיך אַ צופרידע־נער אין זיין טוליפּל.

— און איך האָב געהערט, אַז דער עשאַלאָן וועט ציִען אויף מזרח. אַ פּנים צו טריקענען די פינסקער בלאָטעס, — האָט אַן אַנדערער זיך אַריינגעמישט און געמאַכט זויערע מינעס: פאַרביסן די ליפּן, געקרימט די נאָז.

בוימגאַרטן האָט זיך צעהיצט:

— פאַרשיקן? פאַר וואָס? פאַר אָפּנהערציקייט? אָנגערירט זייער פּרעס־טיזש? זיי גייט דאָך נישט אין דער דעה פון דער וועלט! פּלוצלינג געוואָרן „לעמעלעך״? פּרעסטיזש!...

פון אַ ווינקל האָט זיך אַרויסגערופט אַ יונגערמאַן אין אַ לעדערנער קורטקע און פוטער־קאָלנער, אין אַ היטל מיט אַ לאַק־דאַשעק. ער האָט עפּעס געהאַט אַ שוואַכקייט צו פינטלען מיט די אויגן. דער יונגערמאַן האָט זיך אַריינגעשטופּט צווישן דער גרופּע שמועסערס, אַ הוסט געטון, אַ טופּע געטון מיטן פוס און אויסגעמרוקעט:

— פּלאַפּלערס!...

די אַרומיקע האָבן זיך איבערגעוווּנקען, געמאַכט צייכנס נישט צו רעדן.

— פּלאַפּלערס! — האָט ער ווידער אַ זאָג געטון, שוין מיט אַ לויטע־רער שטים, — ס׳איז אייך לייכט צו רעדן און באַשולדיקן די נ. ק. וו. ד. פאַרגעסט נישט, אַז מיטן רעגיסטרירן זיך צוריקצופאָרן, האָט איר זיך אַליין געמאַכט פאַר אַ געפערלעכן עלעמענט. ס׳איז אַ חרפּה. זיי וועלן אייך נישט אַרויסלאָזן אויף דער וועלט אַרויס, וועלן אייך פאַרשיקן הינטער די הרי־חושך, קיין האָן וועט קיין קריי נישט טון!...

— צעגייט זיך! ס׳קאָן נאָך הייסן אַ פאַרזאַמלונג! — האָט עמעצער אַראָפּגעשריגן פון גאַניקל.
אַלע האָבן אים פאַרשטאַנען.

7

אַ בריוו

דער „גייער”, וועמען דאָס פריילין מאַרצעלאַ האָט געגעבן אַלעקס בריוו אָפּצוגעבן ראַכעלאַן אין וואַרשע, איז געווען אַ מגושמדיקער פאַרשוין מיט מאַלפּע־ליפּן. אַלעק האָט אים פּלוצלינג געטראָפן אין פּאַרק. ער האָט אים פאַרהאַלטן, געפרעגט צי ער האָט געבראַנגט אים אַ בריוו. דער פאַרשוין האָט געהויבן די אַקסל — ער פאַרשטייט גאָרנישט וואָס ער וויל פון אים.

— אַ טעות! — האָט ער אויסגעשפּיגן אַ וואָרט.

עס האָט אַלעקן נישט צו רו געלאָזט. ער איז אים נאָכגעגאַנגען, כדי צו וויסן ווו ער שטייט איין. אַ חשד האָט אים געבויערט אין מוח: מאַרצעלאַ האָט נישט אָוועקגעגעבן דעם בריוו. זי וויל נישט, אַז ראַכעלאַ זאָל קומען!

ווען ער איז אַרויס פון פּאַרק איז דער פאַרשוין אים פאַרשוווּנדן פון אויג. אַלעק איז שטיין געבליבן אין ראָג פון דער גאַס — נישט דעצידירט. ער האָט געקוקט אין די פענצטער פון קאַפע „ריץ”, אַריין, געזוכט מאַרצעלאַן. פאַרבייגעגאַנגען אַלע טישלעך, אַרויף אויבן, אין האָטעל־רעסטאָראַן, פאַרבייגעגאַנגען אַלע טישן — מאַרצעלאַ איז נישט געווען. ער איז בייז געוואָרן. ווען ער טרעפט זי איצט, וואָלט ער פעד און שוועבל געשאָטן. זי איז אָבער נישט געווען. איז ער אָוועק צו מאַרצעלאַן אויף דער וווינונג. דער בעל־הבית האָט אים געעפנט די טיר — מאַרצעלאַ איז נישט געזונט, ליגט.

אַלעק איז נישט גלייך אַריינגעגאַנגען צו איר. זיך פאַרטראַכט. אַ וויש געטון דעם שטערן, גלייך געמאַכט ס׳ביסל שיטערע הערלעך איבערן פּליך. מאַרצעלאַ איז געלעגן איבערגעדעקט מיט אַ פוכיק איבערבעט. דער

אין שטורעם

קאָפּ איז איר געלעגן אין קישן, ווי צווישן צוויי פליגל. מיט זיין אַריינ־קומען האָט ער זי איבערגעוועקט.

— ווען איך קום נישט וואָלט איך עס נישט געוווסט. רופן אַ דאָק־טאָר? — האָט ער געפרעגט.

— כ'האָב שוין נישט קיין היץ.

— און עסן?

— די באַלעבאָסטע האָט מיר דערלאַנגט.

— ס'איז עפּעס ערנסט?

— כ'בין שוין היינט אַראָפּגעגאַנגען פון בעט. דער „גייער" איז שוין דאָ פון אייערנעכטן אָן. אַ פאַרברעכער! ער האָט נישט איבערגעגעבן דעם בריוו. ער האָט אים צעריסן ביי דער גרענעץ.

— נישט איצט די צייט צו רעדן וועגן דעם, מאַרצעלאַ!

— דער פאַרברעכער. ס'וועלן עס וויסן אַלע גייערס, — כעסט זיך מאַרצעלאַ.

— נישט אויפרעגן זיך, מאַרצעלאַ!

— מאָרגן וועל איך זיין אין „ריץ", וועל געפינען אַ צווייטן.

— איך וועל שוין אַליין זיין דער בריוו...

— רעגיסטרירט זיך אויף צוריק?

— כ'וועל...

— גאָט! לויפן דעם לייב אין פּיסק אַריין!

— אָן ראַכעלאַן וועל איך דאָ נישט בלייבן.

מאַרצעלאַ האָט מיט די הענט זיך פאַרשטעלט ס'פּנים.

— מאַרצעלאַ, מ'דאַרף עס פאַרשטיין. עס קאָן אַנדערש נישט זיין. איך בין דאָך נישט אַנטלאָפן פון איר...

זי האָט זיך באַוויגן ווי זי וואָלט זיך בעוויגט און געשעפּטשעט:

— פאַרשטיין?... און זיך דאַרף איך נישט פאַרשטיין?...

שפּעט אין אָוונט איז אָלעק אַרויס פון מאַרצעלאַס צימער. זי האָט נישט געהערט ווי ער איז אַוועק.

**
*

עטלעכע טעג האָט אַלעק זיך נישט געזען מיט איר. ווען ער איז צו־ריקגעקומען פון גראָדנע, ווו ער האָט געוואָלט זיך טרעפן מיט מאַרעקן, זיין שוואָגער, האָט עמאַ אים דערלאַנגט אַ בריוו פון מאַרצעלאַן. אין בריוו בלויז צוויי שורות:

— איך גיי קיין וואַרשע. וועל קומען מיט ראַכעלאַן...

8

די קאָמעדיע הייבט זיך אָן

אין די לעצטע טעג פון חודש יוני 1940 האָט נ.ק.וו.ד. אַרעסטירט פּלי־טים, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף שטעלעס און זענען רעגיסטרירט געווען אויף צוריקפאָרן. טייל האָט מען אַרעסטירט ביי דער אַרבעט. טייל האָט מען אין מיטן נאַכט אַרויסגענומען פון די בעטן.

בוימגאַרט איז קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ. זיינע פריינט קומען אים אָפט באַזוכן.

ראָט איז בוימגאַרטס נאָענטער פריינט — אַ הויכער, אין ברילן אָן רעמ־לעך. אַ קייטעלע הענגט אַראָפּ פון איין גלעזל און דער עק איז צוגעטשעפּעט צום וועסטל. געווען דאָ בוימגאַרטס שותּף אין מסחר. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַן אַסעקוראַציע־אַגענט, זיך אויסגעצייכנט מיט זיין רעדנער־כוח. אַז ער האָט געוואָלט פון עמעצן אַרויסקריגן אַ „יאָ", כאָטש יענער האָט געזאָגט „ניין", האָט ער גערעדט און גערעדט ביז יענער האָט סוף כּל סוף פאַרגעסן זיין „ניין"... אין וואַרשע האָט ער געלאָזט אַ גרויסע משפּחה: יונגע טעכטער און אַ זון. די פרוי האָט אים באַפוילן, אַז ס'איז איר שווער אָן אים. איז ער געווען דער ערשטער פון די רעגיסטרירטע אויף צוריקצופאָרן. גערימט זיך מעשה־העלד — ער האָט געוואָגט, וואָס ווייניק, ווייניק, האָבן געטון. דער העלד האָט זיך פאַר קיין זאַך אַזוי נישט געשראָקן, ווי פאַר אַ שפּרונג פון אַ קאַץ — אַפילו אין מיטן העלן טאָג. איצט, אַז ער האָט דערהערט מען אַרעס־טירט „ביעזשענצעס", איז ער געקומען צו בוימגאַרטן אַ דערשראָקענער, גע־ציטערט — מען האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט:

אין שטורעם

— מען וועט פאַרשיקן צו די ווייסע בערן! בע־ע־ר־ן! נעמט עס דער רוח!
בוימגאַרט, דער אָפּטימיסט, האָט געהאַלטן אין מיטן וואַשן זיך די ציין. מיטן בערשטל אין מויל האָט ער געענטפערט:

— מען מיינט נישט אונדז!

— היינט זיי, מאָרגן אונדז!

— אומזיסטע שרעק. ס'זענען אַרעסטירט די, וואָס האָבן געאַרבעט אויף שטעלעס.

ראָט האָט אויסגעצויגן זיין לאַנגן האַלדז, פאַרוווּנדערט געקוקט אויף בוימגאַרטן.

— מיר זענען אומבאַרירלעך, אַנערקענטע פּוילישע בירגער. מען וועט דאָך נישט באַשטראָפן הונדערטער טויזנטער. די וועלט קוקט אויף אונדז. די וועלט מישט זיך.

— נישט דאָ, ביי דער ראַטנמאַכט...

— מען דאַרף עס נישט נאָכזאָגן! מען דאַרף עס נישט נאָכזאָגן!...

***

אַלעק און בוימגאַרט זענען, נאָך ראָטס אוועקגיין, געזעסן איינער אַנט־קעגן דעם אַנדערן און נישט געקוקט זיך אין די פּנימער. יעדער פון זיי האָט געהאָט אַ חשבון מיט זיך.

בוימגאַרט האָט געהאַלטן ביי זיינס:

— כ'האָב נישט קיין חרטה. כ'בין גרייט אָפּצוקומען אַ שטראָף. מיין פרוי וואָלט געקאָנט מיינען, אַז איך האָב נישט קיין פאָטערלעכע פליכטן.

ביי אַלעקן אין קאָפּ האָט זיך געפּלאָנטערט: מאַרצעלאַ איז שוין דאָרט. ער וועט פאָרן אַהין און ראַכעלאַ וועט אפשר זיין אין וועג אַהער! נעמען אַ פּאַס און בלייבן!... און אַז ראַכעלאַ וועט נישט קומען, נישט וועלן גיין אַזאַ סכנהדיקן וועג?...

עפּעס האָט זיך בוימגאַרט האַסטיק אויפגעשטעלט, ווי פאַרגעסן וועגן זיין קראַנק האַרץ. ער איז צוגעקומען צו אַלעקן, גוטברודעריש אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל:

— זאָג! וואָס וואָלט זיי געשאַדט ווען זיי לאָזן אונדז דאָ איבערוואַרטן די מלחמה? מיר זענען דאָך נישט קיין שונאים.

— איך?! איך פאַר נאָך נישט!

בוימגאַרט האָט זיך אַוועקגעזעצט, אָבער באַלד צוריק אויפגעשטעלט. די הענט האָט ער פאַרלייגט אויפן רוקן און געשפּאַנט אַהין און צוריק איבערן צימער. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין פענצטער־פּאַראַפּעט:

— אַלעק, ענטפערט מיר, — האָט ער מיט ציטער אין דער שטים געבעטן — צי איז באַרעכטיקט אַ רעזשים וווּ דער בירגער האָט תמיד מורא, אַז ער איז נישט אַ געװנוג לאָיאַלער בירגער? צי וועט איר אויך ווייטער בלייבן אַ סימפּאַטיקער?...

אַ לאַנגע ווײַלע האָט אַלעק אַנגעשטרענגט געקוקט אויף בוימגאַרטן. עפּעס האָט די לעצטע פראַגע ווי אַ האַמער געקלאַפּט אין זיין מוח...

— איר זענט דאָ?

— מיר זענען דאָ!

— אַבי איר זענט דאָ!

— מיר האָבן נישט בדעה געהאַט צו גיין.

— אַ שרעק! אַ שרעק! ס'האַרץ שיער נישט פאַרלוירן אין געלויף.

— ווער האָט אייך איבערגעשראָקן, חיימקע?

— די פּאַרטיי מאָביליזירט אירע מיטגלידער צו אַ גרויסער אַקציע אויף היינט, צוצוהעלפן דער נ.ק.וו.ד. עפּעס אין שייכות די „ביעזשענצעס".

בוימגאַרט האָט זיך אַוועקגעזעצט, געפאָכעט מיט דער האַנט פאַרן פּנים, ווי אָפּצויאָגן פון זיך אַ זלידנע פליג.

— עפענען ס'פענצטער? איר דאַרפט לופט? — האָט חיימקע אין שרעק געפרעגט.

בוימגאַרט האָט סאַרקאַסטיש געשמייכלט:

— די קאָמעדיע הייבט זיך אָן! — ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע. זיין פּנים איז באַגאָסן געוואָרן מיט שוויס.

9

אין בעקערס פאַבריק

אויף דער שמאָלער וויגאָדאַ־גאַס, נישט ווייט פון אָפּגעזונדערטן פירשטאָ־קיקן הויז פון דער מיליץ, שוין ביים סאַמע ווינקל פון דער גאַס ווו ס׳איז מער קיין הייזער נישט געווען, האָט פון אַ גרויסן הויף, אַן אַרומגעצוימטן מיט אַ הויכן פּאַרקן פון דראָט־נעץ, אַרויסגעשטאַרטשעט אַ פאַבריק־געביידע — אַ ברייטער פּירקאַנטיקער בנין פון רויטע ציגל. דאָ איז פאַר דער מלחמה גע־ווען די פאַבריק פון יידישן פאַבריקאַנט — בעקער. אין דער פאַבריק פלעגט מען אויסוועבן פלושענע דעקעס. איצט זענען די מאַשינען פאַרשטעקט אין זייטיקע קאַמערן. די גרויסע האַלע איז אַ תפיסה — פאַר די ביעזשענצעס, אַרעסטירטע דורך דער נ.ק.וו.ד.

פרייטיק־צו־נאַכטס, דעם 29סטן יוני 1940, זענען נ. ק. וו. ד. — און קאָ־מוניסטן אַן אוניפאָרם — געגאַנגען פון וווינונג צו וווינונג און אַרעסטירט יעדן ביעזשענעץ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין סאָוועטישן פּאַס. אין האַלבער נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן דער „יאַגד״. די אַרעסטירטע האָט מען מיט אוי־טאָס אָפּגעפירט אַהער אין בעקערס פאַבריק.

עס איז שוין פול דער הויף, די מאַשינען־האַלע, אָבער נאָך און נאָך אַרעס־טירטע ביעזשענצעס ווערן געברענגט. מען ברענגט אַהער אויך די, וואָס זע־נען ביז איצט געווען פאַרשפּאַרט אין די אָפיציעלע תפיסות. עס טרעפן זיך באַקאַנטע און מען שמייכלט צו זיך, ווי זיי וואָלטן צופרידן זיין פון זיך — נישט איינגעבראָכן זיך אונטערן דרוק פון דער נ.ק.וו.ד.

בוימגאַרט איז אין האַלע. ער שטייט פאַרן פענצטער אַן אַ העמד. די הויט גלאַנצט אים פון שוויס. אין דעם לאַנגן, געקראַטעוועטן, ווענעציאַנער פענצ־טער זעט ער איצט אויס גאָר קליין. ער לאָזט זיך נישט פון אַנדערע אָוועק־שטופּן פון אָרט און ער לאַכט. ער ווייזט אָלעקן מיט צייכנס, אַז ער זאָל אַריינקומען.

— נישט אַריינגייך! — זאָגט צו אָלעקן איינער, אַ ברונעטער, וואָס ער

פלעגט אָפּט טרעפן אין הויף פון „קאָמפּאָמביעזש"* — גייט נישט! די לופט איז דאָרט סם. ס'איז אַ גהינום!...

צווישן דער מאַסע אויפן הויף זענען אויך דאָ אָפּטימיסטן. זיי רעדן זיך איין אַז דאָס צענויפזאַמלען דאָ אַהער די ביעזשענצעס איז צום אָפּשיקן זיי אַהיים. זיי ווייזן אָן אויף מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַליין צוגעשטעלט אין דער נ.ק.וו.ד. כדי מען זאָל זיי אַהערשיקן.

— אַ ביעזשענעץ אָן אַ פּאַס מוז זיך צושטעלן דער נ.ק.וו.ד. אַ ביאַליס־טאָקער איינוווינער טאָר נישט האַלטן ביי זיך קיין ביעזשענעץ אָן אַ פּאַס. מען וועט ער פאָרן אַהיים! איר זענט אַלע אין אַ טעות — רופט זיך אָפּ אַן אַנדערער.

— צווינגען? — רופן אויס עטלעכע מיט אַ מאָל און צעלאַכן זיך שטאַרק.

**
*

אין דער האַלע איז נישט צו שטעלן קיין טראָט. ביעזשענצעס ליגן ווי הערינג אין אַ פאַס. הונדערטער פּאָר אויגן קוקן תמעוואַטע. אויגן, ווי פּיצ־לעך האַלאָוועשקעס אין שניי־גולמס. אַלעק איז אַריין אין דער האַלע און ער וויל באַלד צוריק אַרויס, אָבער ס'איז נישטאָ קיין צוריק. דער באַוואָפנטער נ.ק.וו.דיסט לאָזט נישט אַרויס. שטייט אַלעק אַ צעטומלטער. ער האָט פאַר־לוירן די פריי. ס'איז פאַרשטעלט פאַר אים די זונשיין. ער דערקענט קוים זיין פריינט בוימגאַרט — אַ באָרד איז אים שוין אָנגעוואַקסן, שמוציק. דער פּע־דאַנט, דער אָפּגעהיטענער, וואָס פלעגט נישט עסן די סקאָרינקע פון ברויט — טאָמער האָט עס וועגער אָנגערירט, קנייפּט איצט פון קעשענע כזיתן ברויט און לייגט אַריין מיט דער פאַרשוויצטער האַנט אין מויל אַריין. עס עקלט אַלעקן ווי יענער איז באַקראָכן פון לייז. בוימגאַרט ווייזט אים ער זאָל זיך זעצן נעבן אים — ער וועט אים שוין מאַכן אָרט. דאָך קוקט אַלעק צו דער טיר.

ער איז געשטאַנען ביז די פיס זענען אים מיד געוואָרן. דאַן האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין רוק־זאַק — נישט אָנצורירן זיך אין די וואָס אַרום אים. ער האָט געקוקט אויף די פאַרשוויצטע פּנימער און געפילט, אַז אויך ער

*) פליטים־קאָמיטעט.

שוויצט. איינער, אָן אַ העמד, דעם קראַוואַט פאַרשלייפט אויפן גאָלן האַלדז איז מיטאַמאָל אויפגעשפרונגען מיט אַ געשריי:

— וואָס ליגט איר ווי די פגרים!? איך קאָן שוין נישט לענגער! כ׳קאָן שוין נישט! ווער זענען מיר, וואָס מען האַלט אונדז ווי די ווערעם?

פון צווישן די געקנוילטע גופים האָבן זיך געהויבן קעפּ און געקוקט אויף אים. טייל האָבן צוריק פאַרלייגט די קעפּ צווישן די איינגעבויגענע הענט. ס׳האָט זיך געהערט אַ שטיל כי־כי־קען. אייניקע האָבן געמורמלט: „מען קאָן זיך גאָרנישט איבערשלאָפן מיט דער צרה״... „ווי לאַנג וועט מען אונדז אַזוי האַלטן?״.

דער אין קראַוואַט אויפן בלויזן האַלדז איז נישט מבולבל געוואָרן. ער האָט זיך געשפּיגן אין די הענט און ווידער זיך צעשריגן:

— פון שמוץ און פון לייז וועלן מיר דאָ צעפרעסן ווערן! וואָס ליגט איר, וואָס!?...

— זעץ זיך, פאַרברעכער, זעץ זיך! — האָט עפּעס אַ דין קול זיך אָפּגע־רופן.

עטלעכע האָבן זיך האַסטיק אויפגעשטעלט מיט אַ געשריי:

— ווער איז אַ פאַרברעכער? — ווער ביסטו, שניעק, וואָס דו רופסט אונדז פאַרברעכער! ווו ליגט ער דאָרט? הייבט אים אויף!

גופים האָבן זיך געהויבן. ס׳איז געוואָרן אַ טומל. שטימען האָבן גע־רופן מען זאָל אים אָפּלאָזן. אַנדערע האָבן געשריגן: מען האַלט אונדז טאַקע דאָ ווי „פאַרברעכער!״ אין געשריי האָבן זיך אויסגעמישט ווערטער, פאַר־שלאָגן: „אַ פּעטיציע שרייבן״... נישט עסן! נישט נעמען זייער עסן!... זאָל מען אין דרויסן דאָס וויסן!...

**
*

פאַרנאַכט.

דער עיפּוש פון הויף שטאַרקט זיך, לאָזט זיך גוט פילן אין דער האַלע. די ריי אַרויסצוגיין צום ראָוו איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן גרעסער. צי מען דאַרף, צי נישט, און מען שטעלט זיך צום אַרויסגיין, אַבי צו זיין אַ פּאָר רגעס אין דרויסן, כאָטש מ׳האָט געוווסט, אַז דער עיפּוש קומט פון דאָרט. גדליה, דער מיטן קראַוואַט אויפן נאַקעטן האַלדז בייזערט זיך: „דווקא איצט,

ווען מען וועט באַלד אַ רוף טון עסן, גייען מענטשן אַרויס". ער האָט געזאָגט דעם אמת אין פּנים אַריין: — „איר ווילט נישט זיין דאָ, כדי נישט צו גיין עסן!"

אין דער צווייטער זייט פון דיקטן־וועלדל זענען געזעסן די וועכטער — נ. ק. וו. דיסטן און מיליטער. ס'האָט זיך שוין געהערט אַ רייבעריי פון געפּעס; טעמפּע קלעפּ פון הילצערנע לעפל. ס'האָט זיך שוין דערטראָגן דער ריח פון פאַרענדיקן הירזש. מיט אַ מאָל האָט זיך אויפגעפּראַלט דאָס טירל אין דיקטן־וועלדל. ס'איז אַריינגעקומען אַן אָפיציר, אַ הויכער און מיט אַ מילדער שטים פאַרבעטן אַריינצוגיין עסן. זאָל מען זיך שטעלן צו צוואַנציק אין אַ ריי, דאָס צימער איז קליין און אַלע קאָנען נישט מיט איין מאָל דאָרט אַריין".

קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— עסן! — האָט דער אָפיציר שוין מיט אַ העכער קול אויסגערופן.

קיינער האָט זיך נישט באַוויגן.

דער אָפיציר איז אַרויס, און צוריקגעקומען מיט נאָך איינעם — אַן עלטסטן. דער איז באַלד געקומען מלא חמה:

— דאַוואַי קושאַט! *) — האָט ער אַ הוקע געטון.

קיין איינער האָט אַפילו נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

דער אָפיציר איז צוגעגאַנגען צו די, וואָס זענען געשטאַנען אַרויסצוגיין צום ראָוו. ער האָט גערופן, און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אָנגעוויזן, אַז זיי זאָלן זיך אויסדרייען צום אַריינגיין אין קליינעם צימער, אָבער זיי האָבן זיך נישט גערירט פון די ערטער. מיט כוח האָט דער אָפיציר געצווונגען עטלעכע פון דער ריי, אַז זיי זאָלן שטיין ווי ער באַפעלט. ווען ער האָט זיך צוגערוקט צו די ווייטערדיקע, אַז זיי זאָלן נאָכטון די ערשטע, האָבן די ערשטע זיך געשטעלט אין זייער פריערדיקער פּאָזע. ער האָט פאַרלוירן דאָס געדולד. געזידלט, געשאָלטן, געזאָגט פרעכע ווערטער, צום סוף זיך אַרומגעקוקט און אויסגעשפּיגן. אויפהייבנדיק דעם קאָפּ צו זיינע באַגלייטער, האָט ער געזאָגט:

---

*) קום עסן.

— די באַשפּייזונג איז געענדיקט!...
בײדע האָבן גלײך אַ כאַפּ געטון די קליאַמקע פון דעם טירל.

**
*

ס׳נישט עסן האָט נישט געמאַכט קיין באַזונדערן רושם אויף דער נ. ק. וו. ד. ס׳איז אַפילו נישט געפאַרשט געוואָרן פאַר וואָס מען נעמט נישט אָן דאָס עסן. ס׳איז נאָר געקומען אַן ענדערונג אין אופן פון צושטעלן די באַשפּייזונג — אַנשטאָט צו ברענגען —פון דרויסן ס׳געקעכץ, האָט מען צוגעפירט פעלדקיכן אין הויף אַריין. מען האָט אויפן אָרט געקאָכט די זופּ און קאַווע. דאָס פייער אין די איזיועלעך אונטער די קעסלען איז נישט פאַרלאָשן געוואָרן. פון טאָג צו טאָג האָט מען צוגעברענגט נאָך אַרעסטירטע „ביעזשענצעס" און צו די דריי קיכן, האָט מען צוגעברענגט נאָך אַ קיך. וואָס גרעסער ס׳איז געוואָרן די מחנה, אַלץ מער האָט מען עס אויסגעטייטשט זיך, אַז זיי זענען נישט אַרעסטירטע, נאָר קאָנצענטרירט, כדי פון דאנען זאָל מען זיי מיט איין מאָל אַריבערוואַרפן איבערן טייך בוג. „קיין האָן וועט נישט אַ קריי טאָן".

יעדער „ביעזשעניעץ", וואָס איז געברענגט געוואָרן אין בעקערס פאַבריק, איז באַזוכט געוואָרן און קיין שערעלע, אָדער מעסערל האָט ער נישט געטאָרט האַלטן. יעדן טאָג איז מען געקומען פון נ. ק. וו. ד. און געמאַכט רעגיסטראַציע־ליסטעס און צוגעגעבן צו די ליסטעס. יעדע נאַכט זענען געקומען נ. ק. וו.־דיסטן און זיי האָבן גענומען עטלעכע ביעזשענצעס אין הויז פון דער נ. ק. וו. ד. צו וואָס זענען גענומען געוואָרן דווקא די ביעזשענצעס, האָט מען פון די ערשטע פאַלן זיך נישט געקאָנט דערקלערן. ערשט ווען אַ טייל זענען צוריקגעקומען, האָט מען זיך דערוווסט: זיי האָבן געמוזט אונטערשרייבן, אַז זיי באַשטייען מען זאָל זיי מיטן קאָנוואָי אַוועקשיקן קיין רוסלאַנד.

אין אַ געוויסער נאַכט איז אַלעק גענומען געוואָרן צו גיין אין נ. ק. וו. ד. הויז. אויף די שטיגן, ווו ס׳איז געווען אויסגעשפּרייט אַ פּוכיקער טעפּיך, איז ער געגאַנגען. ער איז אַריינגעלאָזט געוואָרן אין אַ צימער, ווו ס׳איז געשטאַנען נאָך אַ טיש און די עלעקטרישע ליכט האָט געבלענדט די אויגן. ער האָט נישט געזען קיין מענטש אין דעם צימער און ער האָט נישט געוווסט

וואָס צו טון. מיט אַ מאָל איז אַריינגעקומען אַ הויכער פּאַרשוין. נאָך אים אַנדערע דריי לייט. זיי האָבן זיך געזעצט הינטער אַ באַריערע. ער האָט גע־זען ווי די דריי זיצן נעבן טישן און מישן פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן אין באַזונדערע טעטשקעס. אַלעק האָט זיך דערמאָנט אַז סאַטין האָט אים גע־האָט דערציילט ווי אַזוי ס׳קומט פּאָר אַ משפּט. ס׳איז דאָ אַ „טראָיקע״, דריי לייט, וועלכע משפּטן אַ מענטש, אַפילו אין זיין אָפּוועזנהייט. ער האָט זיך משער געווען, אַז דאָס איז די טראָיקע״ *) און זיי וועלן אים איצט משפּטן, וואָרעם: צוליב וואָס האָט מען אים דאָ געבראַכט?... ער האָט נישט באַוויזן אַ טראַכט צו טון פּאַר וואָס מען קאָן אים משפּטן און דערהערט אַ באַפעל ער זאָל זיך זעצן.

דער נ. ק. וו. דיסט איז געווען אויסגעפּוצט אין געפלאַכטענע שנורן. פון אַקסל האָבן זיי זיך אַרונטערגעלאָזט הינטערן אָרעם און צוגעטשעפּעט גע־ווען צום שיידל פון רעוואָלווער. לאַנג האָט געדויערט אַ שטילשווייגן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז מען וואַרט אויף אַן אָנווייזונג, אָדער ס׳איז אַ כוונה צו אומ־געדולדיקן דעם „פּאַציענט״, ס׳זאָל אָנקומען לייכטער אים צו צעמישן און ער זאָל אָנהייבן צו פּלאַפּלען אומבאַטראַכט.

אַלעק האָט נאָכגעקוקט די באַוועגונגען פון ענקאַוועדיסט. ער האָט גע־קוקט אויף דעם רעוואָלווער, וואָס יענער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש, און לייכט געהויבן די אַקסלען. ער האָט נישט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים דראָען מיטן רעוואָלווער. זיינע ליפּן האָבן זיך לייכט באַוויגן צו שמייכ־לען. זיינע אויגן האָבן זיך געדרייט אויף רעכטס, אויף לינקס. ער האָט גע־וואָלט זען אַלץ, וואָס אַרום אים און וואָס מען גרייט פּאַר אים. געכאַפּט אַ בליק צו דער „טראָיקע״ און געזען נאָר איינעם, אויך — בלויז זיין קאָפּ, זיינע אַקסלען. ער איז געווען אַן אַ רעקל, אין אַ ווייס העמד, געזעסן ביי דער באַריערע — אַ פּנים פון אַ העכערער מדרגה. אפשר — פּראָקוראָר? אפשר ריכטער?

ביז ס׳איז געקומען די מינוט פון לעזן דאָס רעטעניש. דער נ. ק. וו.דיסט האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן. צו ערשט אויסגעפרעגט אַלעקן זיינע פּער־

*) דריי ריכטער.

סאָנאַליען, דערנאָך שוין נישט געפרעגט, נאָר פעסטגעשטעלט, אַז ער איז אַריבער די גרענעץ אומלעגאַל, אַז ער האָט געדינט אין פוילישן מיליטער און געקעמפט קעגן דער רויטער אַרמיי ביים ניעמאַן; ער האָט נישט געגו־מען קיין סאָוויעטישן פּאַס, זיך אָפּגעזאָגט פון אָנצונעמען סאָוויעטישע ביר־גערשאַפט. ער האָט אים פאַרגעלייענט פון אַ פּאַפּירל, אַז ער, אַלעק, באַ־שטייט אָפּגעשיקט צו ווערן קיין סיביר, אונטער אַ קאָנוואָי *) און דאָס פּאַ־פּירל אַוועקגעלייגט פאַר אים אונטערצושרייבן.

די גאַנצע צייט וואָס דער נ. ק. וו.דיסט האָט גערעדט, האָט אַלעק באַ־וויגן מיטן קאָפּ אויף ניין! אַז ער האָט אים אונטערגערוקט דאָס פּאַפּירל, האָט אַלעק עס אָפּגערוקט, ווי עפּעס אַ שמוציקע זאַך. איצט האָט ער זיך צערעדט: אַז ער האָט נישט געדינט אין מיליטער. ער האָט חרטה וואָס ער האָט נישט גענומען קיין פּאַס און געפרעגט צי קאָן מען נישט אָננעמען זיין חרטה? נאָר טרערן האָבן אָנגעהויבן צו שטערן זיין קול און ער האָט אָפּ־געהאַקט.

— דער נ. ק. וו. דיסט האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט גענומען זיין רע־וואָלווער און איז אַן אַ וואָרט אַרויס פון דעם צימער. אויך די „טראַיקע" איז באַלד נאָך אים אַוועק.

אַלעק איז זיצן געבליבן איינער אַליין. אַ מורא איז אים באַפאַלן מען זאָל אים נישט צווינגען אונטערצושרייבן דעם פּסק אויף זיך. ער האָט גע־האַט געהערט אַזעלכע פאַלן. אַ שוידער איז אים אַדורך איבערן לייב ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין איבערגיין די גרענעץ איז איצט צוגערעכנט געוואָרן פאַר אַן עבירה. אמת, ער איז אַריבער די גרענעץ אומלעגאַל, די גרענעץ־וואַך האָט אים פאַרהאַלטן. ס'איז אים דאַן געלונגען צו אַנטלויפן, ווייל די וואַך איז פאַרנומען געוואָרן מיט אַנדערע, וואָס זענען געקומען פון יענער זייט טייך. אָבער די עבירות זענען דאָך טאָלערירט געווען פון דער מאַכט. ער האָט נישט גענומען קיין פּאַס, אָבער פאַר וואָס זאָל ער נישט קאָ־נען תשובה טון? ער האָט זיך רעגיסטרירט אויף צוריק — צו וואָס בכלל געווען דאָס רעגיסטרירן? אַ שפּיל? פאַר וועמען און מיט וועמען? מיט אַ

*) שמירה.

מאָל האָט ער זיך אַ דריי געטון אויף דער שטול. די ניקלענע קליאַמקע ביי דער טיר האָט אים אַ בלאַנק געטון פאַר די אויגן. ס'איז אים באַפאַלן אַ געדאַנק: לויפן, אַנטלויפן. ער האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעקילט און געפרעגט:

— וווהין זאָל ער לויפן, אַז דאָס הויז איז אַ שטייג?

ס'איז אַריינגעקומען דער אויספאָרשער און געזאָגט, אַז ער קאָן גיין. אָלעק האָט געכאַפּט דעם רוקזאַק און אַרויס פון צימער. ער האָט געוואָלט גיין צו די טרעפּ, מיט אייליקע טריט געשפּאַנט, שוין נאָענט געווען צום אַרויסגיין פון קאָרידאָר, איז אים אַנטקעגן געקומען דער נ. ק. וו.דיסט, וואָס האָט אים אַהערגעבראַכט און אים פאַרהאַלטן:

— אייל זיך נישט. זיי רויק. האָסט זיך צעהיצט דאָרט אין צימער. קיל זיך אָפּ.

ס'איז אים באמת איצט געווען וואַרעם. דער פּלוצימדיקער זאָג „גיי!" נאָכן געדאַנק וועגן אַנטלויפן, האָט אים אָנגעגאָסן מיט אַ שטראָם וואַרעמקייט. איצט איז ער שטיין געבליבן אַ צעטומלטער. ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין טעשל מיט פּאַפּיראָסן. ער האָט זיך גענומען אַ פּאַפּיראָס און מעכאַניש פאַרגעלייגט דעם נ.ק.וו.דיסט ער זאָל זיך מכבד זיין. דער שומר־ראש האָט גוטברודעריש אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל און זיך פאַרענטפערט:

— ניע קוריאַשטשי! (כ'רויכער נישט).

די העפלעכקייט פון „שומר־ראש" האָט אָלעקן דערמוטיקט, און ווייל ער פירט אים נישט אַראָפּ צוריק אין בעקערס פאַבריק האָט אָלעק גערעכנט, אַז ס'איז דאָך דאָ אַן ענדערונג אין זיין לאַגע. ס'איז אפשר אָנגענומען געוואָרן זיין חרטה און ער וועט באַלד הערן, אַז ער איז פריי?

נישט לאַנג האָט ער געוואַרט אויף צו דערוויסן זיך. דער נ. ק. וו.דיסט אים נאָר געלאָזט אָנזעטיקן זיך אַ ביסל מיט ריינער לופט. ער האָט אים אַראָפּגעפירט אין פּאַרטער און אַריינגעלאָזט אין אַ תפיסה־צימער.

עס איז דאָרט געלעגן אויף אַן אַלמער אַ מענטש — אָדם נאַקעט, קאַנוולסיוו זיך געוואָרפן און געשריגן:

— ניעמצי! ניעמצי! אוטשעקאַטש! *)

*) אַנטלויפט, ס'זענען דייטשן.

אין שטורעם

איין געקראַטעוועט פענצטער איז געווען אין דעם צימער. עס איז אַרויס אויף אַ הויף. עמיצער כליפּעט, רעדט:

— כ׳וועל נישט אונטערשרייבן! כ׳וועל נישט אונטערשרייבן! סטרע־לאַיטיע! *).

האָט זיך אָלעק משער געווען, אַז דאָרט ווערן געהאַלטן אַרעסטירטע, וואָס ווילן זיך נישט מודה זיין, נישט אָנערקענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט. ער האָט נישט געהערט מען זאָל שלאָגן, דאָך איז אים נישט קלאָר געווען פאַר וואָס יענער וויל מען זאָל אים שיסן! מיט אַ מאָל איז אים ווידער באַ־פאַלן אַ פּחד, ווידער אַדורך אַ שוידער איבערן לייב: צי דערוואַרט אים נישט, אַז אויך ער זאָל בעטן — ליבערשט שיסן!?

אַ שנאָרכן האָט אָלעקן אָפּגעריסן פון די מחשבות. ער האָט זיך אַ קער געטון צום ווינקל נעבן ברייטן קאַפּלע־אויוון און באַלד דערקענט דעם שנאָרכער. ס׳איז זיין חבר פּטאַשעק. אַ גרויסער רוקזאַק אָנגעשטאָפּט ווי אַ באַלאָן האַלט ער צווישן די פיס. אים האָט אָלעק זיך נישט געריכט דאָ צו טרעפן. ער האָט געוווסט וועגן זיינע סימפּאַטיעס צום קאָמוניזם און זיך נישט פאָרגעשטעלט ער זאָל נישט האָבן קיין סאָוויעטישן פּאַס, נאָך פאַר דער גזירה פון דער „פּאַספּאָרטיזאַציע“. פּטאַשעק האָט איצט קאָמיש אויסגעזען מיטן רוקזאַק און אָלעק האָט נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון. ס׳איז אים לייכטער געוואָרן ס׳געמיט. ער האָט געפונען אַן אָח לצרה. ער האָט אים אָנגעטרעטן אויפן שוך, פּטאַשעק האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט, האָט ער אַ שלעפּ געטון דעם רוקזאַק און פּטאַשעק האָט זיך איבערגעוועקט אַ דער־שראָקענער, געמיינט אַז מען וויל אים באַגנבענען.

פּטאַשעק איז געווען אַ בוכהאַלטער און אַ דיכטער. ער פלעגט נישט רעדן וועגן זיינע לידער — עפּעס ווי מורא געהאַט טאָמער וועט ער הערן אַ מיינונג, וואָס וועט נישט זיין אים צום האַרצן. לויט זיין ווייטיקלעכן שמייכל האָט מען תמיד געקאָנט דערקענען, אַז עס נאָגט אים אַן אומצו־פרידנקייט, אַ גאַרונג נאָך אָנערקענונג, וועלכע ער באַקומט נישט. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. פלעגט רעדן לצנותדיק, אָפּט פאַרענדיקן

*) שיסט.

מיט אַ שטראַם־גראַם, ווי אויף צו להכעיס עמיצן. זעענדיק אַלעקן האָט ער גלייך אָנגעהויבן:

— אַזוי שפּעט האָט מען דיך גענומען?

— און דיך?

— שוין עטלעכע טעג.

— ביסט ביי זיי אַ חשוב...

— ריכטיק ווי אין קוימען איז ליכטיק... כאַ, כאַ!

— דו קאָנסט נאָך לאַכן?

— פאַר וואָס נישט? הער! דער אויספאָרשער האָט געוואָלט כ׳זאָל אונטערשרייבן, אַז כ׳בין אַריבערגעגאַנגען די גרענעץ אומלעגאַל. ער האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ שמענדריק.

— ביסט דאָך אַריבער די גרענעץ אומלעגאַל.

— און די וואָס האָבן גענומען פּעסער, און דרייען זיך אַרום איצט פראַנק און פריי, זענען נישט אַריבער די גרענעץ אומלעגאַל?

ס׳האָט עמיצער געעפנט די טיר און באַלד צוריק זי צוגעמאַכט.

— ניעמצי! ניעמצי! אוטשעקאַטש! — האָט זיך צעשריגן דער נאָקעטער.

לויט ווי פּטאַשעק האָט דערציילט, צעשרייט ער זיך ווען עס קומט אַ נ. ק. וו.דיסט. זייט מען האָט אים אַהערגעברענגט, האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן אַלמער און וויל נישט אַראָפּ. די נ. ק. וו. דיסטן זאָגן, אַז ער סימולירט משוגעת — „מען קאָן דאָ טאַקע לייכט אַראָפּ פון זינען״.

— ס׳רעגיסטרירן זיך אויף צוריקפאָרן איז געווען אַ פאַטאַלער פעלער.

— איך באַדויער נישט. זאָל זיין וואָס עס וויל.

— זיי זינגען: כ׳קען נישט אַזאַ לאַנד ווו דער מענטש זאָל זיך פילן אַזוי פריי! און דאָ האָבן טויזנטער פאַרפאָלגטע זיך אָפּגעזאָגט צו געניסן פון דער פרייַ, איז דאָס פאַר זיי אַ באַליידיקונג.

— קומט דערפאַר צו פאַרשיקן?

— געדענקסט דאָך, האָסט דאָך געלערנט: והיה כי יאמר לא אצא... ולקחת את המרצע ונתת באזנו...

— די פרייהייט דאָ נעם אין גענדזנפיסלעך...

— זיי וועלן אָנערקענען זייער פעלער.

נאָך די נאַכט איז אַלעק צוזאַמען מיט פּטאַשעקן איבערגעפירט געוואָרן צוריק אין בעקערס פאַבריק אַריין.

10

פייף פון נאַהייקעס

ס'איז געווען אַ ליכטיקע נאַכט. דער הימל לויטער, אַ וואַרעם ווינטל האָט שטיפעריש געבלאָזן. די אַרעסטירטע ביעזשענצעס אין הויף פון בעקערס פאַבריק זענען געלעגן ווי שפּענער פון אונטער אַ היבעל. די ערד האָט איינגעזאַפּט אַ שווערן אָטעם־הויך. אין דער לופט האָבן זיך געבלעזלט ביטערע זיפצן. די מענטשן זענען נישט געשלאָפן און נישט וואַכעדיק געווען. אַלעק איז געזעסן און עקשנותדיק געשוויגן. אין אַ געשטעל פון עפּעס אַ מאַשין האָט ער זיך אָנגעלענט מיט די פּלייצעס. ס'האָט זיך אים דערמאָנט דער פרימאָרגן, נאָכן אַריבערגיין די גרענעץ, מיט וואָס פאַר אַ געפילן ער איז געזעסן אויף דער פור, אויף דעם פאַרשנייטן שאָסיי. אַרום און אַרום — אַ ווייסע קאַלטע וועלט; צערטלען, גלעטן האָט ער געוואָלט דעם אַרום. אַ רויט־אַרמייער איז פאַרבייגעריטן, האָט אַלעק אים נאָכגעקוקט, זיין גבורה באַוווּנדערט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער רויט־אַרמייער האָט דורכגעשניטן די טונקלקייט. מיט אַ מאָל האָט זיין דמיון זיך אַ קער געטון קיין וואַרשע, זיין היים. ער האָט איצט ווידער אַ מאָל געזען דאָס זעקסשטאָקיקע הויז מיט די פענצטער אַרויסגעבויט בייכיק, האַלברונדיק, מיט אַן אויסזען פון מילטערס. ביזן האַלבן טאָג איז נאָר אַ העלפט פון הויז באַדעקט מיט זון, ווי אָנגעטון אין אַ קאַפּל. די שטוב איז פול מיט זון. ס'ווערן אַראָפּגעלאָזט די ראָלעטן ביי די פענצטער, כדי די זונשטראַלן זאָלן נישט אָפּשיסן דעם גלאַנץ פון רויזן־פאָרניר פון די שענק. ס'זאָלן נישט אָפּגעבליאַקירט ווערן די גאָלד־ליישונגען פון די ביכער־רוקנס אין שענקל... לילי, זיין טעכטערל, זיצט ביי איר טישל. מיט אַ שערל שניידט זי אויס בילדלעך פון זשורנאַלן. זי היט זיך, אַז איר יאַקעלע זאָל נישט שמוציק ווערן און דאָס קרייד

פון די אָקערשט אָפּגעשמירטע שיכלעך, זאָל נישט אַראָפּפאַלן, נישט מאַכן קיין צייכנס אויף דער פּראָטערירטער פּאָדלאָגע. ראַכעלאַ איז אין ברוינעם קאָסטיומל. זי גייט מיטן קינד שפּאַצירן. זי טרעפט זיך מיט מאַמעס און זייערע קינדער...

ער האָט פּלוצלינג אָנגעכאַפּט פּטאַשעקן פאַר דער האַנט און זיך צעקאַכט:

— רעד! רעד! איך שטיק זיך! כ'וועל זיך צעשרייען. כ'וועל רעווען! לאָמיר שרייען!...

דער געדאַנק האָט אים שוין נישט צורו־געלאָזט. צו מאָרגנס, נאָך פרישטיק, האָט ער זיך אַ לאָז געטון צווישן דער מאַסע אַרעסטירטע. ער האָט אָנגעכאַפּט איינעם, אַ צווייטן. די האָבן צוגעצויגן נאָך. ס'איז צוגעקומען בוימגאַרט מיט נאָך אייניקע אירע. ס'האָט זיך שוין צוזאַמענגענומען אַ היפּשע גרופּע.

פּלוצלינג איז עפּעס געוואָרן אַ געלויף צום טויער. אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ איז אַריינגעפאָרן. אַ גרויסע טייל פון דער גרופּע, וואָס אַרום אָלעקן, איז אַוועק אַ קוק טון צום אויטאָ. דער אויטאָ איז געווען אַ מין באַוועגלעכער בופעט מיט עסנוואַרג. די אויסגעהונגערטע ביעזשענצעס זענען צוגעפאַלן צום אויטאָ, ווי פליגן צו האָניק. צענדלינגער אויפגעהויבענע הענט האָבן געפלאָטערט אין דער הויך מיט רובל־באַנקנאָטן און געריפן, געבעטן ביי די יונגען אויפן אויטאָ, אַז זיי זאָלן פאַרקויפן אַ ברויטל, אַ שאַכטל פלייש־קאָנסערוון. מען האָט געכאַפּט אַ פּאָר טשאַסטקעס, אַ פּושקעלע שפּראָטן. ס'זענען פאַרקויפט געוואָרן עטלעכע ברויט און אַ פּאָר צענדלינג פלעשער מיט סאָדע־וואַסער און באַסטאַ! — מער איז נישט געווען וואָס צו פאַרקויפן. די ביעזשענצעס, מיט די רובל־באַנקנאָטן אין די אויפגעהויבענע הענט, האָבן געריפן, געבעטן: — ברענגט נאָך! ברענגט נאָך! פאַר רובלעס! פאַר טשערוואָנצעס!...

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אויטאָ איז נישט געקומען צו העלפן די הונגעריקע אַרעסטירטע ביעזשענצעס, נייערט אויף צו מאַכן פון אַ פאַלשער ידיעה אַן אמת. עמעצער פון די בופעט־באַדינער האָט איבערגעלאָזט אַ צייטונג „דער ביאַליסטאָקער שטערן" און דאָרט איז געווען אַ נאָטיץ: „די ביעזשענצעס אין בעקערס פאַבריק לעבן אין היגיענישע באַדינגונגען, זיי

זוערן גוט באַשפּייזט. אַ ספּעציעלער אויטאָ־בופעט ברענגט פאַר זיי פון כל־טוב".

מער איז שוין דער אויטאָ־בופעט נישט געקומען, אָבער אַ טייל פון די אַרעסטירטע האָבן דאָך דעם פאַל קאָמענטירט לטובה. בוימגאַרט האָט טריומפירט:

— ס'האָט זיכער וואָר אָנגעטרעטן דער נ.ק.וו.ד. אויף די הינער־אויגן און זיי ווילן פאַרגלעטן די עוולה.

— זיי וועלן סוף כל ־סוף עפענען פאַר אונדז די טויערן און מיר זאָלן זיך צעלויפן קיין כיניע־פיניע! — איז איינער אַ צעהיצטער צוגעפאַלן צו בוימגאַרטן.

די לעצטע מיינונגען האָבן ווי שטאַרקע פאַליעס געשלאָגן אין אַלע ברעגן. דער פיל־הונדערטקעפּיקער המון אויפן הויף האָט דאָס אויפגעכאַפּט. פנימער האָבן זיך געררויטלט, אויגן האָבן באַקומען אַ פרישן גלאַנץ. די וואָס פלעגן שלעפן די פיס, טשאַפּען ביים גיין — זענען איצט געוואָרן רירעוו־דיקער, אָנגעגורט מיט פרישן כוח. זיי האָבן נישט געוואָלט שלאָפן, געכאַפּט די רוק־זעק און זיך איבערגעטראָגן נענטער צום טויער, כדי זיי זאָלן זיין פון די ערשטע צום אַרויסלויפן.

אָבער פון צייט צו צייט זענען דערגאַנגען קלאַנגען פון דרויסן, וואָס האָבן צו נישט געמאַכט אַלע השערות פון די אַרעסטירטע.

די זון האָט נאָך נישט געענדערט ווי ס'איז מיט אַ מאָל אַנטשטאַנען אַ סומאַטאָכע. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג — „די רויטע אַרמיי וועט אַריבער דעם בוג". די גרענעץ וועט זיין איבער דער צווייטער זייט פון דער ווייסל. טייל האָבן באַדויערט וואָס זיי האָבן זיך געריסן אַהערצוקומען און מוזן איצט ליידן. ס'רוב האָט זיך ווידער ענטוזיאַזמירט, אַז אָט, אָט וועט וואַרשע און ביאַליסטאָק ווערן איינס און ער וועט במילא שוין זיין אין דער היים. אַנדערע האָבן פון התלהבות זיך געוואָרפן מיט פלעשער, ווי זיי וואָלטן געשפּילט אין פּילקע. דער קלאַנג האָט אַזוי צעהיצט די געמיטער, אַז ווי עס האָט זיך אויפן הויף באַוויזן דער נ.ק.וו.ד.־אָפיציר, האָט אים אַרומגערינגלט אַ מחנה נאַקעטע ברוסטן און פּלייצעס:

— הוראַ! הוראַ! מיר לעבן! זאָל לעבן!

דער אָפיציר האָט געזען אַז מען נעמט אים אויף מיט אַזאַ אָוואַציע, האָט ער געשמייכלט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט דאַנקען. ער איז צופרידן געווען, וואָס דווקא אים באַגריסט מען אַזוי. ער האָט געוווּסט אַז עמעצער פאַרצייכנט דאָס, און מען וועט אים אפשר העכערן זיין ראַנג. נאָר אַז ער האָט זיך דערוווּסט געני צוליב וואָס די שמחה און די הוראַ־רופערייען, האָט ער אויף גיך אויסגערופן:

— רעביאַטאַ! *) אויב נישט היינט, איז מאָרגן!... — און שנעל אַריין אין דעם דיזשור־שטיבל.

פון דעם פאַל אָן האָט אַלעק נישט גערעדט מער מיט קיינעם פון די אַרעסטירטע. ער האָט אויך נישט גערעדט מיט בוימגאַרטן. די קלאַנגען, אַז די וואָס זענען נישט גערופן געוואָרן אין דער נ.ק.וו.ד. צום אויספאָרשן, וועט מען נישט פאַרשיקן און אים האָט מען געפאָרשט — דאָס האָט אים איי־בערגעשראָקן מער פון אַלץ. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט איין געדאַנק — אַנטלויפן. ער האָט זיך פאַרטרויט פאַר זיין חבר פּטאַשעק.

— אַ גרויסער נעפּל ברענגט אַ געדיכטן מטר, פאַרקילסט זיך, באַקומ־סטו אַ קאַטאַר. — האָט פּטאַשעק געזאָגט צום גראַם און איינוועגס אים גע־וואָרנט ער זאָל זען נישט דורכצופאַלן.

אַלעק האָט זיך געדרייט אַרום פּאַרקן, געקוקט, אויסגעמאָסטן מיטן אויג יעדן שפּאַן. ער האָט געזוכט אַן אָרט, ווו ס'איז לייכט זיך אַרויפצוכאַפּן; אַ ווינקל, ווו ס'אויג פון וואַכמאַן דערגרייכט נישט. און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט ביים שפּרונג אומפאַלן, קריגן אַ קלאַפּ — צי וועט ער קאָנען זיך אויפ־הייבן? געפעלן איז אים אַ ווינקל פון דער הויז־וואַנט וואָס גרענעצט זיך מיט אַ צווייט הויז. ער וועט נאָר דאַרפן אַ קליין קלעצל זיך אַרויפצושטעלן, אָדער ס'זאָל עמעצער אים אַ ביסל אונטערהייבן, וועט ער קאָנען מיט איין פליק אַריבערוואַרפן די פיס אויף דער צווייטער זייט פּלויט; אויך אַ שטיקל שטריק זיך אָנצוהאַלטן, כדי ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן נישט אומצופאַלן. ער האָט גע־מאָסטן די לענג און דעם הויזן־פּאַסעק: אַ ביסל צו קורץ, אָבער בלית־ברירה... „נעמען דעם רוק־זאַק, אָדער נישט?" ער האָט באַשלאָסן יאָ צו נעמען, וועט

*) חברה.

נישט זיין קיין סימן, אַז ער פעלט. חוץ דעם איז דער רוק־זאַק ווייך, אַז ער וועט פאַלן, וועט דער קלאַפּ זיין אָן אַ קלאַנג.

אַלץ איז געוואָרן גענוי דורכגעטראַכט.

***

אָונט האָט אַ כמאַרע זיך פאַרצויגן איבערן הימל. ס'האָט אויסגעזען, אַז באַלד וועט אַ כליאַפּ טון אַ שלאַקסרעגן. די ביעזשענצעס זענען מידע געלעגן אויפן הויף. ס'האָט זיי ווי געטון דער דורכפאַל מיטן רופן: „הוראַ מיר לעבן!" זיי האָבן זיך אַליין אויסגעלאַכט. איצט האָט זיי אויפגערעגט יעדעס הויך וואָרט. זיי האָבן זיך געכעסט אויף די אַרומיקע פאַר וואָס זיי רעדן, און ס'איז שטיל געוואָרן — אַזוי שטיל, אַז דאָס אַנרייבן אַ שוועבעלע אויף צו פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס, איז געווען אַ רעש. מיט אַ מאָל איז אויך שטיל געוואָרן נעבן דער פעלדקיך. ס'זענען אַוועק די באַדינער. ס'איז נישט געגרייט געוואָרן צום קאָכן, אויסגעגאַנגען די לעצטע פונקען אין די אויוונס. „איצט איז דער שעת־הכושר אַריבערצוכאַפּן זיך איבערן פלויט" — האָט אַלעק געטראַכט, גענומען דעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס, צוגעגאַנגען צו פּטאַשעקן, כדי זיך געזעגענען.

— אפשר זאָל איך גיין מיט דיר?

— אַז דו פרעגסט, וועסטו שוין נישט גיין.

— פּיאַניסימאָ!... אָטעם!... לאָז אַ רגע אַ טראַכט טון!...

אַלעק האָט אים דערלאַנגט די האַנט און זיך אַוועקגערוקט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף אַלע פיר. ער האָט געהאַט אַ היפּש שטיקל וועג צו גיין. נאָך יעדע פאַר טריט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט צו קאָנטראָלירן צי ס'איז דאָ אַן עכאָ...

פלוצלינג איז אָנגעקומען אין הויף אַ גרויסע כאַפּטע ענקאַוועדיסטן. זיי האָבן זיך צוגעלויכטן מיט באַטעריעס און אין איין רגע זענען זיי געווען אין אַלע ווינקלען. מען האָט אָנגעהויבן צו טרייבן ביעזשענצעס. אַרויסגעטריבן פון הויף, פון דער מאַשינען־האַלע אויף דער גאַס אַרויס. דאָרט זענען גע־שטאַנען ענקאַוועדיסטן אין אַ שפּאַלער און זיי האָבן די אַרויסגעטריבענע נישט געלאָזט לויפן, איינגעשטעלט זיי אין רייען — אַכט אין אַ ריי. עלטערע מענטשן און ווער ס'האָט געהאַט אַ גרויס, שווער פּעקל, האָבן זיי אים אַרויפ־

געשטופּט אויף אַ לאַסט־אויטאָ. די רייען זענען שנעל פֿאַרמירט געוואָרן. ס'זענען אָנגעקומען רייטערס אויף פֿערד, אַרומגערינגלט די מחנה און ס'איז געפֿאַלן אַ באַפֿעל:

— מאַרש! מאַרש!

די ביעזשענצעס האָבן אַ צי געטון פֿאָרויס און אַרום זיי האָבן נאַהייקע־שמיץ געשווישטשעט.

11

סאָסנאָווקע

הינטער ביאַליסטאָק, נאָענט צו אַ באַנקניפּ, איז געווען אַ געגנט, וואָס מען האָט גערופֿן „סאָסנאָווקע". ס'איז געווען אַ גרויסער שטח פרייע פעל־דער, לאָנקעס. דאָ האָט די ענקאַווועדע אויפֿגעשטעלט שאָפּעס פֿון ברעטער — צונויפֿגעסטריגעוועט, מיט ברייטע שפּאַרעס צווישן איין ברעט און דער צווייטער. די שאָפּעס זענען געווען אָן פֿענצטער, האָבן אפשר די שפּאַרעס געדאַרפֿט דינען פֿאַר פֿענצטער. די לאַנגע רייען שאָפּעס זענען געווען פֿאַר־צוימט מיט אַ הויכן פּאַרקן, נאָר אין דריי זייטן. די פֿערטע זייט — אָפֿן צו אַ פֿרייער לאָנקע. אין יעדן ווינקל פֿון פּאַרקן — טורעמלעך און באַוואָפֿנטע וועכטער. אין די שאָפּעס זענען אַריינגעטריבן געוואָרן די אַרעסטירטע ביע־זשענצעס פֿון בעקערס פֿאַבריק.

ווי ס'זענען פֿאַרמאַכט געוואָרן די טויערן פֿון די שאָפּעס — אין די אויערן פֿון די אַריינגעטריבענע האָבן נאָך געקלונגען די סוויסטשערייען פֿון די נאַהייקעס, די זידל־ווערטער פֿון די ענקאַוועדיסטן — איז אַראָפּ אַ כליאַפּ רעגן. די ביעזשענצעס זענען דורכגעווייקט געוואָרן ביזן ביין.

אַלעק האָט זיך אַליין געגעסן פֿאַר וואָס ער האָט נישט גענומען קיין פּאַס, זיך געגריזשעט וואָס אַלע איינפֿאַלן צו העלפֿן זיך קומען אים צו שפּעט, עפּעס ווי דער גורל וואָלט אים פֿירן אין כּף־הקלע. די פּיכטקייט פֿון זיין העמד האָט אים געריצט, ווי מען וואָלט געשינדן פֿון אים די הויט. פֿון כעס האָט זיך אים אַרויסגעריסן אַ געשריי:

— פראָקוראָר! פּראָקוראָר!

— פּראָקוראָר! פּראָקוראָר! — האָבן הונדערטער קולות פון דער שאָפּע געשריגן. אויך פון די אַנדערע שאָפּעס האָבן די אַרעסטירטע אָנגעהויבן צו שרייַען דאָס זעלבע.

אין דרויסן, הינטערן טויער, האָט אַ כאַרכלענדיק קול געוּרופן ס׳זאָל שטיל זיין. די אַרעסטירטע האָבן דאָך געשריגן, האָט דאָס קול פון דרויסן געוואָרנט מיט עפּענען אַ שיסעריי פון מאַשינגעווער.

ווען ס׳האָט אויפגעהערט צו רעגענען זענען די אַרעסטירטע שוין גאָר מיד געווען. זיי האָבן געקעמפט מיט זיך נישט צו לייגן זיך אויפן נאַסן זאַמד. פּלייצע האָט זיך אָנגעלענט אין פּלייצע. אָבער די קני׳ען האָבן ווי געטאָן און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָבן קערפּערס זיך אַראָפּגעגליטשט נידעריקער און נידעריקער. ס׳האָבן קעפּ זיך אָנגעלענט אויף רוקזעק, אויגן האָבן זיך געקלעפּט איינצושלאָפן. אין דער שאָפּע איז שטיל געוואָרן.

***

בּאַגינען האָט מען געעפנט די שאָפּע־טויערן. זונשטראַלן האָבן געשפּיזט. ס׳האָט זיך געשטעלט אַ הייסער טאָג. דער נאַסער זאַמד האָט געפּאַרעט און די פּאַרע האָט ווי אַ נעפּל זיך פאַרשפּרייט אין דער שאָפּע. דאָס אָנטפּלעקטע פרייע פעלד האָט געצויגן ווי אַ מאַגנעט. די אַרעסטירטע ביַזשענצעס האָבן פאַרגעסן אין דער פּיין פון דער ביטערער נאַכט. זיי זענען אַרויס אויף דער לאָנקע, זיך געלייגט אויסצוואַרעמען זיך אונטער דער זון, אויסצוטריקענען די נאַסע מלבושים.

ס׳האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ קאָמענטירן, אויסטייטשן דאָס געשעע־נע. טייל האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קאָנצענטראַציע־פּונקט ביז צו אַ באַ־שלוס „פון די הויכע פענצטער״... אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָ איז דער פּלאַץ אויף אָפּצוקומען די שטראָף פאַר נישט נעמען קיין פּעסער און דאָס וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. דעם טאָג זענען געבּרענגט געוואָרן די פעלדקיכן פון בעקערס פאַבריק. ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן די באַשפּייזונג: אַ ברויט פאַר זעקס אירע; צוויי הערינג און פיר שטיקלעך צוקער פאַר אַ קאָפּ. צו מיטיק — הירזש, געשמאַלצן מיט הערינג. דער ענקאַוועדיסט האָט צוגע־

זאָגט, אַז ער וועט איינקויפן פּאַפּיראָסן. ווער ס׳וועט נאָר וועלן ער זאָל אים ברענגען פון שטאָט, וועט ער דאָס טון, ווי אַ פליכט־אויספיר. זיין מילדער בליק, זיין שטיל רעדן, זיין מיִען זיך צו באַרויִקן דעם עולם, האָט ביי ס׳רוב פון די ביִעזשענצעס צעוואַרעמט דאָס געמיט — זיי זענען פריילעך געוואָרן. זיי האָבן אין די פרימאָרגנס געמאַכט גימנאַסטישע איבונגען, גע־לאָפן איבערן פעלד, ווי אין אַ פאַרמעסט. דאָס פאַרמאַכן אויף ביי נאַכט די טויערן פון דער שאָפּע, און דאָס אַריינקומען פון יעדן איינעם צו לייגן זיך אויף זיין אָרט ווי די הענער, איז אויפגענומען געוואָרן ווי נאָרמאַלער לעבנס־שטייגער. פון דאַן אָן, ווען ס׳האָט זיך נאָר באַוויזן דער גוטמוטיקער ענקאַווערדיסט, די קליינע פיגור מיט די ברייטע הויזן אַריבערגעוואָרפן איבער די שטיוול־כאָליעווקעס, — זענען ביִעזשענצעס אים אַנטקעגנגעלאָפן, אים באַגריסט. אין פאַרלויף פון אַ רגע האָט ער געהאַט אַרום זיך צענדלינגער, וואָס האָבן געקוקט אים אין מויל אַריין און האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד מיט ערנסט און פאַרטרויען. ער איז אין משך פון עטלעכע טעג גע־וואָרן ווי אַן אייגענער מענטש.

מינוטנוויז האָט אויך אָלעק באַקומען בטחון: „וואָס ס׳וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט ר׳ ישראל״. דאָך האָט דער באַוווסטזיין, אַז ער האָט אַ פּסק פאַרשיקט צו ווערן, אים געעקבערט דעם מוח. ער האָט זיך געזעצט נעבן בוימגאַרטן צו הערן וואָס יענער רעדט און ער האָט נישט געהערט, ווי ס׳וואָלטן אים פאַרשטאָפּט געווען די אויערן; זיך געוווּנדערט וואָס די אַרו־מיקע קאָנען אַזוי זיצן, לאַכן אָן שום סיבה. אָבער וויפל מאָל ער האָט גע־וואָלט זיך אויפשטעלן און גיין, האָבן עפּעס די פיס אים נישט געטראָגן. ער האָט געטראַכט וועגן זיין חלום די נאַכט: דעם שמועס מיט אַ טויטן, מיט ראַכעלאַס פאָטער. ער האָט אים נישט געקענט. ביים לעבן נישט געזען און דאָך האָט ער זיין נאָמען אָנגערופן. ער האָט געזאָגט, אַז ער צעשיידט זיי און ער האָט אים נישט געענטפערט פאַר וואָס. ער גלייבט נישט אין חלומות, אָבער ס׳האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה און ווען מ׳האָט געברענגט ס׳מיטיק עסן, איז ער אַרויס פון דער שאָפּע. „זאָל עפּעס וואָס געשען מיט מיר״ — האָט ער זיך געטראַכט. ער איז געגאַנגען פון איין שאָפּע אין דער צווייטער, געזוכט אַ היימישן. פלוצלינג האָט ער געטראָפן דעם ד״ר יחיאל.

ביידע האָבן זיך געווונדערט, נישט גערעכנט צו טרעפן זיך דאָ, געשעמט זיך מיט זייער מצב.

ד״ר יחיאל, אַ הויכוווקסיקער, מיט אַ פּקחישן קוק, האָט מיט אַ לייכט ביטול־שמייכעלע, ווי אָפּגעווישט פון זיין פּנים די פאַרוווּנדערונג. ער האָט גערעדט צו אַלעקן ווי ער וואָלט געוווּסט פון לאַנג וועגן זיין דאָ זיין און געוווּסט, אַז עס דערוואַרט אים פאַרשיקט צו ווערן. אויך ער האָט חרטה געהאַט:

— אַ שטות געווען דאָס רעגיסטרירן זיך אויף צוריקצופאָרן.

— אַ פאַטאַלער טעות!

— פשוט טפשות.

ס'איז אָפּילו אַלעקן אַלץ איינס געווען וואָס ווער וועט זאָגן וועגן דער לאַגע דאָ און דאָך האָט ער געוואָלט הערן וואָס אַנדערע מיינען. ער פלעגט זיך שפּאַרן און געוואָלט אויפווייזן, אַז נישט ער איז דער שולדיקער, אַז די שולד דאַרף מען זוכן אין דער נישט גערעכטיקייט פון דער ענקאַווּעדע. מיט ד״ר יחיאל האָט ער זיך נישט געשפּאַרט. און איידער ער האָט זיך געזעגנט האָט ער אים פאַרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען, כדי טאָמער געשעט עפּעס מיט איינעם, זאָל דער צווייטער וויסן וואָס איבערצוגעבן זיין משפּחה...

שוין ביים אַריינגיין אין זיין שאָפּע, האָט אַלעק געטראָפן נאָך אַ באַ־קאַנטן; אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, אין ברילן מיט ברייטע טונקעלע צעלו־לאָיד־ראַמלעך. זיינע געדיכטע האָר זענען איצט געווען צעשויבערט און אויסגעזעצן שטייף, ווי ריטלעך.

— זאַלאַטאָוו! אויך איר האָט געמאַכט דעם טעות?! — האָט אַלעק באַ־דויערט.

— כ'האָב זיך אַריינגעדרייט, אָבער ווי אַזוי דרייט מען זיך אַרויס?

זאַלאַטאָוו איז אין וואַרשע געווען בוכהאַלטער אין אַ גרויסער פירמע, אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אָנגעפירט מיט שטרייק־אַקציעס. ער האָט געזאָגט אַלעקן, אַז ער האָט געקאָנט אויסמיידן דאָס „באַגראָבן זיך״ דאָ לעבעדיקערהייט, נישט געוואָלט זיך רעגיסטרירן אויף צוריקצופאָרן. ער האָט דאָ, אין ביאַליסטאָק, געאַרבעט, אַ גוטע שטעלע געהאַט, נאָר די פרוי האָט פאַרלאַנגט ער זאָל צוריקקומען.

ער האָט זיך געזעגנט מיט זאַלאַטאָוון, אַוועקגעזעצט זיך נעבן בוימ־גאָרטן, ווידער אַוועק צום טויער און ווידער זיך ערגעץ אַנידערגעזעצט.

**
*

אין דער שאָפּע — מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער און שיכטן: געוועזענע קצבים, פריזירער, קלעזמער, מעקלערס, לערערס; האַנטווערקער, סוחרים און סתם אָן אַ באַשטימטער פּראָפעסיע. אַלע האָבן גערעדט, געלאַכט, געשפּילט אין קאָרטן, אין שאָך — געמאַכט פון ברויט. מען האָט זיך געקריגט בעתן אויסקלייבן אַ קאָמענדאַנט פאַר דער שאָפּע; מען האָט געקעמפט מען זאָל נישט תמיד טיילן ס'מיטיק פון רעכטס אויף לינקס, נאָר אַ מאָל אויך פון לינקס אויף רעכטס, כדי ס'זאָל נישט יעדן טאָג אויסקומען איינעם צו עסן קאַלטס און דעם אַנדערן וואַרעמס. ס'איז אויך דאָרט געווען אַ „מזרח־וואַנט" — אַ ווינקל ווו ס'האָבן זיך גרופּירט עטלעכע לערער און עטלעכע נישט דערגאַנגענע אַדוואָקאַטן. דאָס אָרט איז געווען „ס'אָפּיציעלע ווינקל". דאָרט איז געזעסן דער קאָמענדאַנט פון דער שאָפּע, אַ הויכער מיט אַ שיינעם קאָפּ האָר, וואָס כאָטש ער האָט זיי נישט ספּעציעל געפּלעגט, האָבן זיי זיך דאָך אָפּגעלייגט אין קאַרבן. ער האָט נישט געוואָלט אָננעמען די אויפגאַבע. ער האָט געזאָגט, אַז ס'ערגערט אים דער נאָמען „קאָמענדאַנט". ער האָט אָבער דאָך צוליב געטון די אַלע אַרומיקע, וואָס האָבן אים אויפגעוויזן, אַז ער איז די אַנטשפּרעכנדיקע פּערזאָן. זיין גוטמוטיקייט, באַהערשטקייט און רויִקייט איז אַלעמען געפעלן. אויף זיין רוף האָט מען זיך געשטעלט אַפילו אָן פרעגן.

פון דעם ווינקל זענען געקומען אַלע ידיעות. די צוויי לערערס: רוישל און יעקובי, זענען געווען די וואָרטזאָגער. יעקובי פלעגט דער ערשטער קריגן יעדע ידיעה און ער האָט איבערגערעדט מיט רוישלען ווי אַזוי איבערצוגעבן זי ווייטער, כדי ס'זאָל קיינעם נישט פאַרשאַפן קיין קרענקונג. די אַרעסטירטע האָבן אַרויסגעדרונגען דעם ריכטיקן טייטש: האָט רוישל, בעתן דערציילן, געשטופּט די צונג אויפן אָרט פון זיינע פעלנדיקע פאָרנטיקע ציינער און זיין ברייט פּנים איז נישט פאַרכמורעט געווען, האָט מען אָנגענומען, אַז ער רעדט קלאָרע דבורים — „רחל בתך הקטנה"... האָט ער נישט געשטופּט די צונג אויפן אָרט פון די פעלנדיקע ציינער און געדרייט דעם קאָפּ, כדי מען

זאָל אים נישט קוקן אין פּנים אַרייַן, איז מען זיכער געווען, אַז ס׳איז דאָ זיך צו פאַרטראַכטן. אָפּט פלעגן ווילע יונגען אים נישט אָפּלאָזן. זיי האָבן זיינע רייד ספּעציעל איבערגעדרייט, כדי ער זאָל זיך שפּאַרן און מוזן באַגרינדן. אָבער ער האָט זיך נישט פאַרלוירן:

— מען דאַרף זיך נישט קליגלען — האָט ער געזאָגט — אַ גזר־דין איז דאָס וואָס ער איז... איינרעדעניש איז קאַנפאָר. ווער ס׳זעט אין דעם דערלויבן אַרייַנצולאָזן פּעקלעך פון קרובים, אַז דער רעזשים איז אַ לינדערער, באַנעמט נישט די ווירקלעכקייט... ער מעג וויסן אַז ס׳האָט געקאָסט אַ העמד און אַ זייגערל... די פאַראָרדענונג איז נישט קיין אָפּיציעלע. דאָ איז גאָרנישט אַנדערש פון אַ תפיסה.

אין דעם מאָמענט איז ראובן, אַ נאָווידוואָרער יונגערמאַן, אַ ברונעט מיט אַ נידעריקן שטערן, וואָס איז די גאַנצע צייט פון רוישלס רעדן פאַרטון געווען אין שאָך־שפּיל, מיט אַ מאָל אויפגעשפּרונגען אַ צעכעסטער:

— איר טרייבט איבער!... איר זענט נאָך נישט דער פּוסק אַחרון!... מיר זענען נישט געמשפּט. אונדזער אַרעסט איז בלויז פון אַ באַשלוס, און אַ באַשלוס קאָן מען ענדערן! אַלע אוממעגלעכקייטן זענען דאָ מעגלעך!...

— איר זענט פאַרמשפּט כאָטש איר ווייסט נישט!... — האָט רוישל ביין אים געענטפערט און אַוועק.

אָלעק האָט געקענט דעם נאָווידוואָרער יונגערמאַן און געוווּסט, אַז ער האָט נישט ליב קיין איינרעדעניש, אַז שטעכעדיקס איז נישט איינצוּוויקלען אין זיידנס, האָט ער נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער וויל זיך נישט אָנערקענען אַלס אַרעסטאַנט. ער האָט אים געוואָלט קלאָר מאַכן, אַז מען וועט אַלע פאַרשיקן קיין סיביר. האָט ער אָבער געזען ווי יעקובי טענהט מיט רוישלען, אַז מען דאַרף נישט דעם יונגנמאַן צונעמען די אילוזיע, האָט ער אויך געמאַכט אַ שווייג.

12

מען לאָזט זיך אין וועג אַריין...

ס'איז שוין פֿאַריבער נאָך אַ וואָך פֿון די לאַנגע יולי־טעג. די אַרעס־טירטע ביעזשענצעס אין דער „סאָסנאָווקע" האָבן זיך צוגעווינט צו ליגן אויפֿן זאַמד, צו זיין אויפֿן אָרט בעתן טיילן די הירזש־זופּ צו מיטיק; זיי האָבן זיך שוין צוגעווינט נישט צו וואַשן זיך, אַ נאָרמאַלע זאַך געוואָרן דאָס לויזן זיך. דער רוב האָט שוין אַפֿילו נישט געוואָלט זיך צוהערן צו די השערות וווהין מען וועט פֿאַרשיקן. ס'איז כסדר געוואָקסן די גרופּע אָפּטימיסטן, מיט בוימגאַרטן בראש, וועלכע האָבן געהאַלטן אַז אין איין העלן טאָג וועט מען עפֿענען די טויערן און יעדער זאָל זיך גיין זיין וועג. אין יעדער שאָפּע האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע דערמוטיקער. אין איינער האָבן יונגעלייט, געוועזענע סטאַטיסטן פֿון אַ רעוויו־טעאַטער, אָרגאַניזירט אַ חברה און אויסגעפֿירט רעווי־סקעטשן: אין אַ ווינקל פֿון דער שאָפּע אָוועקגעשטעלט צוויי פּעסלעך, גע־מאַכט אַ בינע, אַרויסגעטראָטן מיט באַקאַנטע רעווי־שלאַגערן.

אויך אין דער שאָפּע, ווו אַלעק איז געזעסן, האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי טיפּן, צוויי ברידער: אַנשעלע און מעכעלע. ביידע רונדפּנימדיקע, געלע; מגושמדיקע פֿיגורן. ביידע שווייגערס. מיט אַ מאָל האָבן זיי אָנגעהויבן אַרומ־לויפֿן איבערן פֿעלד, ווי זיי וואָלטן זיך געשפּילט אין „יאַגעלעך" — און בלויז אין די גאַטקעס. אַז ס'איז צו זיי צוגעקומען דער ענקאַוועדיסט, דער אויפֿ־זעער פֿון לאַגער, זענען זיי אַרויס מיט לשון: „כ'וויל נישט פֿאַרן! סיביר קאָן זיין אויך אָן מיר!"... דערביי האָבן זיי געמאַכט משונהדיקע העוויות. דער ענקאַוועדיסט האָט געזאָגט אַז זיי סימולירן און געוויזן, אַז מען וועט זיי אָנטון קייטעלעך.

אין דער זעלבער שאָפּע איז געווען נאָך איינער וואָס האָט זיך איינגע־קויפֿט אַ נאָמען „דער שמעקער". לעצטנס איז ער געוואָרן אַלעקס שכן. מלך גרינבערג, האָט ער געהייסן, פֿון פּראַשקאָוו, הינטער וואַרשע. געווען אַ זייפֿנ־זידער. און ווייל בוימגאַרט, דער פֿאַרמאַצעווט, האָט געקענט די זייפֿנבראַנ־

זשע, איז ער גרינבערגן געווען ווי אַ נאָענטער קרוב. ער איז פריִער געווען אין „אָפיציעלן" ווינקל און האָט זיך איבערגעטראָגן צו בוימגאַרטן. פאַר אים האָט ער געקאָנט זיך אויסרעדן. ער איז נישט געווען סתם אַ זייפנזידער. ער האָט געמאַכט אַ ספּעציעלן זייף פאַר שניידערס, אָנשטאָט קרייד און האָט מצליח געווען — ער קאָן גאַרנישט פאַרגעסן דעם טעם... זייט ער איז אַהער אַריין, רוט ער נישט. ער איז אין יעדער שאָפּע. דאָ דערשנאָפּט וואָס מען וועט קאָכן, דאָ דערניוכעט ער, אַז פאַר אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס קאָן מען קריגן פּאַפּיראָסן „סעוורנע פּאַלמיראַ". ער האָט אויסגעשפּירט ביי די ביעזשענ־צעס אין די אַנדערע שאָפּעס, וואָס זיי צאָלן פאַר דעם אַריינגעקריגענעם פּעקל עסנוואַרג. ער איז געווען הויך און דאַר, ווי אַ שפּאָן. די איינגעפאַלענע באַקן האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן ליגן צווישן די דזשאָנסלעס, און מיט דער שפּיציקער גאָמבע האָט זיין פּנים אויסגעזען און געהאַט די פאָרעם פון אַן אויסגעטריקנטן קעז. ער האָט זיך באַוויזן איינצוקויפן ביי די קוכער זיי זאָלן אים געבן צו ברענגען וואַסער פון דער פּלומפּ. פון דאָרט האָט ער גע־קאָנט אַ פּאָר מינוט קוקן אויף אַ גאַס אַרויס. ער האָט צוגעזאָגט אויך אַלעקן, אַז ער וועט אים צושאַנצן אַרבעט ביי דער קיך...

אין גרינבערגן האָט אַלעק געזען אַ מוסטער פאַר זיך. ער האָט אים נאָכגעטון. נישט געשלאָפן אויפן זאַמד — געקויפט ביי די קוכער פּאַפּירענע בייטלען, כדי אויסצושפּרייטן זיי ווי אַ ליילעך. ער האָט שוין געחלומט וועגן דעם טאָג ווען ער וועט אָנהייבן טראָגן וואַסער פאַר דער קיך, כדי ער זאָל קאָנען זיך אַ מאָל אָפּוואַשן. אין צווייען וועט דאָס וואַשן זיך זיי אָנקומען לייכטער און זיי וועלן דאָס אָפּטון שנעל, אַז מען זאָל נישט קומען זיי זוכן.

די אַלע פּלענער זענען אָבער מיט איין מאָל דורכגעפאַלן.

אַ וואַסער־טרעגער האָט געלאָזט די צוויי עמערס ביי דער פּלומפּ און איז אַנטלאָפן, האָבן די קוכער שוין גרינבערגן אויך נישט געוואָלט אָנטרויען ס'וואַסער־טראָגן. ס'זענען אָנגעקומען ענקאַוועדיסטן מיט שפּיר־הינט, פאַר־גרעסערט געוואָרן די וואַך, באַגרענעצט געוואָרן דער באַוועגונג־שטח. אין דער מהומה האָט מען אַוועקגעכאַפּט אַ קראַנקן אין שפּיטאָל אַריין. טייל האָבן פלוצלינג אָנגעהויבן זיך קלאָגן אויף קאָפּ־ווייטיק, איז די מהומה נאָך גרע־סער געוואָרן, אַ שרעק איז באַפאַלן — צי איז נישט אַן עפּידעמיע אויס־

געבראַכן? אין „אַפּיציעלן ווינקל" איז רוישל געשטאַנען מיט אויפגעהוי־בענע הענט, ווי אַ כהן צום דוכענען, און ער האָט אַריינגערעדט אין יעקובין, אַז מען דאַרף מעלדן וועגן דער סכנה.

בוימגאַרט איז געווען קעגן דעם. ער האָט געזאָגט מען זאָל זיך נישט וויסנדיק מאַכן וועגן די קראַנקע. ס'זאָל דווקא דערלאָזט ווערן צו אַן עפּי־דעמיע, וועט דאָס פאַרשיקן נישט אויסגעפּירט ווערן און די ענעקאַוועדע פון ביאַליסטאָק, וואָס האָט געדאַרפט צושטעלן מענטשנמאַטעריאַל פאַר סי־ביר, וועט באַשולדיקט ווערן פאַר שעדיקער און אַליין פאַרשיקט ווערן צו די ווייסע בערן.

נאָר מיט אַמאָל זענען אין איין טאָג אָנגעקומען עטלעכע פאַראָרדענונ־גען: אויספילן פרעג־בויגנס, זיך לאָזן פאָטאָגראַפירן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן....

אין „אַפּיציעלן ווינקל" האָט מען די פרעג־בויגנס אָנגערופן—„ראשי־פרקים", די פאָטאָגראַפיע — „פּיקטשער", דווקא ענגליש, לשם איראָניע.

אין אַ שאָפע, ביי די פראָוויזאָרישע טישן, צונויפגעשטעלט פון דיקע און דינע ברעטער אויף קאָזלעס, זענען געזעסן מיליציאָנערן און אויסגעפילט די פרעג־בויגנס. נאָכן אונטערשרייבן האָט דער אויסגעפרעגטער איינגעטונקען די פינגער אין אַ טוש־קעסטל און זיי אָפּגעדרוקט אויף אַ זייט פון דעם פרעג־בויגן. ער האָט איינגעטונקען אין טוש די האַנט־פלאַך און ווידער זיי אָפּגעדרוקט.

— ס'גיהנום האָט זיך געעפנט — האָט פּטאַשעק געזאָגט צו אַלעקן.

דאָס מאָל האָט ער זיך נישט דערלויבט אויף אַ גראַם. געווען קאַלד־ווייס. דער פּראָטאָקולאַנט האָט נישט געגלויבט, אַז ער איז געווען אַן אָנ־געשטעלטער ביי אַ בעל־הבית. לויט זיינע הענט — ווייסע, האָט ער אים באַטראַכט פאַר אַ ספּעקולאַנט. — „מ'בין זיכער, אַז נאָר דערפאַר ווייל ער ווייסט נישט ווי אַזוי מען שרייבט ס'וואָרט בוכהאַלטער. אין שרייבן דאָס וואָרט ספּעקולאַנט האָט ער זיך שוין גוט איינגעאיבט...".

ביידע זענען זיי אַוועק צו ד"ר יחיאל. ער איז געזעסן מיט די פּלייצעס אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, פאַרטיפט געווען אין לייענען אַ בוך. ער האָט געקוקט אויף אַלעקס אויסגעשמירטע הענט און זיך נישט איבערגענומען דערמיט:

— ס׳איז אַ פּראַצעדור־זאַך, — האָט ער געזאָגט. — אַזוי מוז זיין. דו ביסט אַן אַרעסטאַנט. דיין ווידערשטאַנד וועט דאָ גאָרנישט ענדערן. האָסט אַ גוט בוך? קלייב זיך אָפּ אַ גוט, רויִק ווינקל און לייען.

אַלעק איז צוריק אַריין אין זיין שאָפּע. אַ מידקייט איז אים באַפאַלן און ער האָט געוואָלט זיך אַנידערזעצן. אין דער שאָפּע האָבן אַלע געלאַכט. ס׳האָט איינער דערציילט ווי אַזוי אַנשעלע, דער מכלומרשטער טומטום, האָט נישט געלאָזט זיך פאָטאָגראַפירן. ווען דער פאָטאָגראַפיסט האָט געעפנט דעם אָביעקטיוו איז אַנשעלע אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי: „ס׳בייסט!”. מען האָט אים מיט כוח אַוועקגעזעצט, האָט ער זיך צעוויינט און באַראָצט.

אין דעם טומל איז אַלעק אַוועקגעפאַלן אין אַ האַרטן שלאָף און ווידער חלומות: וואַרשע, דעם קינדס געבורטסטאָג. אין שטוב איז ליכטיק. ראָכעלאַ אין אַ נייער פריזור, אַ רויט בלימל צוגעטשעפּעט צום קלייד ביים אַקסל. ס׳איז דאָ זיין גאַנצע משפּחה. דער טיש איז געדעקט מיט טאָרטן און פלעשער וויין. ס׳קומען נאָך מענטשן. מען קושט זיך, מען לאַכט. ער איז אויך דאָ, נאָר קיינער זעט אים נישט. מיט אַמאָל טוט דאָס בילד זיך אַ דריי. ער זיצט ביים טיש. ער פירט דעם טיש. אַלע הערן זיך צו ווי ער דערציילט וועגן ווייטע וועגן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. פּלוצלינג פאַלט ער און פאַלט. ער פילט מען רייסט אים ביים אַרבל...

בוימגאַרט האָט אים געוועקט ער זאָל נישט שרייען. ער איז אָבער באַלד ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן.

נאָך חצות זענען אַלע אַרעסטירטע אין דער „סאָסנאָווקע” אויפגעוועקט געוואָרן. אין דער שאָפּע איז רוישל געשטאַנען מיט ליכט און צוגעלויכטן דעם קאָמענדאַנט, וועלכער האָט אַריינגעקוקט אין אַ ליסטע. ס׳זענען אויסגערופן געוואָרן נעמען פון די אַרעסטירטע. דער אַרויסגערופענער האָט גענומען זיין רוקזאַק און איז אַרויס פון דער שאָפּע. ס׳האָט געהייסן, אַז אַ סאַניטאַר־קאָמיסיע האָט פאַראָרדנט צו האַלבירן די צאָל אַרעסטירטע אין דער שאָפּע, כדי צו פאַרמיידן קראַנקייטן. אַלעק איז אויך אַרויסגערופן און ווי ער האָט פאַרלאָזט די שאָפּע, האָט ער באַלד זיך איבערצייגט, אַז דער היגיענישער טעם איז ווידער אַזאַ אָפּנאַר־מיטל, ווי ס׳איז געווען דאָס רעגיסטרירן צום צוריקפאָרן. אין דער צווייטער שאָפּע, ווו

אַלעק איז אַריין, זענען אָפּגעטיילט געווען די אַרעסטירטע אויף אָפּצושיקן קיין „אוסטווים־לאַג"... ביי אַ לאַמטערן האָט געאַרבעט אַ פריזירער. ער האָט דעם אַריינגעקומענעם פאַרבעטן זיך זעצן און אים אָפּגעשוירן די האָר פון קאָפּ. ווער ס'האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשערן, איז דער פריזירער אים פאַרפאָרן מיט דער מאַשינקע אין די האָר, אויסגעשוירן אַ פּאַס, האָט ער זיך אונטערגעגעבן דעם פריזירער ער זאָל שוין אָפּטון זיין מלאכה בשלי־מות. דאָ האָט אַלעק דערזען בוימגאַרטן, ווי אַן אָפּגעשוירענעם שעפּס, איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ טויטן־מאַסקע. בוימגאַרט האָט אַלעקן באַגעגנט מיט אַ שמייכל:

— מיר זענען אין פּעקל.

— איר זעט אויס... — האָט אַלעק געזאָגט און נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ.

— ביי זיי בין איך אַ גיבור...

די שאַפע האָט אין דער פינצטערניש אויסגעזען ווי אַ הייל. די אַרעס־טירטע האָבן זיך נישט געפונען קיין אָרט. זיי זענען געגאַנגען און זיך אָפּט אָנגעשלאָגן איינער אין צווייטן. דער ענקאַוועדיסט האָט זיך צוגעלייגט מיט אַ באַטערי'ע און געוועזן העפלעך, גאָר העפלעך:

— מען קאָן זיך צולייגן שלאָפן, כ'וועל שוין די נאַכט מער נישט וועקן, — האָט ער געזאָגט.

— גלייבט אים נישט, — האָט בוימגאַרט געטענהט, — ער איז אַן אַרטיסט. ער שפּילט איצט זיין ראָל...

***

ס'האָט שוין געדאַרפט זיין באַגינען און דאָס גרויען אויף טאָג איז צו־געגאַנגען געמיטלעך, לאַנגזאַם. אַלעקן האָט עס אויסגעזען ווי אַ צו־להכ־עיס שטיקל. ער האָט געוואַרט אויף ליכט, כדי צו זען צי ס'איז ווער גע־בליבן אין דער ערשטער שאַפע, צי נאָר זיי זענען דאָ גענומען געוואָרן צום פאַרשיקן. „אויב ס'איז דאָרט געבליבן אַ גרופּע — פאַר וואָס איז זי געבליבן? אפשר זענען די דאָרטיקע אָפּגעטיילט אויף צו באַפרייען?". ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ גוט אָרט, וווּ ס'איז געווען אַ ברייטע שפּאַרע צווישן די ברעטער. ס'איז שוין גוטער טאָג געווען און ער האָט נישט געזען קיי־

נעם אַרויסגיין פון דער ערשטער שאַפע, האָט ער אָפּגעזיפצט. „דער גורל אונדזערער האָט קיינעם נישט אויסגעמיטן...". שפּעטער האָט ער דערהערט אַ סקריפּען פון די טויערן: אין די אָפענע טויערן פון דער ערשטער שאַפע, וווּ ער איז נעכטן געווען, שטייען אַ סך געבליבענע. סאַניטאַרקעס אין ווייסע כאַלאַטן דעזינפעקטירן די שאַפע. „דאָס איז נאָר פאַר די געבליבענע, כדי זיי זאָלן גלייבן אין צוזאָגעכצן...". ער זעט, אַלעק, אַז די געבליבענע קוקן אַהער צו דער פאַרמאַכטער שאַפע. אַ פחד ליגט זיי אויף די שפּיץ נעז.

קיינער קומט דאָ נישט אַ שמעק טון און דאָך האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אין אַן אַנדערער שאַפע זענען די איזאָלירטע דורכגעגאַנגען אַ שטרענגע רעוויזיע, מען האָט פון זיי צוגענומען די ווערט־זאַכן. ס'איז נישט געווען קיין אָפיציעלע קאָנטראָל — יעדער רעווידירער האָט געטון מיט די חפצים וואָס ער האָט געוואָלט...

אַלעק האָט זיך געטראָגן מיט זיין רוק־זאַק, ווי ער וואָלט נישט געהאָט פאַר אים קיין אָרט. ער האָט נישט געהאַט קיין ווערט־זאַכן, ער האָט אָבער נישט געוווּסט וואָס ביי אַן ענקאַוועדיסט ווערט פאַררעכנט פאַר ווערט־זאַך — אפשר אויך אַ העמדז...

קיין עסן האָט מען די גאַנצע צייט נישט געגעבן. אַלעק האָט שוין געפרעגט ביי אייניקע: „אפשר זאָל מען אַ געשריי טון — עסן?!". די דערשלאָגנקייט איז אָבער אַזוי גרויס, אַז אַלע האָבן געענטפערט — „מוחל!".

נאָך האַלבן טאָג זענען אָנגעקומען ענקאַוועדיסטן אין ווייסע כאַלאַטן. זיי האָבן אָנגעטון ווייסע הענטשקעס. גרינבערג, דער זייפנזידער, האָט זיך דערשראָקן, געציטערט, בלויז געוואָרן ווי אַ מילך. ער איז אַ געברעכטער און ווער ווייסט וואָס זיי מיינען דאָ צו טון? ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז זיי וועלן יעדן רעווידירן. ס'האָט שוין איינער אַ געשריי געטון:

— פאַדנימאַיס! (אויפשטיין).

פּלוצלינג איז אָנגעלאָפן אַ שליח. ער האָט עפּעס גערעדט מיטן עלטסטן און אַלע זענען אַוועק.

— ס'איז אַן ענדערונג!...

— פון די הויכע פענצטער איז זיכער געקומען אַן אַנדער באַפעל!...

— אפשר נישט פאַרשיקן?...

די שאַפּע איז ווידער פאַרמאַכט געוואָרן. מען זעט נישט אַפילו די וואַנט.

פאַרנאַכט־צו איז ווידער געקומען די אָפּטיילונג אין די ווייסע כאַלאַטן. זיי זענען געקומען מיט נאָך אָפּיצירן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן: „יעדער מוז אָפּגעבן די ווערט־זאַכן, געלט און ער וועט באַקומען אַ קבלה. זיך אויסטון און אַ נאַקעטער זיך שטעלן פאַרן רעווידירער". שטייט אַלעק פאַרן רעווידירער און ער עפנט דאָס מויל, הייבט אויף די צונג. דער רעווידירער קוקט אַרונטער, זוכט צי ער האָט נישט עפּעס באַהאַלטן. ער זוכט צווישן די פיס־פינגער. ער הייסט אים זיך אָנבויגן און ער קוקט אים אין רעקטום. ער באַטאַפּט אַלע קאַנטן און זוימען פון אַלעקס מלבושים, שניידט אָפּ אַלע שנעלעכלעך און קנעפּלעך, וויל אָפּשפּילען די ספּינקעס פון די מאַנקעטן ביים העמד און ער קאָן נישט. ער ווייסט נישט ווי אַזוי מען עפנט זיי. ס׳איז נישטאָ קיין צייט זיך צו פאַרטראַכטן אין דעם מעכאַניזם און ער שניידט איבער די לעכלעך — נעמט די ספּינקעס. ער געפינט ביי אַלעקן אַ שפּיגעלע מיט דער פאָטאָגראַפיע פון זיין טאָכטער — נעמט ער אויך דאָס אַוועק, שליידערט דעם שלל אין אַ קאַסטן אַריין. אַלעק פּראָטעסטירט און ער ווערט אַוועקגעשטופּט פון רעווידירער. ער מוז שוין, אין פאַרלויף פון מינוטן, זיך זעצן צום טראַנספּאָרט, ער מוז פאַרנעמען ס׳אָרט אין דער שורה פון אַכטל — פיר אַכטלעך — אַ גרופּע. ס׳איז נישטאָ קיין צייט: נישט צו קוקן, נישט צו טראַכטן, נישט צו וועלן. — „אויפן הינטן זיך זעצן!" — שרייט דער וואַכמאַן און ער וויזט זיין ביקס. אַלעק האָט אַ קללה אויף די ליפּן, און דאָך האָט ער געגלייבט, אַז ס׳איז נישט זיין לעצטער וועג, געזאָגט צו זיך:

— און איך וועל נאָך זען מיין היים!

מיט אַמאָל זענען פאַרמאַכט געוואָרן די טויערן פון דער מיטלסטער שאַפּע, ווו עס זענען געווען די געבליבענע. ס׳איז אָנגעקומען נאָך עטלעכע אָפּטיילונגען באַוואָפנטע ענקאַוועדיסטן מיט שפּיר־הינט און מאַטאָציקלעטן. דער הימל איז שוין געוואָרן בלויער, טונקעלער. אַ ווינטל האָט גענומען בלאָזן. ראַפּטום האָט אָפּגעהילכט אַ באַפעל:

— אויפשטיין! אויפשטיין!

אין שטורעם

דער האַסטיקער הייב פון הונדערטער גופים מיט איין מאָל האָט אַ שאָרך געטון, ווי אַ סווישטש פון אַ נאַהייקע.

— פאַר אַרויסרוקן זיך פון דער ריי וועט באַנוצט ווערן געווער! — האָט דער אָפיציר אָפּגעזאָגט דעם באַקאַנטן פסוק.

— מ־אַ־אַ־ר־ש!

ווי די מאַסע האָט זיך אַ רוק געטון פאָרויס, האָבן די ענקאַוועדיסטן זי אַרומגערינגלט. ס'איז צווישן זיי געוואָרן אַ געיעג פון אויסצייכענען זיך מיט זידלווערטער, פרעכע אויסדרוקן און נבול־פה. זיי האָבן געיאָגט די פילקערפּערדיקע מאַסע שנעל און שנעלער. — „שפּיאָנען, שעדיקער, אַר־טיסטן!"... זיי האָבן געיאָגט צו די וואַגאָנען.

די נאַכט איז צוגעפאַלן ווי אַ שוואַרצער פאָרהאַנג.

דריטע טייל

1

וואַגאָן 59

איבער אַ שמאָלן שליאַך, וואָס איז אויסגעטרעטן דורך פערד און וועגענער, אין מיט פון אַ ברייט פעלד, שפּאַנט איצט די מאַסע הונדערטער ביעזשענצעס — אַרויסגעטריבענע פון דער „סאָסנאָווקע“. ענקאַוועדיסטן, מיט הינט און רייטנדיקע אויף פערד, רינגלען זיי אַרום.

ס׳איז אַ פינצטערער אָוונט, שטאָק פינצטער. די ענקאַוועדיסטן דערקענט מען בלויז לויט זייערע כאָרכלענדיקע שיכורע שטימען. זיי זענען באַוואָפנט און דערמאָנען אויף שריט און טריט, אַז זיי וועלן באַנוצן דאָס געווער, אויב ווער עס איז וועט זיך אַרויסרוקן פון דער ריי. פון מאָל צו מאָל רייט ווער פון זיי אַריין צווישן דער מחנה — פאַר פריילעכקייט. ס׳הערן זיך קרעכצן און געוואַלד־רופן.

— שטיל זאָל זיין! שטיל! — בייזערן זיך די ענקאַוועדיסטן.

די הונדערטער צוזאַמענגעבויגענע גופים זעען איצט אויס ווי איין שוואַרצע מאַסע, וואָס ווערט אונטערגעיאָגט פון די ענקאַוועדיסטן:

— שונאים! שעדיקער! בליאַדי! — ברומען זיי און באַשמעלצן:

— אין אייער מאַמעס מאַמען אַריין!... ביסטרעי! ביסטרעי!*

שוין עטלעכע מאָל ווי מען האָט אָלעקן אָנגעטרעטן אויף די פּיאַטעס. די גייענדיקע הינטער אים שטופּן ער זאָל זיי נישט שטערן אין וועג. עס פעלט אים אָטעם.. עס מישט זיך אים אין קאָפּ. ער האָט מורא ער וועט פאַלן.

***

---

*) שנעל.

אויף אַ הינטערשטאַטישער באַן־ליניע, ווו ס׳ווערן בלויז פאַרמירט צוגן און קיין זייטיקע מענטשן, אויסער די באַן־אַרבעטער, קומען נישט, איז געשטאַנען אַ לאַנגע שורה וואַגאָנען. די גייענדיקע אין דער הינטערשטער רייִ האָבן נישט געזען איר אָנהייב.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ רוף:

— „נאַ זשאַפּו!" *).

מעכאַניש האָט די מאַסע זיך אַנידערגעזעצט.

— פּאָ וואַגאָנאַם!" — האָט אַ ברויזנדיק קול באַפוילן.

— אָפּשטייענדיקע וועלן דערשאָסן ווערן! — האָט אַ צווייט קול גע־דראָט.

מיט אַ האַסטיקן הייב זענען אַלע ביעזשענצעס אַריין אין די וואַגאָנען, כאָטש די וואַגאָנען זענען געווען הויך און אָן שטיגלעך.

*

אין 59סטן וואַגאָן איז אַריין אַלעק מיט נאָך 31 אירע. די וואַגאָן־טיר איז פאַרשמידט, פאַרקייטלט פון דרויסן. אין וואַגאָן — 4 נאַרעס. איין נאַרע פאַר 8 מאַן. עס פילט זיך נאָך דער ריח פון בהמה־מיסט אין וואַגאָן. פון איין זייט וואַנט זענען דאָ צוויי אויסשניטן, נאָענט צום דאַך: פענצטערלעך, אָבער נישטאָ קיין ליכט־שיין דורך זיי. די לבנה האָט נאָך נישט אויפגע־שיינט.

ווער פון די 31 אירע האָט דערטאַפּט אַ לעיעק, ווו משתין צו זיין. ער האָט געררופן:

— פּ־ע־ע! פון היינט אָן און ווייטער נאָר אין דעם לעיעק אַריין!..

ס׳האָבן זיך צעבונדן די צינגער. ווערטער זענען געפאַלן פון נידע־ריקסטן מין. מיט אַמאָל האָבן זיי איבערגענומען דעם ניבול־פּה פון די ענ־קאַוועדיסטן, די שומרים פון צוג, וואָס האָבן מיט שפּיר־הינט זיך געדרייט אַרום די וואַגאָנען.

אין איין שעה האָט דער וואַגאָן עטלעכע מאָל געקריגן אַ שטויס פון

---

*) אויפן הינטן

הינטערשטן וואַגאָן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער צוג הייבט אָן צו פאָרן, אָבער באַלד האָט מען דערהערט רעדן די שומרים צווישן זיך, אַז ס׳זענען נאָך וואַגאָנען צוגעטשעפּעט געוואָרן. נאָך כלל נישט באַוווסט ווען דער צוג וועט רירן.

אין דער פינצטערניש האָבן נאָך נישט אַלע אין וואַגאָן פאַרכאַפּט זיך ערטער אויף די נאַרעס. ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ קריגעריי. אייניקע האָבן געוואָלט ערטער אויף די אויבערשטע נאַרעס, כאָטש זיי זענען שוין געווען באַזעצט. מען האָט זיך געשאָלטן מיט וויסטע קללות:

— פון די קישקעס זאָלן ווערן סטרונעס!

און זיך געדראָט:

— אַרויסדרייען לידקעס פון די „פּאַכוועס״!

ביז ס׳איז אַלעמען באַפאַלן אַ שווערער שלאָף, אַ כראָפּעניש.

**
*

פרימאָרגנס האָט אַ בלוילעכער שיין, ווי אַ נעפּל, זיך צעגאָסן אין וואַגאָן. די פון די אונטערשטע נאַרעס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן טשעפּען צו די אויף די אויבערשטע נאַרעס; געוואָלט זיי אַראָפּשלעפּן, מחמת די אויבערשטע נאַרע איז ווייט פון לעיעק. דער עיקר האָט מען זיך געטשעפּעט צו ד׳י צוויי לייט מיט איין פאַמיליע־נאָמען.

אין דער „סאָסנאָוועקע״ נאָך האָבן זיך צופעליק געטראָפן צוויי ביעזשענצעס מיט איין פאַמיליע־נאָמען — פּיק. זיי זענען נישט געווען קיין קרובים און דאָך האָבן זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען. אַלעק האָט זיי געקענט. זיי זענען געווען מיט אים אין איין באַראַק. אויך איצט, אין דעם וואַגאָן, האָבן די פּיקס זיך געהאַלטן ווי צוגעבונדן איינער צום אַנדערן. ביידע באַברילטע: איינעמס ברילן זענען געווען איינגעראַמט אין דינע געגילטע פּאַסונגען, דעם צווייטנס האָבן געהאַט האָרענע רעמלעך. ביידע לאַנג־פּנימדיקע און מיט פּישטשענדיקע שטימען. איינער האָט שוין געהאַט טיפע קנייטשן ביי די שלייפן און אונטערן גאָרגל: אַ פליכיקער גלאַטער קאָפּ. ער איז געווען אַן אַדמיניסטראַטאָר פון הייזער און זיך געיחוסט מיט דעם:

— וואָס שייך פירן ווירטשאַפט קאָן מען זיך אויף מיר פאַרלאָזן!

ער האָט געוואָלט ווערן קאָמענדאַנט אין וואַגאָן, אָבער נישט אויסגעע־קליבן געוואָרן, ווייל מ׳האָט נישט געוואָלט קיין יחסן.

דער צווייטער איז גאָר געווען דער היפּוך פון אַדמיניסטראַטאָר: אַ רעליגיעזער יונגערמאַן, נישט געוואָלט מען זאָל אים אַרויסזען; נישט גע־זעסן בגלוי־ראש. ס׳היטל איז אים שווער געווען צו טראָגן אין דער היץ, האָט ער פון אַ טיכל זיך אויסגעבונדן אַ קופּקע. ער האָט געוואָלט זיין היימיש און חבריש:

— מען מוז מיך נישט רופן פּיק. מיין נאָמען איז ידל!

דער אַדמיניסטראַטאָר האָט נישט אַראָפּגעלאָזט גאָרנישט פון זיין גרויסהאַלטעריי: ער הייסט פּיק. אַז מען וועט אים אַזוי רופן, וועט ער ענט־פערן.

אויף צו להכעיס האָבן די יונגען נישט גערופן אים פּיק, נאָר מיט חוזק — „פּיקוס״.

ידלס הענט זענען געווען דאַרע, לאַנגע, האָבן אים געהאַנגען פון די אַקסלען ווי די דראָטן ביי קאַראָמיסלעס. זיין רוקזעקל איז געווען אומגע־לומפּערט אָנגעפּאַקט — בלויז שפּיצן. ער האָט נישט געקאָנט עס האַלטן צו קאָפּנס און עס אָוועקגעלייגט זיך צופוסנס. און ווען ס׳איז אים באַפאַלן דער שלאָף, ער האָט אויסגעצויגן די פיס, איז דאָס רוק־זעקל אַראָפּגעפאַלן אויף די אַרויסשטאַרטשנדיקע פיס פּיוולס, וועלכער איז געלעגן אויף דער אונטערשטער נאַרע. דער פאַל, איז פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אַ סיגנאַל, אַז פּיוול, דער געלער קאָפּ, און זיינע חברים, זאָלן אַרויס מיט אַן אָנגריף אויף די פּיקס, אַראָפּצוקריגן זיי פון די ערטער.

פּיוול, אַ בעקער־געזעל, האָט געכאַפּט דאָס זעקל, עס פאַרקלעמט צווישן זיינע קרומע פיס:

— ס׳זעט אויס ווי אַ קאַטשערע, כ׳וועל דערמיט רייניקן אַן אויוון, — האָט ער געזאָגט און צוגעכאַכאַטשעט.

ראובן פויגל, — אַ דאַרער מיט הויכע קינבאַקן ווי אַ קאַלמיק, — ער האָט געהאַט אין דער היים אַ „וואָלאָדראָם״, געלערנט פאָרן אויף ראָווערס. איצט איז ער ווילד געוואָרן און זיך געריסן צום זעקל:

— לאָז מיך, כ׳וועל נאָכמאַכן ווי מען גלייכט אויס אַ „געצענטרע־וועט״ * ראָד, — האָט ער שנעל געכאַפּט ס׳רעדן און געפּייפט.

אויך יוסף ציגל, — אַ ברייטפּלייציקער מיט אַ קאַנטיקער קין, אַ פּרי־זירער, פלעגט אַ מאָל שפּילן אויף אַ מאַנדאָלינע, — האָט זיך געריסן צום רוק־זעקל, געוואָלט עס אַרויסקריגן פון פּיוולען. אָבער פּיוול האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און געוויזן, אַז זיי זאָלן שפּילן דערמיט ווי מיט אַ באַל. די שפּיל איז זיי געפעלן און זיי האָבן איינגעשטעלט אַ טעמפּאָ מיט אויסרופן:

— האָפּ! האָפּ!

ייִדל פּיק האָט זיך געבעטן ביי פּיוולען און די העלפער זיינע, אַז זיי זאָלן אָפּלאָזן ס׳וואַרפן דאָס זעקל: ער האָט דאָרט די תפילין, זיי זענען אָפּן, דער ענקאַוועדיסט, רעווידירער, אין דער „סאַסנאָוועקע״, האָט אויפגעשניטן די בתים... אָבער פון אָרט אַראָפּצוגיין האָט ער זיך נישט גערירט.

די חברה האָבן איינגעזען, אַז ס׳האָט אים דאָך אַ טשעפּע געטון, האָבן זיי מיט נאָך מער אימפּעט געוואָרפן דאָס רוקזעקל; ייִדל האָט שוין געמאַכט אַ באַוועגונג אַראָפּצושפּרינגען. ער האָט אָבער געקריגן אַ שטאָרג פון פּיקן, דעם אַדמיניסטראַטאָר, אַז ער זאָל זיצן.

פּיוול איז גאָר צעהיצט געוואָרן און צעשפּרייטנדיק די קרומע פיס האָט ער דאָס זעקל אַ שליידער געטון ייִדלען אויפן קאָפּ.

פּיק, דער אַדמיניסטראַטאָר, האָט בייז אַ ברום געטון, פאַרקרומט דאָס מויל:

— שונאי ישראל! — האָט ער אויסגערופן און אַ פּאַטש געטון מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט אויסשפּייען.

די שטיפער האָבן זיך געמאַכט פאַר אומשולדיקע לעמעלעך: — לעולם האָבן זיי נישט געמיינט קיין שלעכטס, נאָר אויסן געווען, אַז ייִדל זאָל אַראָפּ פון דער נאַרע, אָדער גאָר פּיקוס, ווייל איינער פון זיי דאַרף אָפּטרעטן ס׳אָרט אויף דער אייבערשטער נאַרע, דעם מיעכאָווער. ער דאַרף נישט און טאָר נישט ליגן אויף דער אונטערשטער נאַרע. ס׳איז דושנע.

---

*) אויסגעקרומט.

ער דעכעט קוים, איידל גערעדט, גרעבצט מיטן הינטן, מאַכט קאַליע די לופט, ווייל ס׳פעלט אים אָטעם.

צו טראַנספּאָרטירן דעם מיעכאָוועד אויף דער אייבערשטער נאַרע אַרויף, האָבן אויך אונטערגעשטיצט די צוויי ברידער זשעלאַזקאַ, — ביידע לאַנגפיסיקע, הויכע עוג־מגוגס. זיי האָבן האָבן געדראָט: אויב די אייבער־שטע נאַרע וועט נישט נאָכגעבן, וועלן זיי אויף ביי נאַכט אַוועקלייגן זייע־רע שקאַרפּעטקעס אונטער די פּיקס נעז...

פּיק, דער אַדמיניסטראַטאָר, האָט געוואָלט ווייזן זיין תקיפות. ער האָט פאָכנדיק מיט אַ פינגער פאַר דער נאָז געוואָרנט, אַז מען זאָל נישט וואַגן אָנצורירן אים און נישט ייִדלען:

— כ׳האָב אייך אַלע אין ויאמר! ממזרים!

— ווער? ווער האָט דאָס געזאָגט? לאָזט מיך! איך וועל אים אָפּשטעמפּ־לען ס׳פּנים זיינס, דעם יאָלד! — איז איינער, וואָס מען האָט גערופן באַ־לעק, מיט געשריי אַראָפּגעשפּרונגען פון דער צווייטער נאַרע און זיך געריבן די הענט צו שלאָגן.

— העי! העי! נאָר נישט מיט עשיוס וועגן! — האָבן שטימען גערופן. באַלעק איז שטיין געבליבן אַ געפּלעפטער. די ברידער זשעלאַזקאַ, ווי אָפּגעצוואָגענע מיט קאַלט וואַסער. פּייוול און זיינע חברים האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן, ווי ס׳וואָלט פאַר זיי עפּעס ווונדער־לעכס דערשינען. זיי האָבן געוואָלט זיך צוריקציִען פון דעם טאַראַראַם, געוואָלט אַרויס מיט כבוד און געזוכט עפּעס אַ נייע אָנטשעפּעניש.

פּייוול האָט פּלוצלינג אַ געשריי געטון:

— קאַצמאַן! קאַצמאַן חלשט!

קאַצמאַן, וואָס איז געזעסן נעבן פענצטערל, האָט געהאַט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ איינצודרימלען. ער האָט נישט געחלשט. נאָך אין דער „סאָס־נאָווקע" האָט זיין אָנעמיש פּנים אויסגעזען ווי פאַרחלשט. איצט, אַז ער האָט דערהערט פּייוולס געשריי, האָט ער געעפנט ס׳מויל און זיך ברייט צעגענעצט.

פּייוול איז שנעל אַרויף אויף דעם געלעגער זיינעם, זיך באַהאַלטן, אויס מורא נישט צו קריגן אַ פּאָר שטאָרגעס פון די חברים פאַר דער אומזיסטער שרעק, וואָס ער האָט אַרויסגערופן. אָבער קיינער האָט אים

נישט געטשעפּעט. אַלע זענען דווקא צופרידן געווען פון דעם טריק זיי־נעם אויף צו נישט צו מאַכן די מחלוקה.

אַ גאַנצן טאָג איז דער צוג געשטאַנען אַ פאַרוואָרפענער אין אַ העק. די זון האָט אָנגעגליט דעם וואַגאָן־דאַך. די היץ האָט צעשוויצט די לייבער. מיד, שווער זענען געוואָרן די קעפּ. טייל זענען צוגעפאַלן צו דער וואַנט, טייל האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. ערשט פאַר נאַכט האָט דער צוג געריררט פון אָרט. די קעפּ האָבן זיך אָנגעהויבן וויגן, שאָקלען. איינער האָט איינ־געדרימלט און קוים געאָטעמט. אַ צווייטער איז געפאַלן אין שלאָף און שווער געכראָפּעט.

די וואַגאָן־רעדער האָבן זיך מאָנאָטאָן געדרייט: זום — זום — זום.

2

אין וועג

אַריינקומענדיק אין וואַגאָן, האָט אַלעק נישט געזוכט קיין אָרט אויף אַ נאַרע. ער האָט זיך געזעצט נעבן דער טיר: דורך דער שפּאַרע פאָכעט אַריין אַ ווינטל פון דרויסן, וועט עס אים דערפרישן.

נאָך קיין מאָל האָט אַלעק אַזוי נישט געטראַכט וועגן זיך, ווי דאָס מאָל: אַן אַרעסטאַנט אין אַ פאַרמאַכטן וואַגאָן. ער ווערט פאַרשיקט קיין סיביר — ערגעץ אין שאָול־תחתיה אַוועק. ער דערמאָנט זיך, אַז דער ענקאַוועדע־אָפיציר אין דער „סאָסנאָווקע" האָט אים געזאָגט, ער זאָל נישט מיינען, אַז מען וויל אים אומברענגען. מען וועט אים „פּעראָוואָספּי־טעווען", איבערדערציִען, ער זאָל ליב האָבן ס׳נייע לעבן, דעם נייעם מענטש אין דער נייער געזעלשאַפט...

די וואַגאָן־רעדער האָבן זיך געדרייט ווי אָפּגעוויקלט פון עפּעס אַ לויזגעוואָרענער ספּרוזשינע. אַזוי האָבן זיך מיטגעדרייט אַלעקס גע־דאַנקען.

דער ענקאַוועדיסט האָט אים געעצהט נישט צו טראַכטן וועגן דער היים, וועט אים אַלץ אָנקומען לייכט. נישט טראַכטן — ס׳זאָגט זיך לייכט...

ער דאַרף איצט אויסגעפינען אַן אופן ווי אַזוי זיך צו פאַרלייכטערן די פּיין. ער דאַרף זיך באַהערשן נישט אַריינצופאַלן אין יאוש. די ישועה קאָן קומען מיט אַ שנעלן סוף פון דער מלחמה. די משפחות וועלן זיך נאָכפרעגן וועגן זייערע אייגענע, וועלן קומען אויף די שפּורן און אויפ־הייבן אַ ויצעקו, אַז די וועלט וועט זיך אַזש אַ טרייסל טון. נאָר אַזוי אַרום האָט ער שאַנסן באַפרייט צו ווערן. ס׳איז טאַקע נאָר אַ טרוים, אָבער פאַר דעם איז כדאי צו קעמפן קעגן יאוש.

אָפּגעריסן פון טראַכטן האָט אים דאָס דינע קול פון יינגל קנאָבלאָך, וואָס איז די גאַנצע צייט, בעת דער צוג איז געשטאַנען אויף דער סטאַציע אין ביאַליסטאָק, געלעגן ווי אַ געליימטער. איצט האָט ער מיט אַ מאָל זיך צערעדט:

— כ׳פאָר קיין רוסלאַנד שוין דאָס צווייטע מאָל. ס׳ערשטע מאָל אַליין זיך ווערבירט. אין דאַנבאַס געווען. מחמת דער ביס חמץ איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַ זעלטנקייט, האָב איך אויסגעדרייט דעם „דישעל" און געמאַכט אַ ויברח „נאַזאַד"*).

זיין רעדן האָט ביי אַלע אָנגעשפּיצט די אויערן. ער האָט פאַרטראַכט ווידער צו אַנטלויפן. צי וועט אים דאָס מאָל אויך געלונגען די קונץ וויס ער נישט. עפּעס זעט ער אין אַז מען פאַרפירט וייט, וויט. נאָר ער פאַר־לירט נישט דעם מוט:

— ס׳גייען צוגן אויף צוויי וועגן — אַהין און צוריק!

ס׳איז שטיל געווען. אַלע האָבן געוואַרט ער זאָל נאָך וואָס דערציילן פון זיינע איבערלעבונגען אין דאָנבאַס.

מיט אַ מאָל איז אַרויסגעשפּרונגען דער קאָמענדאַנט פון וואַגאָן, אַז מען זאָל ציען קניפּלעך — וועלכע נאָרע ס׳זאָל היינט זיין די ערשטע צו קריגן די זופּ. זיין פאָרשלאָג האָט אַלעמען אָפּגעריסן פון יינגלס דערציילן. מען האָט צום קאָמענדאַנט געוואָרפן טיכלעך ער זאָל מאַכן קניפּלעך.

דער קאָמענדאַנט — אַ קליין דאַר נפשל מיט האַלב־ליידיקע דזשאַנס־לעס, אַ געוועזענער האַלץ־טאָקער, האָט איצט זיך געפילט גאָר חשוב

---

*) צוריק.

אין זיין ראַל. ער האָט נישט צוגעלאָזט קיינעם צו העלפן אים. אַז ס'איז אַנטשטאַנען אַ סומאַטאָכע צו צי׳ען די קניפּלעך, האָט ער אָפּגעפּסקנט, אַז ער אַליין וועט צי׳ען ס'קניפּל, אויסרופן פאַר וועמען ער ציט.

איין טאָג האָט זיך אים פאַרגלוסט אויסצופרווון זיין הערשאַפט אין וואַגאָן. ער האָט מיט אַ באַפעלערישן טאָן געזאָגט:

— פלאַפּלט נישט אַלע מיט אַ מאָל, ס'זשומעט אין קאָפּ און ס'ווילט זיך פאַרשלאָפן די צרות!

צולהכעיס אים — האָבן גאָר אַלע פאַרשטאַרקט ס'געדעדריי, אַפילו די, וואָס האָבן פריער געשוויגן. ס'זשומעריי איז געוואָרן געדיכטער.

— בין איך קאָמענדאַנט, צי נישט!? — האָט ער שוין גאָר בייז געפרעגט.

— אַלע מיינע וויסטע חלומות זאָלן זיך אויסבייטלען אויף אייך!

— חברה! — איז דער לאַנגפיסיקער זשעלאַזקאָ, דער עלטערער, אויפגעשפּרונגען — דער קאָמענדאַנט האָט דערמאָנט חלומות, הערט זשע וואָס מיר האָט זיך געחלומט, איצט דאָ, אין העלן טאָג.

— נו! נו!

— דאַוואַי! דאַוואַי! — רופן עטלעכע שטימען מיט נייגער.

— כ'בין אויף אַ חתונה, אַ באַל. און מאַדנע, נאָר מענער, מיליטער־לייט, אָפיצירן פון הויכע ראַנגעס. אַלע טרינקען פון פלעשער. די אָפיצירן דרייען זיך אַרום אַ מאָנומענט, אַ הויכע געשטאַלט אין אַ לאַנגן שינעל, אַ האַלבע פּאָלע איז פאַרלייגט, ווי פאַרוואָרפן פון אַ ווינט. פלוצלינג: דער מאָנומענט גייט אַראָפּ פון פיעדעסטאַל. אויף די הענט הענגען אים אַ סך, אַ סך סערפּן, שאַרפע גלאַנציקע סערפּן. דער מאָנומענט גייט, גייט, טיילט סערפּן — דאָ דעם אָפיציר, אַ צווייטן, אַ דריטן און נאָך און נאָך. ער רעדט שטיל, געלאַסן מיט אַ זיסן שמייכל אונטער די וואָנצעס.

— וואָנצעס אויך?

— יאָ! יאָ! „העלדן מיינע!" רופט ס'געשטאַלט, „איר האָט אין מיין נאָמען געמאָרדעט, געשאָסן; אין מיין נאָמען פאַרשיקט, געפּייניקט. ס'זענען שאַרף די סערפּן, איצט נעמט יעדער זיך אַליין אַראָפּ דעם קאָפּ"...

— און ווייטער?

— וויטער? — זאָגט זשעלאַזקאָ שפּאָטיש — אַ חלום ענדיקט זיך דען!?...

— און איך ליג אַזוי און טראַכט, — רופט זיך אָפּ דער מיעכאָווער. ער קריכט אַראָפּ פון דער נאַרע, שטעלט זיך אין מיט פון וואַגאָן, אין אַ נאַפּאָליאָן־פּאָזע, — ס'זאָל אַזוי אין וועג זיך אָפּשטעלן דער צוג, אויס מלחמה! מען פירט אונדז צוריק און מיר צעלויפן זיך. איז דען נישט מעג־לעך ס'זאָל אַזוי געשען? האָפּ! און אויס טאַראַראַם!...

— כאַ — כאַ— כאַ! — באַצן אַלע אַרויס מיט אַ געלעכטער.

— וואָסי? וואָס ס'געלעכטער? איז קרום אַ ביסל צו פאַנטאַזירן? — פרעגט דער מיעכאָווער תמימותדיק. ער ווענדט זיך צו די צוויי אויף דער נאַרע לינקס. איינער אַ וואַטעמאַכער, דער צווייטער אַ וויין־הענדלער. ביי־דע פאַרשלאָפענע פנימער:

— זאָגט איר, קלוגע קעפּ! מאַכט מען זיך נישט לייכטער אַ ביסל ס'לעבן מיט צופאַנטאַזירן?...

די פיר פּאָר אויגן זענען איצט אויס ווי גלעזערנע. דער מיעכאָווער גייט צו און רייסט זייערע פיס, מונטערט זיי, מאָנט ענטפער:

— איר האַלט נישט מיט מיר? איר לעבט אָן אַ פאַנטאַזיעלע!?...

אין דער רגע שפּרינגט אויף יאָסל קאַגאַן. אויך ער שטעלט זיך אין מיט פון וואַגאָן, שטופּט אַוועק דעם מיעכאָווער. אַ מיטל־געוווקסיקער איז ער, מיט אַ הויכער פּלייצע — שיער נישט אַ הויקער. ער פאַרלייגט די הענט אויף די באַקעס, מעשה קונדס:

— היתכן! מען פּאַרט און פּאַרט, אין דער היים וואָלט מען שוין, דורך דער צייט עטלעכע מאָל געהאַט געביטן די העמדער. און איך ווייס נישט ווער ס'שלאָפט מיר רעכטס, און ווער דער פאַרשוין, וואָס דעכעט מיר אין פּנים אַריין פון לינקס; מיט וועמען טייל איך דאָ מיין ביסן. פיר אירע קריגן מיר איין לעפל. כ'וויל וויסן ווער דאָס ווען וואָס שלאָפט איבער מיר!

און ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זיך. ער האָט זיך באַצייכנט מיט אַ צונאָמען — „גייער" — און זיך געשווירן אויף נאמנות, אַז דער צונאָמען איז נישט בלויז אַ קענצייכן:

— פון קינדווייז אָן „אַ גייער", נאָך מיטן שוואַנצל אין דרויסן און

שוין געוואָרן „אַ גייער“. אַליין געגאַנגען אין חדר אַריין. חנוכה געגאַנגען מיטן לאַמטערן און פּורים פאַרשטעלט אין אַ מאַזשגאַר; סוכות גוגאַנגען מיטן לולב און אתרוג, אָרעמע לייט זאָלן מקיים זיין די מצווה. שמחת־תורה געגאַנגען מיט דער פאָן צו די הקפות; געגאַנגען מיטן עמער צו דער פּלומפּ נעמען וואַסער און מיטן טשאָלנט צום בעקער; געגאַנגען מיטן טאַטן צו טראָגן אים דעם טלית (תמיד איז דער ערב געווען איבערגעריסן). געגאַנגען מיט מיידלעך אין די אַלעען: מינדל האָט געהאַט שטייפּע ציצלעך, שיער נישט געקריגן די נכפּה פאַר איר. דער רוח האָט זי אָבער געטראָגן צו גאָדלען, דעם סוביעקט אין אַפּטייק־סקלאַד; געגאַנגען צו דער חופּה מיט באַלטשען. ס׳פּייער אין אירע שוואַרצאַפּלען האָט צעהיצט. אָפּגעטון ס׳זכריש שטיקל נאָך פאַרן זאָגן דעם הרי־את... געגאַנגען אין מיליטער. מיט אַלע זשאָלדאַקעס געזונגען: „מאַרישקאַ בוזשי דאַי“... געגאַנגען אויף אַלע חתונות און בריתן, אַז מען האָט נאָר אַ פּיפּס געטון... געגאַנגען צו סוחרים איינמאָנען חובות און אין די בענק בעטן אַ דיסקאָנטע. געגאַנגען, געמוזט גיין. איצט: ווו נעמט מען אַ וואַרעם בעט מיט אַ הייסער באַלטשען?... כאַ־כאַ־כאַ!

אַלע האָבן מיטגעלאַכט, האָט ער זיך אָנגעטשעפּעט אין פּיקן, דעם אַדמיניסטראַטאָר, אַז ער זאָל דערציילן וועגן זיך. מיט אַ מאָל האָט דער צוג זיך געשטעלט. פון דרויסן האָט מען אויפגעשיבט די וואַגאָן־טיר. די שומרים פון צוג זענען געשטאַנען מיט אָנגעשטעלטע בקסן צו שיסן. דער קאָמענדאַנט האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט און אַריינגענומען דעם עמער זופּ — הירזש געקאָכט אויף הערינג.

דער קאָמענדאַנט האָט אָנגעשעפּט אַ לעפל זופּ און יאָסל האָט צוגעזען, אַז ער זאָל זיין פול. יעדער זאָל באַקומען זיין טייל מיט יושר.

קוים באַוויזן אויסצוטיילן די זופּ, און די וואַגאָן־טיר האָט זיך ווידער אויפגעשיבט. דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעגעבן דעם ליידיקן עמער פון זופּ, און ער האָט אַריינגענומען אַ דערלאַנגטן עמער מיט וואַסער.

***

פאַרנאַכט, די קליינע וואַגאָן־פענצטערלעך צופן, מיטן לויף פון צוג, צויטנס פון די קליינע וואָלקנדלעך, וואָס ווערן פון מינוט צו מינוט טונ־

קעלער, געדיכטער. די פּנימער פון די זיצנדיקע אויף דער איבערשטער נאַרע זענען פאַרטשמאַיעט — נישט וואַכנדיק און נישט שלאָפנדיק.

יאָסל קאַגאַן, וואָס איז איצט געזעסן נעבן אַלעקן, האָט נישט פאַר־געסן וואָס ער האָט פריער געוואָלט פון פּיקן, דעם אַדמיניסטראַטאָר. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צו אים, אַ צי געטון ביי די פּיס:

— הייבט אָן!

פּיק האָט געבלאָזן מיט דער נאָז און צוגעקרעכצט:

— ניין! ניין!

— איר האָט זיך מיט וואָס צו שעמען? — האָט יאָסל געשלאָגן אים אין אַמביציע.

— כ׳זאָל אַזוי וויסן פון בייז ווי כ׳ווייס נישט פון וואָס אָנצוהייבן...

— פון אָנהייב, ווי איך.

מען האָט מיך גערופן „סטאָלע געמיט!“ — האָט פּיק געזאָגט און זיך געגלעט די נאָז. אויף דעם אופן האָט ער זיך אָפּגעמאַכט אין געדאַנק וואָס ער האָט צו זאָגן.

— שוין אַ ישיבה־בחור בין איך געווען „אַ פירער“, — זיין פּישטשענ־דיקע שטים האָט איצט זיך אים פאַרהאַקט דורך אַ קליין שלוקעכצל — האָב געפירט מיינע צוויי ברידערלעך אין דער תלמוד־תורה אַריין און זיי צוריק אַהיימגעפירט. אין דער ישיבה האָב איך געפירט אַלע יינגלעך ביי די נעז: זיי אויסגעלערנט צוצוגיין צום טיש, ווי מושטירטע זעלנער; געפירט אַ ליבע מיט צוויי מיידלעך: יאַנינאַ און סאַבינאַ, צוויי קעגנזאַצן: יאַנינאַ אַ בלאָנדינקע, סאַבינאַ אַ ברונעטקע. זיך געפירט מיט זיי ביז איינע האָט זיך דערוווסט וועגן דער צווייטער; זיך אַליין געפירט צו דער חופּה, חתונה געהאַט קעגן טאַטנס ווילן. מיטן וויב געפירט אַ לעבן עטלע־כע און צוואַנציק יאָר, אַ מאָל אַפילו אין ברוגז. פאַרן אָנגעמען ס׳פירן די אַדמיניסטראַציע פון צווייטן הויז, אָנגעפירט מיט דער אַדמיניסטראַציע פון אַפּטייק. דעם אַסעקוראַציע־אַגענט געפירט אין באָד אַריין... געווען צייטן!

— ס׳וועלן נאָך זיין צייטן! — רופט אויס יאָסל.

— מען וועט אונדז אַרויסזעצן אויף אַ פליענדיקן טעפּיך, דער ווינט

וועט אונדז טראָגן, צוטראָגן צו דער ווייטער, ווייטער היים!... — רעדט דער מיעכאָוועך זינגעוודיק.

— פאַנטאַזיר! פאַנטאַזיר! — רופט אויס יאָסל.

— פאַנטאַזיע, דאָס איז וויטאַמין „צ" — רופט אויס דער מיעכאָוועך.

דער צוג האָט זיך געשטעלט.

3

אין שפּעטע שעהן...

ס'איז לאַנג דער צוג, וואָס פירט איצט קיין סיביר די אַרעסטירטע ביעזשעניצעס. ער רייסט זיך דורך ברייטע פעלדער, שניידט דורך טיפע וועלדער. אַלעק קוקט זיך איין אין דרויסן. ער וויל זען די געגנט, ווייל פון פרימאָרגן אָן רעדן די זיצנדיקע ביי די פענצטערלעך, אַז מען איז שוין אין סיביר.

דעם אָוונט האָט אַלעקן אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער שווידער. דער ציטער האָט אַזש געציקט זיינע גלידערעם. ער האָט מורא אַז ער איז קראַנק. ער וויקלט זיך גוט איין אין פוטער־פּאַלטאָ, אָטעמט אין פוטער אַריין, כדי דער וואַרעמער אָטעם זאָל זיך נישט צעפליסן איבערן וואַגאָן, נאָר ער זאָל זיך פאַרציען אַרום אים.

נישט נאָר ער איז אין אַזאַ מצב. נאָך און נאָך האָט אָנגעכאַפּט אַ שווידער. זיי האָבן אַזש געקריגן לויזע מאָגנס און מען שעמט זיך גאָר נישט — אָפּט זיצן זיי איבערן לעיעק.

אַלעק איז נישט קראַנק. ער האָט זיך בלויז דערמאָנט, אַז אין חצות, וואָס רוקט זיך אָן, וועלן אַריינקומען די שומרים פון צוג. זיי וועלן מיט די הילצערנע האַמערס באַקלאַפּן די וואַגאָן־ווענט, פעסטשטעלן, אַז ס'איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין לאָך, נישט אָוועקגערוקט געוואָרן קיין ברעט. אָבער פאַר אַלעם וועלן זיי באַפעלן די 32 אירע זאָלן זיך אויסטון נאַקעט, זיי וועלן מאַכן פון דעם אָנטון אַ מישמאַש, אַז קיינער וועט נישט וויסן

וועלכעס ס׳איז זיינס און ער וועט ווי נעכטן, אייערנעכטן מוזן זיצן אַ נאַכ־קעטער אַ גאַנצע נאַכט. דערפאַר האָט אים אָנגעכאַפּט דער שוידער.

קיינער האָט נישט געהאַט קיין זייגער, נאָר אַז ס׳איז חצות האָבן אָנ־געזאָגט די שומרים פון צוג מיט זייער קלאַפּן אין וואַגאָן־דאַך — צי ער איז גאַנץ. באַלד וועלן זיי אַריינקומען אין וואַגאָן אַריין. אַלעק האָט גע־וואָלט זיך באַהאַלטן, זיך אַרונטעררוקן אונטער אַ נאַרע, האָט דער על־טערער זשעלאַזקאָ אים אָפּגעהאַלטן, מחמת די צוג־באַגלייטער וועלן אפשר קאָנטראָלירן די צאָל אירע אין וואַגאָן און ער וועט נאָך קריגן קלעפּ.

דאָס מאָל איז דער וואַגאָן געווען אַן אויסנאַם. די שומרים זענען נישט אַריינגעקומען, האָט דער שוידער אַלעקן אָפּגעלאָזט. עס האָט אים פאַר־כאַפּט אַ האַרטער שלאָף און אַ חלום האָט אים פאַרטראָגן אין זיין היים: ער זיצט ביים שרייבטיש. דאָס טעכטערל — אויפן טעפּיך — שטעלט אויף הייזלעך פון קלעצלעך. אָט לייגט זי אַריין די ליאַלקע אין וועגעלע און פירט עס צו צום הייזל — די היים. ראַכעלאַ איז נאָר וואָס געקומען פון אַ וויזיט ביי דער מוטער. זי האָט שוין געזאָגט דער דינסט זי זאָל דעקן דעם טיש צו אָוונטברויט...

...די טאָכטער שלאָפט. ער און ראַכעלאַ גייען אַראָפּ אויף דער גאַס. זיי זענען אין וועג צום קינאָ. מען גייט שוין פון ערשטן סעאַנס. אַ גרויסע מאַסע האָט זיך צעגרויסגעלאָזט אויף דער גאַס. ס׳איז ליכטיק, ראַשיק ליכ־טיק. אַלע ליכט־רעקלאַמעס איבער די געשעפטן און די גרויסע רעפלעק־טאָרן אין די שויפענצטער בלענדן. מיט אַ מאָל האָט זיך אויפגעמישט ס׳בילד פאַרן פאַרלאָזן וואַרשע. ער גייט אַראָפּ אין אַפּטייק־סקלאַד קויפן וואַטע. אויף דער גאַס איז אַ געלויף — אַ דייטשישער סאָלדאַט יאָגט אַ ייִד... אין זיין וווינונג רוקט ווער די ביכער־שאַנק, די ביכער צעשיטן זיך. ער פילט, אַז ער שרייט... אין דער רגע וועקט ער זיך איבער. פאַר אים שטייט זשעלאַזקאָ, דער עלטערער, ער האַלט אים פאַרן אַקסל און שאָקלט:

— שריי נישט! ביסט פון זינען אַראָפּ?

— האָב איך טאַקע געשריגן? — ערשט איצט פאַרטראַכט ער זיך, אַלעק, פאַר וואָס ער האָט געשריגן.

ס׳איז שוין גוטער טאָג. זשעלאַזקאָ, דער עלטערער, טרעט נישט אָפּ פון אים. ער ציט אים אויפצושטיין. זאָל ער פריימאַכן דאָס אָרט. ער און

זיין ברודער האָבן באַשלאָסן צו מאַכן גימנאַסטיק. זיי ווילן אַרומלויפן, צערודערן די גלידער. ער עצהט אים, אַז אויך ער זאָל צושטיין צו דער גימנאַסטיק:

— אויב דו שרייסט פון שלאָף, עסט דיך עפּעס אַ ביטערקייט. אַז דו וועסט זיך לאָזן, וועסטו ווערן אויס מענטש. אויפגעשטעלט זיך און געררו־דערט זאָל זיין!

אַלעקן האָט אַ ציק געטון דער הונגער. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זשעלאַזקאָס אָרט, און אויפגעגעסן דאָס גאַנצע רעפטל ברויט, וואָס ער האָט געהאַט, נישט רעכענענדיק זיך, אַז נאָך נישט מאָרגן וועט ער קריגן ווידער צוגעטיילט אַ חלק פון אַ לעבל.

דער יונגערער זשעלאַזקאָ קוקט אים אָן פאַרוואונדערט: „ביים געזונטן שכל?"...

צום רעדל אַרומצולויפן אין וואַגאָן זענען צוגעשטאַנען נאָך עטלעכע. אויך פּיק דער אַדמיניסטראַטאָר. ער איז אָבער נאָך איינקע רונדקעס אָפּגעשטאַנען, צוריק אַרויף אויף דער נאַרע.

**
*

די צוויי פּאַרטשמייעטע — דער וואַטעמאַכער און דער וויינהענדלער — האָבן געהאַלטן אין צוזאַמענשטעלן אַ קאַלענדאַר. זיי האָבן זיך געוואָנדן צו אַלע — ווער ס'קאָן זאָל צוהעלפן. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז בקרוב דאַרף שוין זיין ראש־השנה. די שווערקייט איז, וואָס מען געדענקט נישט וויפל טעג מען פאָרט. די דאַטע פון איינשטייגן אין וואַגאָן געדענקט יע־דער, נאָר קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו ציילן די טעג.

זיגבאַנד, אַ געוועזענער לערער פון גימנאַסטיק, זאָגט אַז ס'מוז שוין זיין עטלעכע וואָכן, ווייל עס נודעט אים שוין דאָס פאָרן.

דער מיעכאָוער זאָגט, מען זאָל צוּוואַרטן ביז אָוונט, ווען מען זעט די לבנה. ער קען זאָגן די דאַטע לויט דער לבנה.

פּיק, דער אַדמיניסטראַטאָר, האָט אויסגערעכנט וויפל טעג מען פאָרט לויט די לעבלעך ברויט, וואָס די שומרים פון צוג האָבן אַריינגעגעבן. יעדן דריטן טאָג אַ לעבל.

פּלוצלינג איז זיגבאַנד, ווי אַ צעווילדעטער, אַראָפּגעשפּרונגען פון

דער נאַרע און האָט זיך געשטעלט אויפן קאָפּ. ער איז אַזוי געגאַנגען אויף די הענט עטלעכע שפּאַן:

— ס'איז אומעטיק! כ'וועל אויסגיין פון אומעט! — האָט ער געשריגן.

— וועסט נישט אויסגיין! ביסט שטאַרקער ווי דו מיינסט, — רופט זיך אָפּ פּיק, דער אַדמיניסטראַטאָר. ער שלאָגט אים פאָר צו פאַרטרייבן דעם אומעט:

— נעם זיך שפּילן מיטן לעפל און שיסעלע. זאָלסט אַריינטון אין שיסעלע דיינע מחשבות. זאָלסט זיך מאַכן אַ מאַטעמאַטישן חשבון אין ברוכצאָלן, אויסגעפינען דעם פאַרבינדער און אונטערציען דעם סך־הכל. וועט עס דיר נישט זיין צום האַרצן, זאָלסטו ווידער אויסמישן די מחשבות. אויב דאָס וועט דיר לאַנגווייליקן, זאָלסטו אָנטון דאָס שיסעלע אויפן קאָפּ, זיך מאַכן משוגע און שרייען ווי אַלע משוגענע, אַז דו ביסט נישט משוגע...

אַלעקן איז ליבער געווען זיך צו פאַרנעמען מיט זיינס אַן איינפאַל: אויפשטעלן אַ גולם. דאָס יינגל קנאַבלאַך האָט געגעבן אַ פּאָר הויזן. דער עלטערער זשעלאַזקאָ האָט געגעבן זיינע אָפּיצערסקע שטיפע שטיוול. דעם מיעכאָווערס רוקזעקל ווערט אַרומגעבונדן מיט אַ האַנטעך. די אויבערשטע טייל פאָרעמט אַלעק אויס ס'זאָל אויסזען ווי אַ קאָפּ. אַלס אויגן דרייט ער אַריין די הילצערנע לעפל. דער גולם שטעלט ער אַוועק נעבן דער טיר, אויף אָפּצושרעקן די שומרים פון צוג, — ווי זיי וועלן, בעתן אַריינגעבן דעם עמער מיט זופּ, זיך אויסשטעלן מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן, וועט ביים אויפשיבן די טיר, דער גולם אַרויפפאַלן אויף זיי.

דער גולם קאָן טאַקע איבערשרעקן, און ס'זענען דאָ איניקע, וואָס זענען מוותר אויף דער פריילעכער מינוט מיט די שומרים, ווייל זיי האָבן מורא פאַר שטראָף. דער וואַטעמאַכער, דער ווייַנהענדלער, זעען שוין פאָר־אויס, ווי אַזוי און מיט וואָס די היטער פון צוג וועלן זיך נוקם זיין: „זיי וועלן נישט אַריינגעבן קיין וואַסער, אפשר מכבד זיין מיט קלעפּ".

נאָר דאָס יינגל קנאַבלאַך איז נישט קיין פּחדן: „ער וועט זיך שוין אויס־טענהן מיט די שומרים, די ענקאַוועדיסטן". דערווייל נוצעט ער אַ לידל „באַראַנאָוויטש" מיטן ניגון פון „בעלז מיין שטעטעלע". דעם נאָמען באַ־ראַנאָוויטש טוישט ער אויף „איוואַנאָוויטש" און וואָס נאָר אַ קרום וואָרט,

— קללות און חרומות, — טשעפּעט ער צו צו „איוואַנאָוויטש“. דער רעפּ־ריין איז „פון אַלע רוסלאַנדס שטעט און פעלד־גראָז, וויעיען טייכן פאַר־דראָס און דרייען אין דער נאָז — אוי איוואַנאָוויטש!“...

***

שטיל אין וואַגאָן. פון מידקייט פאַלן די אויגן. אָט שאָקלט איינער מיטן קאָפּ, ווי געצויגן דורך עמעצן. אָט פאַלט איינעמס קאָפּ אויף דעם שכנס אַקסל. די זון באַווייזט אַז ס׳איז שוין מיטיק־צייט — באַלד וועט מען אַריינגעבן דעם עמער זופּ. אַלעק באַטראַכט דעם גולם צי ער האַלט זיך. אַנדערע הערן זיך איין אין לויף פון צוג. עס דאַכט זיך, אַז די טאָרמאָזן האַמעווען דעם לויף פון די רעדער: דער צוג דאַרף זיך שטעלן. הויכע, געדיכטע, באַצווייגטע ביימער פאַרשטעלן דעם הימל. דער צוג לויפט וואַלד אויס, וואַלד איין.

— איז נאָך דאָ עפּעס אין דער געגנט אַ חוץ וואַלד? — פרעגט אַלעק ביי זיך.

אים איז מיט אַמאָל אומעטיק געוואָרן: ווידער די היים זיך דערמאָנט... צי האָט ראַכעלאַ אַראָפּגענומען ס׳שילדל פון דער טיר, מחמת דער נאָמען קלינגט נישט ריין פּויליש? צי האָט זי אַריינגענומען די שווערעגרין צו זיך, כדי נישט צו וווינען איינע אַליין? איז זי שוין צוריק מיטן קינד פון שפּאַ־ציר, אָדער איז זי גאָרנישט געגאַנגען? שרייבט זי צו אים, ווען זי ווייסט נישט ווו ער איז? וואָס טוט זי איצט?

מיט אַמאָל האָט ער זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. ער איז צוגעגאַנגען צום גולם און מיטן פּוס אים אַ שליידער געטון:

— אַ זאַך וואָס קאָן אָפּשרעקן דאַרף מען נישט!

— איך האָב דאָס געוואָלט זאָגן! — רופט זיך אָפּ דער מיעכאָווער.

אַלע פילן, אַז דער לויף פון צוג ווערט פאַרלאַנגזאַמט. די וואָס זיצן נעבן די פענצטערלעך זאָגן, אַז זיי זעען וואַך־טורעמלעך, ווי אין דער „סאָסנאָווקע“.

ראַפּטום קלאַפּן זיך אָן די וואַגאָן־טעלערס. דער וואַגאָן קריגט עפּעס אַ שטויס אויף צוריק. דער צוג שטעלט זיך. ס׳איז אַ הויך גערודער אויף דער פּלאַטפאָרמע. וואַגאָן־טירן שיבן זיך.

— אויסשטייגן! אויסשטייגן!

— ביסטרעי! ביסטרעי! — רופן די פירער פון צוג.

די באַוואָפנטע באַגלייטער שטייען אין אַ שורה עטלעכע שפּאַן איינער פון אַנדערן, די ביקסן אַראָפּגעלאָזט. זיי האָבן שוין זייער שליחות אויסגעפירט.

4

קאָטלאַס יאַריד

קאָטלאַס איז אַ לאַגער. אַ טראַנזיט־סטאַציע. טאָג־טעגלעך קומען אָן צענדליקער צוגן מיט טויזנטער פאַרמשפּטע אויף קאַטאָרגע. דאָ איז אַ צענטראַלער עטאַפּ־פּונקט. פון קאָטלאַס ווערן די פאַרמשפּטע אויף קאַטאָרגע־אַרבעט פונאַנדערגעשיקט אין די לאַגערן פון דער רעפּובליק קאָמי און אַרכאַנגעלסקער געגנט.

דאָס קאָטלאַס טויער איז צוזאַמענגעשטעלט פון לייסטלעך און דראָטן, ווי אַ פּראָוויזאָרישע צוים פון אַ שטאַל פאַר שאָף. אָבער נישט דאָס טויער, נישט דער ענקאַווועדיסט מיט דער ביקס, וואָס האַלט וואַך פאַרן טויער, באַוואָרענען נישט פון אַנטלויפן. קיינער וועט סיי־ווי נישט אַנטלויפן — ווו ער וועט זיך קערן, וועט ער זיין אין דער לאַגער־געגנט.

אין קאָטלאַס איז צעצווייגט אַ לאַבירינט פון זאָנעס: גרויסע און קלענערע. שטחים ברייטע, לאַנגע, זענען אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָטן. יעדע זאָנע איז אַרומגעצוימט מיט אַ טאָפּלטער נעץ. אין יעדער זאָנע דרייען זיך גרויסע מענגעס מענטשן, ווי חיות אין שטייגן. ס׳איז אַ תוהו־ובוהו, אַ כף־הקלע. אַ געמיש פון לשונות און דיאַלעקטן. געשטאַלטן פון פאַרשידענע קאָליר־הויט: ברוינע, געלבלעכע און ווייסע, טאַטאַרן, קאַלמיקן, כינעזער — קליינע מאַנדל־אויגן, קנאָכיקע קינבאַקן, מאָנגאָלן און איראַפּעער. משונהדיקע, געלאַטעטע בגדים — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. יעדע לאַטע פון אַן אַנדער קאָליר. אַ פּלייצע פון אַ פּופּייקע מיט אַזעלכע לאַטעס האָט דאָס אויסזען פון אַ שאָך־ברעטל. אַ גרויסע טייל פון די „זאַקלו־

טשאַנע״* טראָגן אויף די פּיס לאַפּטשעס פון שטרוי. אַ טייל אין שיך — מעשטעס פון גומענע רעדער, ווי די העלפאַנט־לאַפּעס זעען זיי אויס. יע־דער טראָגט זיך עפּעס אַ פּעקל, אַ זעקל — אין דעם ס׳גאַנצע האָב און גוטס. אַ סך פון די „זע ־ קאָ״** זענען שוין געווען אין לאַגערן און פון דאַנען וועלן זיי געשיקט ווערן אין אַן אַנדערן לאַג־פונקט — ס׳איז אָפּהענ־גיק פון „נאַריאַד״ — דער באַשטעלונג, וואָס דאָס קאָטלאַס־ביוראָ וועט דערהאַלטן פון די לאַגערן.

חוץ די באַשטעלונגען קומען פאָרשטייער פון די לאַגערן, כדי אויס־צוקלייבן זיך דאָס אַרבעטס־פעיִקע מאַטעריאַל. ווי אויף אַ יאַריד קומען זיי, וואָס פריִער, כדי אָפּצושוימען פאַר זיך דאָס בעסטע. זיי נעמען איבער דעם טראַנספּאָרט און באַגלייטן אים ביז דער באַזע.

אָלעקס נאָמען איז איצט — וואַגאָן 59. אַזוי וועט ער געהרופן צו נע־מען די „פּייקע״ ברויט, דעם האַלבן שעפּ־לעפל זופּ. די באַשפּייזונג איז דאָ לויט דעם וואַגאָן־נומער. מען ווײנט אין באַראַקן־ביידלעך — געצעלטן, פּראָוויזאָריש צונויפגעסטריגעוועט פון לייסטלעך, קלעצער און איבערגע־צויגן מיט ברעזענט. אָלעק ווייסט נאָך נישט אין וועלכן געצעלט ער איז צו־געטיילט — אָקערשט אויסגעשטיגן פון וואַגאָן. ער ווייסט נאָך נישט צי ער בלייבט דאָ נעכטיקן. שפּעטער איז ער געוווּיר געוואָרן, אַז מען טיילט דאָ בכלל נישט צו קיין אָרט אויף צו נעכטיקן. יעדער כאַפּט, ווו ס׳איז דאָ אַ פריי אָרט. געוויינלעך האַלט זיך יעדער מיט זיין וואַגאָן, ממילא קומט שוין אויס, אַז די גרופּע זאָל אויך זיין צוזאַמען אין איין געצעלט.

פּלוצלינג דערזעט אָלעק זיין פריינט פון ביאַליסטאָק, בוימגאַרטן. ער איז געווען אין 41סטן וואַגאָן. זיין פּנים — קליין געוואָרן און איינגע־שרומפּן, ממש הויט און ביין:

— קוים איך דערקענט.

— אַבי מען זעט זיך.

ס׳איז הייס. זיי זוכן אַ שאָטנאָרט. צעשמועסן זיך:

---

*) פאַרשלאָסענע.

**) ״

— איבער דער לענג פון צוג איז געווען אַ לענטע און אַן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות: „קריגס־געפאַנגענע, — שונאים פון פאָלק".

— ס'געשריבענע לאָזט זיך אָפּמעקן, אָפּרייבן... ס'קאָן פאַרברענט ווערן ס'זאָל קיין זכר נישט בלייבן... — זאָגט בוימגאַרט מיט ביטול.

זיי האָבן זיך געקוקט אין די פּנימער און ווידער זיך געהאַלטן צוזאַ־מען.

***

אין קאָטלאַס — אַ גערודער. צוגן נאָך צוגן ברענגען פאַרמשפּטע אַן איבעררייס. עס רוישט, עס זידט, ווי אויף אַ יאַריד. די נעכטן געקומענע שטייען, ווי די הענדלער אויפן מאַרק, ביי די פאַרצוימונגען און רופן אויס־צוטוישן: בגדים אויף ברויט, צוקער, מאַכאָרקע, פּעטס. און עס גייט אַן אַן אַדיסטויש: העמדער אויף פּייקעס ברויט; שאַלן, סוועטערס אויף צוקער, אויף „סאַלאָ" *). מען דינגט זיך אין פּרייז. זשוליקעס נאַרן אָפּ: אַ העלפט פון פּעקל מאַכאָרקע איז זעגעכץ; אין דער „סאַלאָ" ליגט אַ ברעטל.

ס'איז אַ געלויף פון איין זאָנע אין דער צווייטער: „דאָרט קריגט מען ביליקער"; „דאָרט קריגט מען אויך ציבעלעס, קנאָבל!"... וויטאַמינען... פאַר אַ טיכעלע — אַ פּאָר ציינדלעך קנאָבל...

דער יאַריד איז אויך מיט די מחנות פאַרמשפּטע:

— מחנה 33, צו סדרן זיך אין רייען! מחנה 26, סדרן זיך אין רייען!

עטלעכע הויכע אָפיצירן גייען פאַרביי, זיי באַשטעטיקן. די צונויפגע־זאַמלטע ווערן רעווידירט פון קאָפּ ביז פיס. די פּעקלעך דורכגענישטערט און היידאַ, מאַרש!

עפּעס אַ הויכער פאַרשוין, מיט אַ פליכעוואַטן קאָפּ און לאַנגע וואָנסעס, אָנגעטון אין אַ ברוינער לעדערנער קורטקע, איז צוגעשטאַנען צו אַלעקן. ער האָט אַ ליולקע, אַ יקר־המציאות: אין דעם קעפּל ליגט אַ קויל, טליעט, מאַכט דעם איינדרוק ווי ס'רויכערט זיך, אָבער אין העלצל איז נישטאָ קיין

---

*) חזיר־פעטס.

קאַנאַל. גיט עס די אילוזיע אַז מען רויכערט — וועט העלפן צו פאַרטרייבן שלעכטע רעיונות... — ער וויל נישט קיין סך דערפאַר, נאָר איין העמד.

**
*

צוגעקומען צו זיין וואַגאָן־גרופּע נאָך דער פּייקע *) ברויט, האָט אַלעק געטראָפן אַ ייִד מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען. אַ ברייט־פּלייציקער, זיין גרוילעך בערדל צוגעשוירן פּעדאַנטיש, קאַנטיק, כמעט אַ קוואַדראַט. ער איז דער שמש דאָ אין דער באָד. „וואָס געווען?... פאַר וואָס פאַרשיקט?"...

— אַליין זיך דאָס נישט אויסגעקליבן... גערעדט זאָגן זיי... גערעדט וואָס נישט געדאַרפן... כ׳געדענק גאָרנישט, אַז איך זאָל דאָס האָבן געזאָגט, וואָס זיי רעדן מיר איין... — זאָגט ער שלינגענדיק די ווערטער. ער האָפט אַז זיין לעצטע פּעטיציע צום אויבערראַט וועט דאָך ווירקן, אַז זיין פּראָצעס זאָל רעווידירט ווערן, — ביעזשענצעס, האַ? — שלייפט ער אַריין אין מיטן ריידן אַ באַדויערונג, און קערט זיך צו זיין ענין: — אַז איך וועל באַפרייט ווערן, וועל איך פאַרזעצן מיין וויסנשאַפטלעכע שטודיע. אַ פרוי זאָל נישט טראָגן נאָר זיבן חדשים. ס׳פּולשטענדיק געענוג. זיבעלעך זענען ס׳רוב גע־ראָטענע קינדער.

וואַגאָן 59 לאַכט:

— אַ מאַניאַק!

דער ייִד האָט דאָס באַמערקט. ער איז אָבער נישט געפאַלן ביי זיך:

— זיי פאַרשטייען מיך נישט.

— זיי גלייבן אייך נישט, — זאָגט אים אַלעק.

— דאָס איז דער גורל פון מערסטנס דערפינדער.

ס׳איז צוגעקומען ייִדל פּיק:

— צי האָט איר אַ פּאָר תפילין אַריינצוכאַפּן אַ דאַווענען?

— פאַר וואָס האַלטסטו קומט דעם רבונו־של־עולם ער זאָל זיין אין דעם כף־הקלע? — פרעגט דער שמש. ער גלעט זיך ס׳בערדל און קוקט אויף ייִדלען, כדי אויפצונעמען דעם איינדרוק פון זיין באַמערקונג.

---

*) רעפּטל.

— פון דאַנען פאָרן מיר אין „אוסטווים־לאַג״. איז עס ווייט? ווי לאַנג פאָרט מען אַהין?

— דאָס ווייס איך נישט. נאָר איינס וואָס איך וועל אייך זאָגן: אין וועלכן לאַג־פּונקט איר וועט זיין, וועט איר געשיקט ווערן צו האַקן וועלדער. געדענקט, איר וועט האָבן צו קעמפן קעגן וויטאַמינאָזע, „צינגא״...*) נישט שפּאָרן קיין העמד, אַז מען קאָן עס אויסטוישן אויף „סאַלאָ״. אָן וויטאַמינען וועט דאָס העמד סיי ווי נישט וואַרעמען דעם גוף. אין שטורעם דאַרף מען וויסן ווי אַזוי צו גיין.

— אין אַ זייט, — זאָגט אַלעק.

— מען דאַרף גיין אין אַלע זייטן...

— עס ווענדט זיך פון וואָס פאַראַ זייט ס׳קומט דער שטורעם.

— מאַכט זיך, אַז אויף דער דווינע איז אַ שטורעם? — פרעגט דער אָקערשט צוגעקומענער בוימגאַרט.

דער ייִד, דער פאַרשוין, קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט. ער הייבט גאָווה־דיק אויף דעם קאָפּ (ס׳זעט זיך, ווי אויסגעפּוצט ס׳איז זיין בערדל אויך אונטער דער קין). עפּעס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס זיין רייַדן בלייבט אָן איינדרוק, האָט ער זיך אַ דריי געטון אויפן קנאַפּל, און פאַרוואָרפנדיק די הענט הינטערן רוקן, איז ער שנעל אַוועק, ווי פון אַ שטורעם געטראָגן.

***

דאָס געצעלט איז גרויס, הויך, ברייט. דער ברעזענט — געפלעקט פון אַלטקייט, נישט אָנגעצויגן. פון ביידע זייטן געצעלט זענען דאָ, חוץ די אויסגעלייגטע ברעטער אויף דער ערד, צוויי שטאָקן נאַרעס. פון איין ברעט און דעם צווייטן זענען דאָ גרויסע שפּאַרעס — אַ פּויסט די ברייט. פון דער מיטלסטער נאַרע שרייט מען:

— גייט אויף די קני׳ען וועט זיך נישט שיטן דער זאַמד!

און מען בעט זיך:

— דערבאַרעמט ענק, ליגט איינגעלייגט! מיט יעדן ריר וואָס ענק טיטס, שיטן זיך פון זאַמד.

*) סקאָרבוט.

אין שטורעם

די קיטאַיצעס האָבן פאַרכאַפּט דעם באַראַק מיטן שינדל־דאַך.

— וואָלסט געוועז צווישן די קיטאַיצעס, וואָלסטו אַרויס אַן אָפּגעשונדענער. זיי וואָלטן אַלץ אַראָפּגעצויגן פון דיר.

— גנבענען טוען אַלע, נישט קיין נאָווינע...

ביינאַכט האָט דער ווינט אָנגעבלאָזן די ברעזענטן, ווי מאַסטן ביי אַ זעגל־שיפל אין מיטן אַ צעשטורעמטן ים. דער ווינט פייפט מיט אַ יאָמערן פון ווילדע חיות. אַלעקן עסט זיך איין דער צעהוליעטער ווינט מוראדיק אין די ביינער. ער קאָן נישט ליגן, לייגט ער פאַר בוימגאַרטן זיי זאָלן אַרויס פון געצעלט. אָבער אין דרויסן איז נאָך ערגער. שמועסן זיי זיך אָפּ, אַז אַ צייט זאָל איינער פון זיי צוהאַלטן דעם ברעזענט, פאַרשטעלן פאַרן ווינט, און דער צווייטער זאָל קאָנען שלאָפן. שפּעטער וועלן זיי זיך בייטן. יעדער פון זיי זאָל קאָנען אַריינכאַפּן אַ שלאָף.

***

באַגינען האָט זיך אָפּגעשטעלט דער ווינט. די זון האָט זיך צעגאָסן. אַלע זענען אַרויס אויסוואַרעמען די גלידער. אין דער זאַנג האָבן שוין גערויעט די מענטשן, ווי די בינען אַרום אַ בינשטאָק. די קיטאַיצעס, די קאַלמיקן, זענען געלאָפן פון מחנה צו מחנה, זיך געגרייט צום אָפּטראַנספּאָרטירן. טייל האָבן זיך געבונדן די לאַפּטשעס, אייניקע האָבן מיט שטריקלעך זיך באַוואָרנט די זוילן פון די מעשטעס. אַנדערע האָבן מיט שטיקלעך גלאָז זיך ראַזירט די בערד. אַ גרופּע האָט זיך אויסגעזעצט נעבן די דראָט־פאַרצוימונגען, כלומרשט ווי זיי וואָלטן איבערגעלייגט זייערע פּעקלעך. האָבן זיי דערווייל געוויזן די פּייקעס ברויט, אַ פּעקל מאַכאָרקע, אַ צוויי הערינגלעך. זיי זענען גרייט צו טוישן אויף אַ מלבוש, אָדער עפּעס אַנדערש. דער יאַריד האָט זיך ווידער געשטעלט.

וואַגאָן 59 איז שוין גערופן געוואָרן צו פאַרמירן זיך צום אָפּטראַנספּאָרטירן. אַלעק האָט געזוכט בוימגאַרטן. ער האָט אים געטראָפן זיצן אויף אַ פּיעניעק נעבן באַראַק פון די קיטאַיצעס. בוימגאַרט האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אַפילו אויף אַלעקס רוף אים נישט אויפגעהויבן. ער האָט געוויינט.

גראָד איז פאַרבייגעגאַנגען דער שמש פון באָד. ער האָט זיך אָפּגע־

שטעלט, געקוקט אויף אָלעקן, אויף בוימגאַרטן און אַ שטויס געבנדיק מיט געלעכטער געזאָגט:

— פלעוואַט! לאָד! *).

ער האָט זיך אַ דריי געטון אויפן אָפּצאַס, און — פאַרוואַרפנדיק די הענט אויפן רוקן — איז ער שנעל אַוועק.

אָלעק איז אַוועק זיך שטעלן צום טראַנספּאָרט. ווי אַ געליימטער איז ער געשטאַנען און געלאָזט דעם ענקאַוועדיסט זיך באַזוכן, טאַפּן אין די קעשענעס. דער רעווידירער האָט גערופן צו זיין חבר:

— איוואַן! קום זע אַ טשודנע **) זאַך!

ער האָט נאָך קיין מאָל אַזאַ רעקל נישט געזען, האָט ער עס באַוווּנדערט. אָלעק איז געשטאַנען שטייף ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע. זיין בליק געווענדט צו די דראָט-פאַרצוימונגען — אָט וועט ער באַלד אַריבער די דראָטן-נעץ, ווערן אַ קאַטאָרזשניק.

דערווייל — אַראָפּ פונעם יאַריד אין קאָטלאַס.

5

די באַרקע אויף דער דווינע

...אין דער באַרקע פלעגט מען פירן בהמות. פינצטער זענען אירע ווענט. די פּאָדלאָגע שוואַרץ און קלעפּיק, ווי אויסגעשמירט מיט דזשעגעכץ.

די באַרקע האָט שוין אַ געשיכטע: מיט דער באַרקע זענען שוין געפירט געוואָרן פּאָליאַקן — קריגס-געפאַנגענע. אַ טייל פון זיי האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם וועג, אויסגעגאַנגען. אַזוי איז אויסגעקריצט אויף אַ סלופּ אין דער באַרקע.

קליין און שמאָל איז די באַרקע. די עטלעכע הונדערט ביעזשענצעס

---

*) שפּיי.

**) משונהדיקע.

ליגן איצט דאָ איינגעפּרעסט ווי די הערינג אין אַ פּאַס. ס׳איז פינצטער, הייס, דושנע; ס׳איבלט און מ׳איז צופרידן וואָס ס׳איז נישטאָ פון וואָס צו ברעכן...

אַ טומל, אַ גערודער, אַלע רעדן. יעדער האָט וואָס צו זאָגן. צענדליקער זענען זיך משער, אַז מען איז געלאָזט אויף הפקר... גרופּעס רעדן וועגן „טרוקענעם פּאַיאָק״ *), די צידה־לדרך, וואָס מען האָט אָקערשט געקריגן:

— ס׳רעפּטל ברויט, לחם עני.

— די הערינג שמעקן נישט...

מען רעדט וועגן מצב:

— אויסגערונען אַלע אילוזיעס... דער בוימל איז אויפן וואַסער...

איינער האָט דערזען דעם באַגלייטער, אַ יונגער ענקאַוועדיסט. ער האָט זיך צו אים געווענדעט וועגן אַ מענטשלעכער זאַך... „טאָוואַרישטש״ אים גערופן. האָט יענער בייזלעך אָפּגעענטפערט, אַז ער איז אים נישט קיין טאָוואַרישטש. און „פּראָשען פּאַנאַ״ **) פאַרשטייט ער נישט.

די ערשטע פּאָר מעטער האָט די באַרקע זיך געשלעפּט מיט אימפּעט, ווי עפּעס רעכטס, איצט טאָפּטשעט זי אויף דער דווינע — אַ טשערעפּאַכע. די פּאַסאַזשירן האָבן מיד געלייגט די קעפּ, ווי שווערע שטיינער. באַהערשט פון פוילקייט, וויל קיינער נישט איינציִען די פיס אויף צו לאָזן אַן אַנדערן דורכגיין. נאָר אין איין ווינקל זיצן אַזעלכע, וואָס ווילן זיך נישט אונטערגעבן דער דערשלאָגנקייט. עס טרייבט זיי עפּעס אַן אימפּולס אַ שטיף צו טון. זיי פּלאַנעווען צו נעמען דעם ענקאַוועדיסט, דעם באַגלייטער, אויפן צימבל. זיי ווילן אויספּלעטן אַ זייגערל און דעם ענקאַוועדיסט אַריינציִען אין דער שפּיל, ער זאָל איינשטעלן אַ שיסעלע צוקער.

כאָטש מען איז אַזוי צונויפגעפּרעסט, האַלט נאָך אָן די צעטיילונג לויט די וואַגאָנען. מען ווייסט נישט צי ס׳וועט צוגעטיילט ווערן ברויט, צוקער, דאָך ווילן נישט די קאָמענדאַנטן פון די וואַגאָנען זיך אָפּזאָגן פון

*) ראַציע.

**) ביטע הער.

זייער ראָל... זיי האָבן זיך איצט פאַרזאַמלט אַרום דעם פּאַס, וואָס איז אָנגעגרייט צו האַלטן אין רעזערוו וואַסער, און ווילן זיך ווענדן צום באַגלייטער מיט אַ פאָדערונג אָנצופילן ס׳פעסל מיט וואַסער. נאָכן עסן די הערינג דורשט זיך...

פון מידקייט זענען אַ סך איינגעשלאָפן. אָלעק האָט שוין וויפל מאָל געפּרוווט און עס קומט נישט דער שלאָף. שטיין קאָן ער נישט, גיין איז נישטאָ וווּ. זיצט ער אָנגעשטייפט ווי אַ מומיע. די הענט פאַררוקט אין די אַרבל, דעם קאָפּ אָנגעלענט אין סלופּ. אין די באַקן טיפע לעכער. ער זעט עס ביי אַנדערע, ביי בוימגאַרטן. אַ טראַכטעניש האָט אים ווידער פאַרשלעפּט אין עבר. צו להכעיס זיך אַליין האָט ער אָנגעהויבן אויסצורעכענען דווקא די נעגאַטיווע זייטן זיינע.

דאָס ערגסטע, אין וואָס ער באַשולדיקט זיך איצט: ער איז קיין מאָל נישט געווען דעצידירט...

ווען האָט פאַקטיש זיך אָנגעהויבן זיין לעבן? — מיט דער שטעלע אין דער האַנדלס־פירמע. ער האָט דערקענט די, וואָס שפּאַנען בדרך המלך און אַזעלכע, וואָס „דער ציל באַרעכטיקט די מיטלען”... ס׳איז אים דערווידער געוואָרן דער אַרום. זיינע אייגענע זענען אים נישט געפעלן. עס האָט אים געצויגן דאָס פרעמדע, הגם ער האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס וועט אים ברענגען. עס האָט אָבער תמיד זיך אים געדאַכט אַז דאָרט, וווּ ער איז נישטאָ, איז בעסער. ער האָט געזוכט שענערס און אַרומגעטאַנצט ווי אין אַ תוהו ובוהו.

ס׳איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע: דער באַגלייטער האָט גערופן די קאָמענדאַנטן זיי זאָלן קומען נעמען ברויט און הערינג. צענדליקער האָבן זיך אָנגעבאָטן זיי צוצוהעלפן.

דאָס גערודער האָט אָלעקן נישט אָוועקגעריסן פון דעם חשבון־הנפש זיינעם:

— מיט אַמאָל אַרויסגעלאָזט די לייצעס פון די הענט. שטיין געבליבן, ווי ס׳וואָלט ווער פאַרשטעלט דעם וועג: „סטאָפּ!” ווער האָט דאָס געווירקט? מעשה שהיה כך היה...

בוימגאַרט איז עפּעס אַריינגעפאַלן אין אַ האַרטן שלאָף. נאָך דעם ווי ער האָט דערהערט, אַז מען קריגט נאָך ברויט, האָט ער אויפגעגעסן

דאָס רעפּטל מיטן הערינג, וואָס ער האָט געהאַט און ער שלאָפט איצט ווי אַן אָנגעשיכורטער. ער זעט אויס שענער ווי ווען ער איז וואַך. זיינע באַקן זענען פול. אַ זיסער שמייכל איז אים צעשמירט אַרום מויל. גאַר פאַרגעסן אַז ער איז אין דער באַרקע אויף דער דווינע...

6

אַ לעבן פאַר זיך

די באַרקע אויף דער צפון־דווינע פירט איבער עטלעכע הונדערטער ביעזשענצעס, פאַרמשפטע אויף קאַטאָרגע, אָבער נישט זי שטייט, נישט זי גייט. עס הערט זיך נישט קיין רודערן, עס פילט זיך נישט קיין שלעפּן. קיינער ווייסט נישט מיט וואָס פאַראַ כוח זי רוקט זיך איבערן וואַסער; מען הערט נישט קיין רויש פון קיין מאָטאָר און נישט קיין שאַרעווען פון רודערער.

עס איז אָבער קיינעם קיין נפקה־מינה נישט, וואָס עס געשעט מיט דער באַרקע. די צוקונפט, וואָס שטייט פאַר און די אַרבעט, וואָס דער־וואַרט — דאָס ווייסט יעדער איינער.

שוין קרוב אַ וואָך איז די באַרקע אויף דער דווינע. די ביינער טוען ווי פון ליגן. עס איז שווער דאָס זיצן און אַרומגיין קען מען נישט, ווייל איבער דער גאַנצער פאָדלאָגע זענען אויסגעצויגן פיס. קרעכצט מען אויס דעם ווייטיק פון די אָפּגעלעגענע ביינער. איינער האָט זיך בלויז אויפגעשטעלט און מאַכט אויפן אָרט גימנאַסטישע איבונגען. עטלעכע שפּילן זיך זיצנדיקערהייט אין באָקסעריי. אַנדערע רייבן זיך פּלייצע אין פּלייצע — די ביינער זאָלן נישט געליימט ווערן.

פּלוצלינג — אַ שטרייק. די פּאַסאַזשירן פון רעכטן ווינקל־פליגל, אין דרום־צפונדיקן טייל פון שפּיץ, ווילן נישט אָפּגעבן די השתנה אין עמער אַריין. זיי ווילן אַליין אַרויס אויפן בריקל און זען דעם דרויסן, אַ שמעק טון פרישע לופט. „מיר ווילן אַ לעבן פאַר זיך"... צווישן זיי זענען דאָ

יינגלעך, וואָס קענען דערלאַנגען אַ סקעטש. זיי ווענדן זיך צו אַלע איז דער באַרקע, אַז מען זאָל זיי נישט שטערן.

אויג און אויערן האָבן זיך אויפגעשטעלט: מאָטל פּאָמס, דער שפּיציקער גאָלער קאָפּ, האָט עפּעס געלאַכט אַ ווילד געלעכטער. ביז איצט איז ער געלעגן איינגעלייגט ווי אַ לעמעשקע.

— וואָס איז אים ראַפּטום געשען?

— נישט אַמאָל, חלילה, משוגע געוואָרן? — פרעגט איינער, אַ צווייטער.

און מאָטל האָט געלאַכט, פאַר וואָס מען וווּנדערט זיך, אַז ער לאַכט. עס איז אים דערעסן געוואָרן ס׳ליגן, קוקן אויף די דאַך־באַלקעס און וואַרטן ביז ס׳וועט אים אָנקומען דער פּיש.

— צייט זיך אַ ביסל פריילעך צו מאַכן, — העשעט מאָטל, — אַז נישט וועלן אייערע פּנימער בלייבן ווי גלאָמבעס. מען דאַרף טון וואָס די יונגע טוען. די ביינער זאָלן נישט איינגעדאַרט ווערן. מען דאַרף נוצן דעם מוח, אַז עס זאָל זיך נישט אַרויפכאַפּן אויף אים קיין בליצטראָפּן!

מאָטל פאַרכליניעט זיך, שלינגט אָפּ און רעדט ווידער:

— זאָל יעדער דערציילן זיין סוד! יעדער מאַנספּאַרשוין האָלט אין זיך עפּעס אַ סוד, סיי וואָס ער האָט געטון און נישט געדאַרפט טון, סיי וואָס נישט געטון און צוליב עפּעס אַ זאַך און יאָ געדאַרפט טון! ווען די ווייבער, מיידלעך, דערציילט! כאַ־כאַ־כאַ!

די שטרייקער פון רעכטן ווינקל האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי אַרויפצוגיין אויפן בריקל. שטילערהייט האָבן זיך צו זיי צוגעשטעלט נאָך און נאָך. די צאָל איז שוין גרויס געווען, אַז עס האָט זיך פאַרמירט אַ דאָפּלטע ריי.

מאָטל פּאָמס האָט פאַררוקט די הענט אין די אַרבל. ער האָט אָנגענומען די פּאָזע פון אַ נזיר, אָנגעהויבן שפּאַנען, אַריבערשפּרייזן אויסגעצויגענע פיס. אַ טייל האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז אַ קללה ס׳לאָזן זיך אַריבערשפּרייזן די פיס און זיי האָבן איינגעצויגן די פיס, ווי „קאָזלעס״, לויזמאַכנדיק מאָטלען דעם וועג. מאָטל האָט אָפּט זיך אָפּגעשטעלט, זיך איינגעקוקט אין אַ פּנים, געשעפּטשעט אין דער שטיל אַ פּאָר ווערטער, ווי ער וואָלט עפּעס אַראָפּגעלייענט פון יענעמס פּנים. מיט אַמאָל האָט ער

זיך צערעדט: ער איז פון פאַך אַ זייגערמאַכער. דער זייגער, וואָס איז גע־קומען אין זיינע הענט, האָט געמוזט גיין ראַיעל. אויס עקשנות... זיין געהילף האָט אים דערפאַר גערופן דעספּאָט.

— און דעספּאָטישקייט האָב איך פיינט געהאַט בתכלית השנאה. באַך ייִנגלווייז האָט מיין טאַטע געהאַט פון מיר צו זינגען און צו זאָגן. און דאָ הערט, הערט זיך איין! — רופט ער אויס, ווי אונטערשטרייכנדיק דעם טראָפּ.

פון דער ריי אַרויפצוגיין אויפן בריקל זענען עטלעכע שוין דאָ צור־ריק. אַ גרויסע גרופּע בייגעריקע רינגלען זיי אַרום:

— וואָס געזען?

— ווו זענען מיר?

איינער, אין אַ נאַרטן־היטל, דערציילט וווּנדערלעכע זאַכן:

— דער הימל איז לויטער, דורכזיכטיק ווי אַ שויב. אַן עראָפּלאַן איז פאַרבייגעפלויגן. מען האָט געזען די פליִער. דער טייך איז ברייט, ווי אַ ים און דאָס וואַסער — שטיל, ווי אין אַ סאַדזשעלקע. די לופט שמעקט מיט ריחות פון בעז.

מאָטל פּאָמס האָט אַ רגע זיך איינגעהערט צום דערציילן פון דעם אין נאַרטן־היטל. ער האָט אַ קנייטש געטון מיט דער נאָז און אָנגעהויבן ווי־דער זיין דערציילן:

— ביי אונדז אין שטעטל האָט אַ רייכער בעלי־הבית, ר׳ מאיר־גרשון, אַ הדרת־פּנים, אַ תבואה־סוחר, פאַרשפּאַרט אין אַ צימער פון זיין וווינונג זיין איינציקע טאָכטער מירל... אַ שיינע מויד. אַ בלאָנדער קאָפּ מיט אַ לאַנגן, דיקן צאָפּ... מחמת זי האָט צו פיל קאָנטשאַפּט געהאַט מיט די גימנאַזיסטלעך־שגצים. ר׳ מאיר־גרשון האָט פאַרקלאַפּט די לאָדנס, אַז זי זאָל גאָר די ליכטיקע שיין נישט זען. מירל האָט זיך געוואָרפן, גע־שליידערט, צעבראָכן אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך געפונען אין צימער, די פּערענע צעריסן. ר׳ מאיר־גרשון האָט, לויט די מעשים אירע, אויפגעוויזן אַז זי איז משוגע. פאַר כעס און צאַרן האָט זי אַרויסגעגאָסן אויפן פענצטער יעדעס געקעכטס. ווען דאָס איז אַדורכגערינען דורך די שפּאַרעס פון פענצ־טער, האָט עס נישט שיין אויסגעזען, נישט געשמעקט...

ער, מאָטל, האָט עטלעכע מאָל גערעדט מיט מירלען ביי פאַרהאַקטע

לאָדן. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי איז אַ קרבן פון איר טאַטנס דעס־פּאַטישקייט. זי האָט געוויינט, געבעטן ער זאָל איר העלפן. ער האָט וועגן דעם דערציילט דעם פּראָקוראָר. אָבער ר׳ מאיר־גרשון האָט געהאַט ביים פּראָקוראָר מער אָנזען, ווי מאָטל. ס׳איז געבליבן ביים אַלטן.

— און דו האָסט געשוויגן? — שפּרינגט איינער אַרויס.

— כאַפּ נישט! — שלאָגט מאָטל אָפּ — אַז כ׳וועל ענדיקן וועל איך אַ פּאַטש טון מיט די הענט. — ער קוקט זיך אַרום און דערציילט ווייטער:

— איין מאָל, אַ שבת. ר׳ מאיר־גרשון מיט די רבנים זענען געווען אין שטיבל; צירל די דינסט, אין שיל, צו ראש־חודש בענטשן. האָב איך אַרויס־געשלעפּט אַן אייזערנעם לאָם פון אייזיק בעל־עגלהס שטאַל, אויפגע־בראָכן דעם לאָדן, אויפגעריסן ס׳פענצטער און אַוועק מיט מירלען צו דער באַן, זי אַוועקגעפירט צו מיין פעטער אין קאַלושין.

די אַרומיקע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן.

— אָט וואָס כ׳האָב צו פאַרשרייבן אויף מיין זכות! — רופט ער אויס, שלינגט און פאַרכלינעט זיך מיט אייגענע ווערטער, טוט אַ פּאַטש מיט די הענט: ער האָט געענדיקט.

אין רעכטן פליגל פון דער באַרקע זיצן יונגעלייט מיט טאַלאַנט צו זינגען און אַ גרופּע, וואָס פלעגט אויפטרעטן אין דראַמאַטישן קרייז פון זייער פאַראיין. זיי רעדן זיך אָפּ אויסצושטעלן אַ פּראָגראַם פון לידלעך, קופּלעטן, מאָנאָלאָגן. איינער הערט אויס דעם אַנדערן, אָבער מאָטל פּאַמס קען די חברה.

— זאָלן זיי זיך מאַכן זייער לעבן פאַר זיך און מיר פאַר זיך, — זאָגט ער און ווענדט זיך צו משה פעלדמאַנען, וואָס האָט זיך פאַרגאַפּיעט:

— און וואָס האָסטו, משהלע, אויפגעטון גוטס?

משה פעלדמאַן האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווי מען וואָלט אים איבערגעוועקט פון דרימלען. ער האָט געקנייטשט זיין הויכן שטערן מיט ברייטע פאַלדן, ווי אַ „פּליסאָוואַניע". אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן אין זיינע שמאָלע מויל־ווינקלען:

— ס׳איז געווען בעת דער גרויסער שריפה אין שטעטל. אין מיטן נאַכט איז זי אויסגעבראָכן. ס׳האָט געברענט ס׳ברויהויז. די פלאַמען האָבן פאַרכאַפּט אַ הויז נאָך אַ הויז. ס׳פייער האָט געבושעוועט, ווי אונטערגע־

בלאָזן דורך אַ בלאָזזאַק. דער הימל איז געווען רויט. אויף דער גאַס איז געווען אָנגעוואָרפן פּעק און בעטגעוואַנט. קינד און קייט איז וואָך געווען. מען איז געלאָפן מיטן פּעקל בעבעכעס פון איין גאַס אין דער צווייטער. די צונגען פייער האָבן פאַרשלונגען שורות הייזער. די פלאַמען האָבן זיך שוין געטראָגן צו די הייזער פון דער יאַטקע־גאַס. שינדל־דעכער האָבן זיך אָנגעכאַפּט. אונדזער הויז איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ פאַקל. איין פאַר־פאַלק איז אַרויס אין בלויזן העמד אויפן לייב. דאָס פּאָרל האָט אין צע־טומלטקייט פאַרגעסן אין זייער קינד. ער האָט געטענהט: „כ'בין זיכער גע־ווען, אַז דו ביסט אַרויס מיטן קינד". זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און געשאָלטן באשר זי איז זיכער געווען, אַז ער, דער מאַן, האָט געכאַפּט מיט זיך דאָס קינד. דער מאַן איז געלאָפן אַרום הויז. ער האָט געזוכט אַן אָרט אָן פלאַמען... האָב איך געמאַכט אַ „סאַלטאָ מאָרטאַלע", כ'בין אַריין צווישן די פייער־צונגען, געגאַנגען לויטן קולעכל פון קינד. איין סעקונדע נאָר, און צוריק אַרויס מיטן קינד. טאַקע אָפּגעזענגט, אָבער ס'קינד איז געווען געראַטעוועט. נו, האָ? — פאַרענדיקט ער מיט טריומף.

אָלעק האָט זיך אַ צי געטון פון אָרט, געמאַכט אַ באַוועגונג, אַז ער וויל עפּעס פרעגן. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט אַ רעדן צווישן צוויי זייטיקע, אַז דער באַגלייטער, דער יונגער ענקאַוועדיסט, האָט געזאָגט: „איר וועט שוין נישט זען אייערע היימען, ווי איר זעט נישט אייערע אויערן"... אָלעקן איז אַ קאַלטער ציטער אַדורך איבערן לייב. ער איז בייז געוואָרן, וואָס מאָטל פאַמס רעדט צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, זיך אַנידערגעזעצט, האָט ער דערהערט אַ רופן:

— העי! העי!

אָלעקן האָט זיך געדאַכט, אַז דער רוף איז צו אים. ער האָט זיך אומ־געקוקט:

— העי! העי! — האָט גערופן אַרקע, זיך פאַרשאַרצט די אַרבל.

אַהרן־אַרקע, אַ קליינוווקסיקער, דאַרער, הויט און ביין, אָבער אַ שטים, — אַ מעטאַלענע. ער האָט זיך געלאָזט וואַקסן די באָרד און די באַקן זענען אים שוין באַדעקט מיט באָרד ביז די אויגן. ער האָט נישט געמיינט

אַלעקן. ער זאָגט, אַז סיי מאָטלס, סיי משהס באַרימען זיך איז גאָרנישט. דאָס וואָס ער האָט צו דערציילן, האָט נישט קיין גלייכנס.

מאָטל פּאָמס איז צופרידן פון אָפּקלאַנג וואָס זיין איינפאַל האָט, אָבער מען רופט דעם וואַגאָן 47 און מאָטל געהערט צו דעם וואַגאָן. מען טיילט צוקער. ער דאַרף נעמען זיין פּאָרציע. ער דאַרף אויך זיך שטעלן אין דער ריי אַרויפצוגיין אויפן בריקל. די ריי איז אַ לאַנגע.

7

אַ שיף אָן אַ רודער

ס׳איז גרויס די דעמפּיקייט אין דער באַרקע. די שוואַרצע ווענט זע־נען באַצויגן מיט גלאַנציקער פייכטקייט, ווי זיי וואָלטן געשוויצט. פון סופיט קאַפּען טראָפּנס. איינעם פאַלט דער טראָפּן אויפן שטערן, אַן אַנ־דערן אויף דער נאָז. יעדעס מאָל, וואָס אַ טראָפּן פאַלט אויף עמעצנס פנים, שפּרינגט יענער אויף מיט אַ געשריי און קללות. עס הערן זיך רופן מען זאָל די מינוט עפענען די עטלעכע קלאַפּעס איבער די לעכער אין דאַך, אַז עס זאָל אַריין לופט! ס׳איז אָבער נישטאָ אויף וועמען צו שרייען. דער יונגער ענקאַוועדיסט, דער באַגלייטער, איז עפּעס אַ צעקראַכענער, אַ שוואַכלינג. פון אַ בלויזן בלאָז קאָן ער אָוועקפליען. ער באַהאַלט זיך. אויב ער פלעגט די ערשטע טעג זיצן שעהן אויף די טרעפּלעך, ווי ער וואָלט געהאַלטן וואַך, איז איצט ווייזט ער זיך גאָרנישט, וויל אַפילו נישט אַ קוק טון וואָס עס געשעט אין דער באַרקע.

אייניקע פּרוּוון זיך שטעלן איינער אויפן אַנדערן, כדי אָוועקצורוקן אַ קלאַפּע אין דאַך. די קלאַפּע האָט מען נישט געקאָנט אויפהייבן, נישט רוקן, זי איז מיט עפּעס צוגעטשעפּעט פון דרויסן — רופט מען און מען שרייט.

אַלעק האָט געציילט די טעג וויפל מען שלעפּט זיך שוין מיט דער באַרקע. ער האָט געקוקט אויפן סלופּ, וווּ ס׳איז אויסגעקריצט די דאַטע ווען ס׳זענען מיט דער באַרקע געפאָרן די פּוילישע קריגס־געפאַנגענע.

אַ מוראַדיקער געדאַנק איז אים געקומען, אַז מען וועט נישט דערפאָרן. דאָס רייסן זיך איצט נאָך לופט האָט נאָך מער געשטאַרקט די מורא, ווי דאָס וואָלטן געווען די סימפּטאָמען פון קעגנשטעלן זיך דעם אומקום. מיט אַ מאָל האָט ער אַ געשריי געטון:

— נישט אָפּשטיין! אויפרייסן די קלאָפּע! נישט אָפּשטיין!

אַרקע האָט זיך נישט געמישט אין דעם טאַראַראַם. ער האָט אָנגע־כאַפּט מאָטלען וואָס איז נאָר וואָס צוריקגעקומען און דערציילט:

— פון קינדווייז אָן האָט מיין טאַטע מיך געלערנט צו לאַכן ווען יענער כעסט זיך. אַז איך האָב זיך געצאַרנט, האָט דער טאַטע מיר אַריינ־געלאַכט אין פּנים אַריין... איין מאָל בין איך מיט חברים, ייִנגלעך, געגאַנ־גען אין וואַלד אַריין כּדי צו קלייבן יאַגדעס. טיף אין וואַלד איז פּאָר אונדז דערשינען דער „גאַיאָווע״ *) מיט צווייַ העק אין די הענט. ער האָט געדראָט אַז ער וועט שפּאַלטן קעפּ. די סכּנה איז געווען גרויס, האָב איך גענומען אַ לאַנגע „וויטקע״ **) און הינטערווייַלעכס געריבן דעם „גאַיאָוועס״ קאַרק. דער „גאַיאָווע״ האָט זיך דערשראָקן, אַזש אַ ציטער געטון ווי אַ בלאַט, די העק זענען אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט. אַז ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען פּאַר וואָס ער האָט זיך דערשראָקן, און וואָס עס האָט אים גע־קיצלט, האָט ער זיך אַליין אויסגעפּאַטשט און אויס בושה אַנטלאָפן.

אַרקע האָט נאָך נישט געענדיקט, האָבן שוין אייניקע גערופן, אַז אויך זיי האָבן מיט וואָס זיך צו באַרימען.

מאָטלס אויגן האָבן געגלאַנצט פון הנאה. אָבער אַן איבעררעשנדיקע געשעעניש האָט די גאַנצע מחנה אין דער באַרקע געשטעלט אויף די פיס: עטלעכע יונגען, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך געשטעלט אין אַ פּיראַמידע, איז געלונגען אויפצוהייבן אַ קלאַפּע אין דאַך. אין דער באַרקע איז מיט אַ מאָל אַריין אַ ברייטע ליכטיקייט, ווי דער גאַנצער הימל וואָלט אַריינגע־פאַלן. עס איז געוואָרן אַ געשטופּעריי, יעדער האָט געוואָלט שטיין אונ־טערן הימל, כאָטש עטלעכע מינוט זיך איינקוקן אין הימלס לויטערקייט.

---

*) וואַלד־וועכטער

**) ריטל.

מען האָט געלאַכט צום הימל. די יונגעלייט, וואָס האָבן פריִער גאָר פאַר זיך שטילערהייט עפּעס אויסגעזונגען, זענען איצט אַריין אין טראַנס און כאָראַל געזונגען שלאַגער־לידלעך, מאַרשן אין פויליש און רוסיש.

דער באַגלייטער, דער יונגער ענקאַווערדיסט, האָט זיך אַלץ נישט גע־זויזן; אויך די אַנדערע ענקאַווערדיסטן, וואָס זענען געזעסן אויפן בריקל, זענען נישט אַראָפּגעקומען. מען איז דערגאַנגען פאַר וואָס: די אַפּראָווי־זאַציע האָט זיך אויסגעשעפּט. דער „פּלאַנאָוויק" האָט זיך פאַררעכנט... חוץ דעם שלעפּט זיך די באַרקע איצט אין וועג לענגער, ווי ס'איז געווען אין פּלאַן. ס'איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן.

און דערווייל דערציילט מען זיך ווייטער פּאַסירונגען. איצט דער־ציילט פישל שעפּס — בלחש, ווי שעפּטשענדיק פאַר זיך:

— זי איז געווען אין איין וווקס מיט מיר. אַ בלאָנדינקע. אירע פּלאַק־סענע האָר זענען געווען פלײשיק ווייך און געשמעקט מיט אַ רויזנזאַפּט. אויף אירע פולע ליפּן האָט תמיד זיך געוויקלט אַ דיק, צאַרט שמייכעלע. יעדן אָוונט זענען מיר געווען אין איין געזעלשאַפט. זי האָט געוווּסט אַז איך קום צוליב איר און זי איז געקומען צוליב מיר. זי איז געווען מיין טרוים. כ'האָב דאָס איר געזאָגט און זי האָט מיט אַ האַנטגלעט מיר גע־ענטפערט... זומערצייט האָבן מיר זיך געטראָפן אין איין קוראָרט. מיר האָבן צוזאַמען באַזוכט די געגנט. זיך אָפּגעזונדערט פון זייטיקע, געפירט זיך האַנט ביי האַנט, געשפּילט זיך אויף די ים־כוואַליעס. זי האָט דעם קאָפּ אָנ־געלענט אויף מיין אַקסל, איר האַנט געהאַלטן אויף מיין האַרץ... יענעם אָוונט זענען מיר געווען אין קאַסינאָ — אַזוי האָט זי געוואָלט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ רולעטקע־טיש. אויף אַלע 36 נומערן זענען געלעגן שטאָנען און שטאָנען. זי האָט געוואָלט שטעלן אויף אַ נומער. זי האָט גע־האַט אייגן געלט איינצושטעלן, דאָך האָט זי געוואָלט איך זאָל איר געבן פון מיינס: „אַ סגולה צו געווינען", — האָט זי מיט באַזונדערן שמייכל באַ־טאָנט. אירע אויגן זענען געווען אַנגעשטרענגט צו קוקן אויף דעם קיי־קעלע, וואָס קאָלערט זיך אין דער שיסל ציפערן. זי האָט נישט געוווּ־נען. מיר זענען צוגעגאַנגען צו אַ טיש פון „באַקאַראַ"־שפּילערס. איינער, אַ זייטיקער גאַר, האָט גערופן ער שטעלט „וואַבאַנק", האָט זי אויך אירע עטלעכע גילדן צוגעלייגט. גלייך ווי זי האָט אַוועקגעלייגט די ערשטע

פּאָר גילדן, האָב איך שוין געוווּסט אַז זי פאַרשפּילט. איך האָב אין איר בייטעלע אַריינגעלייגט עטלעכע שטאָנען זי זאָל ווידער שטעלן... דעם אוונט פון עמאָציעס — איז עס געשען... איך בין זיכער געווען, אַז מיר זענען שוין צוגעבונדן צו זיך און זי וועט שוין נישט צוריקגיין צום מאַן... עס איז אָבער נישט געשען ווי איך האָב געמיינט. זי האָט פאַרלאַנגט פון מיר איך זאָל שווייגן און אָפּוואַרטן איר קומען צו מיר. איך האָב געשוויגן, געוואַרט. איין מאָל איז זי געקומען און געזאָגט: „איך בין געוווינט צו לוקסוס. מיר קאָן איינפאַלן אויסטערלישס. ביסט אַן אָנגעשטעלטער. קאָנסט פאַרלירן די שטעלע יעדן טאָג. וועסט נישט קאָנען נאָכקומען מיינע קאַפּריזן“...

עפּעס אַ סומאַטאָכע איז פּלוצלינג אַנטשטאַנען אין דער באַרקע. דער ענקאַוועדיסט, דאָס נעבעכל, האָט אָנגעטון די ביקס און ער ווילדעוועט. ער האָט איבערגעקערט ס׳פּעסל וואַסער, באַשר מען האָט אַן זיין דערלויבעניש אַריינגעצויגן מיטן עמער וואַסער פון דעם טייך און אָנגעפילט דאָס פּעסל:

— זאָל מען נישט מיינען, אַז די שיף איז אָן אַ רודער! באַלד וועט די גאַנצע קאָמאַנדע באַגלייטערס אַראָפּקומען! — און ער האָט געשלײדערט וואָס עס איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט. ער האָט זיך געכאַפּט צו דער ביקס אויסצושיסן.

— יידן! ראַטעוועט אים! — האָט מאָטל פּאָמס אַ געשריי געטון, — ער איז נעבעך צעמישט פון לאַנגווייל, ראַטעוועט אים!...

אָלעק איז אין הייטערקייט אויפגעשפּרונגען. ער האָט געוואָלט עס זאָל עפּעס דערצערענען די קאָמאַנדע באַגלייטערס. ער האָט זיך געשטופּט צווישן דער ענגשאַפט, און זיך געשטעלט נעבן פּעסל אָפּצוהיטן עס.

און די באַרקע האָט זיך ווייטער שטיל געגליטשט.

ד. זאַקאַליק

8

וויטאַמין „צ"

אין אוסטווים זענען שוין אויסגעהאַקט אַלע וועלדער. אוסטווים־לאַג איז אַ קאַפּיע פון קאַטלאַס. אויך בלויז אַ טראַנזיט־פּונקט. פון דאַנען ווערן די „זאַקלוטשאַנע" צעשיקט אין די לאַגערן וואָס אין דער אוסטווים־געגנט. צענדליקער לאַגערן אין דעם ראַיאָן. אויך אוסטווים האָט אַ נעץ פון זאָנעס. אין אַלע פיר ווינקלען פון לאַגער שטייען „ווישקעס" מיט באַוואָפנטע וועכטערס.

ס'ראַיעט אַ מענטשן־מאַסע פאַרחושכטע פּנימער. קליידער — שמאַטעס. די געשטאַלטן טשלאַפּען אין שטרוי־לאַפּטשעס, אין טרעטערס פון גומי־רעדער. אויך אינוואַלידן זענען דאָ. געבויגענע אין דרייען, טאַפּטשען זיי אין די זאַמדן, אָנגעשפּאַרטע אויף שטעקנס, וואָס זיי אַליין האָבן זיך געמאַכט פון צווייגן. פּראָפעסאָרן, געלערנטע צווישן זיי. איינער אַ נידעריק־וווקסיקער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ גרויס פּנים און אויגן־ברילן מיט דיקע גלעזלעך. ער איז אָנגעלענט אויף אַ שטעקן. ער רעדט און רעדט — ס'מויל פאַרמאַכט זיך אים נישט. ער פרעגט זיך אויף פּראָפעסאָר באַדוען דע קורטענע. ער האָט מיט אים צוזאַמען שטודירט. ער איז פאַרשיקט געוואָרן פאַר רעדן. ער ווייסט נישט וואָס זיי האָבן געוואָלט ער זאָל נישט רעדן, אַז זיין גאַנץ לערן־געצייג איז רעדן. ער געדענקט נישט, אַז ער זאָל האָבן באַנוצט אַזעלכע אויסדרוקן ווי עס לויטעט די באַשולדיקונג. „דער שכן, פּיאָטער גריגאָראָוויטש, האָט געהערט. ער אַליין ווייסט נישט".

...פּיאָטער גריגאָראָוויטש האָט געשיקט צו אים זיין בת־יחידה זיך צו לערנען ביי אים פראַנצויזיש. זי איז משוגע געוואָרן. צום באַדויערן איז זי נישט משוגע געוואָרן איידער זי איז געקומען צו אים זיך לערנען... ער איז שוין אַלט. אַלע דאָ מיט אים זענען שוין אַלט. אָט שלעפּן זיי די פיס, ווייל זיי האָבן נישט קיין כוח צו פאַרענדיקן מיט זיך. „יעדער פון אונדז ווייסט עס", — גיט ער צו מיט באַדויערן, בלאָזט מיט דער נאָז, ווי

עס וואָלט אים וואָס געשטאָכן. — „זיי ווייסן, אַז זייער געביין וועט פוילן ערגעץ דאָ אין די טונדרעס, אָן אַ צייכן אויפן בערגל, וואָס וועט פאַרדעקן זייערע אויסגעסאָכניעטע גופים און זיי רעזיגנירן נישט. זיי לאָזן זיך פירן פון איין לאַגער אין צווייטן און זיי שטייען נאָך אין גרויסן: קיין איינער האָט נישט אָנגעגעבן קיין ביטע אויף צו רעווידירן דעם פסק־דין, און וועט עס נישט טון״.

די אָנגעקומענע מחנה ביעזשענצעס איז די גרעסטע אין דער צאָל אין אוסטווים. עס איז זיי נישט אָנגעוויזן געוואָרן קיין באַשטימט געצעלט. ווו עס איז געווען אַ פרייע נאַרע, האָבן גרופּעס, לויט די וואַגאָנען־נומערן, זיך קאָנצענטרירט. לויט די וואַגאָנען־נומערן האָבן זיי געקריגן דעם פּאַיאָק: דאָס רעפּטל ברויט און לעפל קאַשע. ביז עס וועלן קומען די שליחים פון די לאַגערן אָפּנעמען זייער „נאַריאַד״ *).

ווען אַלעק איז אַרויס פון דער באַרקע האָט אים אַ שטיק געטון די איינזאַמקייט, הגם מיט אים זענען אַרויס הונדערטער און אַלע אין דעם זעלבן מצב, האָט ער דאָך געהאַלטן אַז מיט אים איז אַנדערש. אַלע שפּאַנען שוין גלייכגילטיק אין קנעכטשאַפט. אין אים אָבער האָט מיט אַ מאָל זיך ווידער דערוועקט אַ ווידערשטאַנד. ער האָט געוואָלט שרייען. ס׳האָט אים געמוטשעט דער געדאַנק: „אפשר אַריינשפּרינגען אין טייך אַריין?״...

און אָט איז ער אין אוסטווים. ליגט נעבן אַ פּלויט. איז נישט געשפּרונגען אין טייך אַריין. ער וווּנדערט זיך נאָר ווי אַזוי ער דערהאַלט זיינע כוחות. די דאָקטוירים, וואָס זענען צווישן די ביעזשענצעס, זאָגן אַז די כוחות זענען פון די רעזערוון פון אַמאָל. „אויף ווי לאַנג וועלן סטייען די רעזערוון?״...

אוסטווים האָט נישט קיין געזעצן, האָט נישט קיין זייגער. ס׳איז נישט באַשטימט קיין שעה פון אויפשטיין, נישט פון עסן, נישט פון שלאָפן. אוסטווים איז אַ פּאַדערהויז, וואָס פירט אין לאַגער אַריין. די גרעסטע אַטראַקציע איז די „באַניע״ *). הונדערטער שלאָנדערן זיך אַרום פּוסט־און־

*) באַשטעלונג

*) באָד

פּאַס, וואַרטן אָפּ מען זאָל קומען זיי נעמען. די באַניע פּילט אויס די צייט און די געדאַנקען. שעהן דויערט ביזן אַריינקומען, שעהן דויערט ביזן צוריקקומען.

אַלעק האָט נאָך פון פרימאָרגן זיך געשטעלט אין דער ריי צו דער „באַניע״. ער וויל דערפרישן זיין לייב מיט וואַסער.

אין דער ריי, נעבן אים, שטייט אַ הויכער מאַנצפּאַרשוין. ער טיילט זיך אויס פון אַלע מיט זיין פרישן אָנטון. די פּופּיקע פון בלאָ סאַטין, נאָך מיט בלישטשנדיקן גלאַנץ. זיין פּנים לאַנג און מאָגערע באַקן, אָבער נישט פון הונגער. אַ געוועזענער דירעקטאָר פון אַ גאָלדגרובן. זייט ער האָט זיך צוגעשטעלט אין דער ריי אַריינצוקומען אין דער באַניע, האָט ער בלויז געמורמלט, ווי ער וואָלט זאָגן עפּעס אַ תפילה. איין נאָמען: „סאָפיא ניקאָלאַיעוונאַ״, האָט ער שוין וויפל מאָל דייטלעך דערמאָנט.

— סאָפיא ניקאָלאַיעוונאַ. אייער פרוי? טאָכטער? — פרעגט אַלעק.
— דו הערסט וואָס איך רעד?
— געהערט.
— איך רעד נישט צו דיר.
— סאָפיאַ מוז זיין אַן אייגענע.
— מיין סעקרעטאַריק.
— בענקט זיך?...
— ס'טוט ווי.
— פאַרשטייט זיך.
— דו קאָנסט גאָרנישט פאַרשטיין.
— זיך פאַרצושטעלן...
— זי האָט געוואָלט אַ יונגערן. דער „פאָליטרוק״ *) האָט איר פאַר־דרייט דעם קאָפּ. ער האָט איר געגלייבט, אַז איך וויל צוריק אויפשטעלן די צערקווע.

אַלעק און דער הויכער מאַנצפּאַרשוין זענען צוזאַמען אַריין אין פאַ־דערהויז פון דער „באַניע״, ווו ס'איז געשטאַנען אַ פריזירער. אַלעק האָט

---

*) פאָליטישער לייטער

זיך געלאָזט אָפּשערן ווי נאָר אַ האָר. דער געוועזענער דירעקטאָר האָט געוואָרט ביז אַלעק איז אַריין אין באָדצימער.

אַלעק האָט געקריגן אַנדערטהאַלבן שעפּעלעך וואַסער, זיך אָנגעזייפט און נישט געהאַט מיט וואָס אָפּצושווענקען די זייף. די הויט האָט געברענט פון דער סאָדע אין זייף. ער האָט נישט געקאָנט אײַנשטיין אויף איין אָרט. עס האָט אים געבריט ווי ער וואָלט געווען באַדעקט מיט אַ צרעת. ער איז אַרויס אָן אַ העמד. ער האָט עס אַוועקגעגעבן איינעם פאַר יענעמס אַנדערטהאַלבן שעפּעלעך וואַסער צום אָפּשווענקען זיך.

***

אוסטווים האָט אַ וויכטיקע אויפגאַבע: סעגרעגירן די פאַרמשפּטע אין קאַטעגאָריעס — צו לייכטער אַרבעט און שווערער אַרבעט. דער באַגריף לייכטע אַרבעט: אַלץ וואָס איז נישט געבונדן מיט ביימער־האַקן. צוויי דאָקטוירים און אַ לאַגער־פאַרשטייער קוואַליפיצירן דעם פאַרמשפּטן צו וועלכער קאַטעגאָריע ער זאָל געהערן. דער לאַגער־פאַרשטייער מעסט אָפּ דעם אַרעסטירטן לויטן אויסזען.

אַלעק איז דורכגעגאַנגען די קאָמיסיע. דער דאָקטאָר האָט אים צוגעטיילט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע: ס׳קאָן זיין, אַז ער וועט אין לאַגער זיין אַ קאַרטאָפל־שיילער, אַ שמש, אַ האָלצהעקער, אָדער באַדינער. די וואָס זענען צוגעטיילט צו דער ערשטער קאַטעגאָריע ווילן נישט זאָגן — זיי רעכענען, אַז די סעלעקציע איז נאָך נישט די לעצטע, און זיי וועלן נאָך אומשטאַנד זיין צו ענדערן. ס׳איז אָבער דאָך צו דערקענען ווער צו וועלכער אַרבעט איז צוגעטיילט און לויט זייערע ענטפערס: דער, צו לייכטער אַרבעט האָט געענטפערט גלייך — „צווייטער“, דער צו שווערער אַרבעט האָט בייזלעך אַ דריי געטון מיט דער נאָז און נישט געענטפערט.

בוימגאַרט איז אויך באַשטימט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. אָבער עפּעס בא־האַלט ער זיך לעצטנס אויס פאַר אַלעקן. איז אַלעק נייגעריק צו וויסן די סיבה. ער האָט אים געזוכט און געפונען זיצן אויף די קלעצער הינטער דער באָד. ער האָט זיך געמאַכט אַ פייפערל פון אַ שטיקל שטעקל, וואָס ער האָט געפונען נעבן דער קיך. אַ פייפערל וואָס פייפט נישט. בוימגאַרטן דאַכט זיך אַז עס פייפט.

— כ׳לעבן גוט צו זיצן דאָ! — זאָגט אַלעק.

— אָבער גוט! די פיס האָבן אָן אָנלען, — זאָגט בוימגאַרט און ער ציט איין דעם האַלדז ווי ער וואָלט וועלן דווקא אַרויסשטויסן אַ גוידער.

— איר האַלט אַז דאָס העלצל איז טאַקע אַ פייפערל?

— איך זאָל אַרומגיין און רעדן צו זיך, וועט מען זאָגן „משוגע!" פייף איך אויס מיין רעדן. פייפן מעג איך.

— וואָס זשע באַהאַלט איר זיך?

— כ׳וויל נישט הערן ס׳פּלאַפּלען פון די מרה־שחורהניקעס: „נישטאָ און ס׳וועט שוין נישט זיין די היים. פאַרגעס, אַז ס׳איז אַמאָל געווען אַ היים!" איך בין אַזאַ קאַטאַרזשניק, ווי דו וואָלסט מיך באַשווענלצט מיט הייליק וואַסער, אַז כ׳זאָל זיין אַ גוי...

— מען פאַרפירט אונדז אָבער אַזוי וויט!...

— די צייט לויפט אונדז צום גוטן. מאָרגן קאָן זיין אויס מלחמה...

— אַזוי ווילט איר!

— איז דען צו עוולה?

— אָן איינרעדעניש.

— לאָזט מיך לעבן, כ׳בעט אייך.

— איז דאָס לעבן?...

— שוין ווידער דער פּעסעמיזם? לאָזט מיך שפּילן און איר שווייגט. קוקט ווער עס גייט אַרויס פון דער באַניע, שעלט און לאַכט...

**
*

די לעצטע טעג האָט אַלעק געשלאָסן קאַנטשאַפט: גרינשפּאַן פון 56סטן וואַגאָן. זיי האָבן זיך צוגעפּאַסט. שעהן זענען זיי געזעסן נעבן דעם ברו־נעם און געשמועסט. גרינשפּאַן איז געווען אַ סוחר אויף דער גענשער גאַס. ער האָט געפירט אַ גרויס געשעפט. די ערשטע טעג פון מלחמה־אויסברוך איז זיין געשעפט אַוועק מיטן רויך. ער איז געבליבן, זאָגט ער, אַ ריינער אָרעמאַן. אָבער דאָס האָט אים קנאַפּ געקימערט. ער האָט גע־גלויבט אין זיך, אַז ווי ס׳וועט ווערן אויס מלחמה, וועט ער זיך צוריק־שטעלן אויף די פיס. אָבער זייט ער איז אַנגעקומען קיין אוסטווים, איז ער באַהערשט פון אַ דערדריקנדיק געפיל: „איינזאַם". ביי די ערשטע

ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט מיט אַלעקן, האָט ער דערפילט, אַז זיי זענען אַ פּאָר. ער האָט אים דערציילט וועגן זיין געשעפט, וועגן זיין היים. ער האָט ליב געהאַט בילדער און זיין פרוי האָט ליב געהאַט בילדער. די מיטלסטע טאָכטער האָט אַ ביסל געמאָלן. צוויי זין, צוויי טעכטער. זיי בענקען איצט נאָך זיין קומען, זיי ווייסן זיכער נישט, אַז מען פאַרשלעפּט אים ווייט, ווייט, צו די ווייסע בערן, זאָגט מען. זיי ווייסן עס נישט...

אין די פרימאָרגנס איז גרינשפּאַן קיין רגע נישט געזעסן אויף איין אָרט. ער איז געווען אין דער קיך, ביים קוכער, ביים בעדער. ער איז אויך געקומען אין די געצעלטן פון די פּערמאַנענטע לאַגערניקעס, ווו קיין ביעזשעניעץ קומט נישט, ווייל אַ מורא איז אָנצושטעקן זיך מיט צרעת... אָבער גרינשפּאַן גייט יאָ אַריין. אים געשעט גאָרנישט. אָפט ברענגט ער אַ זעקעלע צוקער, אַ פּאָר פּעקעלעך מאַכאָרקע. ער איז שוין גוט־ברודעריש מיטן קוכער און ער קויפט ביי אים „סאַלאָ״ — „דאָס איז וויטאַמין „צ״. וואָס ער האָט געהאַט וועש האָט ער געטוישט אויף „סאַלאָ״. ער האָט צוגעהאָלפן אַנדערע: ווער ס׳האָט געוואָלט טוישן אַ העמד אויף „סאַלאָ״ האָט ער דאָס דורכגעפירט.

אויף וויטאַמין „צ״ זענען אַלע ביעזשענצעס געווען בעלנים, נישט אַלע טראַנזאַקציעס זענען אָבער דורכגעפירט געוואָרן דורך גרינשפּאַנען. ס׳זענען געווען נאָך פּיפּיקע אין מסחר, און ס׳איז אַנטשטאַנען אַ וויטאַמינען־האַסע.

אַנומלט האָט גרינשפּאַן אַוועקגענומען אַלעקן אויף אַ שמועס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אים נעבן ברונעם און פאַרטרויט זיך:

— דער בעדער האָט מיר געזאָגט, אַז ער אַליין האָט שוין געזען מיינע אַקטן, אַז איך וועל שוין קיין מאָל די היים נישט זען! — ער האָט זיך פאַרטראַכט און נאָך אַ רגע ממשיך געווען:

— אַז מ׳דאַרף גאָרנישט אַריינקוקן אין די אַקטן, ס׳איז אַזוי אויך באַקאַנט; אַ לאַגערניק ווערט נישט באַפרייט. ווען אַפילו ער האַלט אויס דעם „סראָק״ *), קריגט ער אַ „דאָבאַווקע״ **). אויב ס׳איז ווי דער בעדער

---

*) פּסק.

**) צולאָג.

זאָגט, וויל איך נישט מיטמאַכן דעם וועג. איך באַדויער, וואָס כ'האָב עס נישט געטון ביי דער דווינע...

אַלעק שטוינט. ער קוקט זיך אייך אין גרינשפּאַנען. יענער וואַרפט שנעל די צונג ביים רעדן. די אויגן זענען ווי אַרויס פון די שעלעכלעך. עפּעס הייבט ער דעם שטערן, ווי ער וואָלט אים וועלן אַפּטיילן פון קאָפּ־שיידל. „מיט גרינשפּאַנען געשעעט עפּעס!" — האָט אַלעק אַ טראַכט געטון. ער האָט מורא פאַר זיין צושטאַנד. ער וויל אים אַרומנעמען, נאָר באַלד כאַפּט ער זיך, אַז אפשר טויג עס נישט פאַר ביידן — גיסן בוימל אויפן פייער... זיין אינסטינקט האָט אים דיקטירט נישט צו פאַרשאַרפן די פאַר־ביטערונג. ס'איז אים פּלוצלינג קלאָר געוואָרן, אַז נאָכגעבן די דערדריי־קנדיקע געדאַנקען קאָן דערפירן צו שרעקלעכע מעשים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגענומען גרינשפּאַנען פאַר אַ האַנט, געוואָלט אָוועק־שלעפּן אים פונעם ברונעם, אָבער גרינשפּאַן האָט זיך נישט געלאָזט.

— מען דאַרף פאַרטרייבן פון זיך דעם שטן, — האָט אַלעק איינגעג־טענהט, — נישט נאָכגעבן זיך קיין שגעון. אַזוי פיל זענען אין אונדזער מצב און קיינער נעמט עס נישט אָן אַזוי האָפּענונגסלאָז. דאָ קומט מען אויס מיט נאַרישקייט בעסער ווי מיט חכמה... הלמאי זיך נישט מאַכן תמעוואַטע, נישט אָכצן, נישט קרעכצן! גלייכגילט קאָן זיין אַ וויטאַמין... דער בעדער האָט נישט געזען קיין אַקטן. ער רעדט וואָס מען האָט אים געזאָגט. אַז אַ מענטש פאַרדריסט אויף זיך אַליין מוז ער טון כלערליי התפעלותן נישט צו פאַרמיאוסן זיך און זיך נישט אונטערגעבן קיין רע־זיגנאַציע... וואָרשע דאַרף זיין ווייט צוליב דער שטרעקע, אָבער נישט אין האַרץ. עס זאָגט זיך „אַז אַן איינרעדעניש איז ערגער פון אַ קרענק" אָבער נישט תמיד. אַ מאָל טוט אַן איינרעדעניש מוטיקן, גורט אָן מיט כוח. דער עיקר איז איצט צו האַלטן זיך אויף דער אויבערפלאַך...

די גאַנצע צייט, וואָס אַלעק האָט גערעדט, האָט גרינשפּאַן זיך גע־שאָקלט, געוויגט ווי אַן אומרו ביי אַ זייגער. זיינע אַרויסגעשטויסענע אויגן, וואָס זענען איצט אין שקיעה־שיין, זענען גרעסער צוליבן וואַסער־גלאַנץ. ער האָט מיטביידע הענט אינטענסיוו זיך געריבן די קין.

— נישטאָ קיין כוח מער צו רעדן, — האָט ער שווערשטעמדיק גע־זאָגט, — די צונג פּלאָנטערט זיך אין מויל...

— וואַגאָן 59 דאַרף זיך אַריבערטראָגן אין אַ צווייט געצעלט! — האָט אָלעק געהערט רופן. ער איז אַוועק פון גרינשפּאַנען זאָגנדיק, אַז ער וועט באַלד צוריקקומען. זאָל ער נישט אַוועקגיין.

ווען אָלעק איז צוריקגעקומען צום ברונעם איז גרינשפּאַן נישט געווען. ער האָט אים געזוכט צווישן דער חברה פון וואַגאָן. ער האָט געפרעגט ביים בעדער און קיינער האָט נישט געוווּסט ווו גרינשפּאַן איז. טייל האָבן געחוזקט:

— גרינשפּאַן! גרינשפּאַן! ער זוכט מסתמא ווו אויסצוטוישן עפּעס אויף וויטאַמין „צ"...

שפּעט אין אָוונט האָט גרינשפּאַן זיך פּלוצלינג באַוויזן. ער האָט אַרויסגערופן אָלעקן פון געצעלט: „ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז זיי ביידע דאַרפן איינער דעם אַנדערן זיך געבן עפּעס אַ זאַך, כדי אויף יעדן פאַל האָבן צו באַווייזן דער משפּחה, אַז זיי זענען געווען צוזאַמען; עס זאָל זיך נישט טרעפן וואָס ס'קען זיך טרעפן". ער האָט אים געגעבן זיין וועסטל: ס'איז זייד און ס'וועט נישט פאַרנעמען קיין גרויס אָרט".

גרינשפּאַן איז אַוועק אָן אַ גוטע נאַכט צו זאָגן. אָלעק איז געווען זיכער, אַז ער וועט באַלד צוריקקומען נעמען פון אים אַ זאַך.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך אין שלאָף געדונגען מיט גרינשפּאַנען — פאַר וואָס ער שרויפט אויף די פּרייזן אויף וויטאַמין „צ" און עפּעס האָט ער געהערט, אַז גרינשפּאַן לאַכט אַריין אין ברונעם, שרייט „וויטאַמין צ" און וויל הערן צי עס הילכט אָפּ אַן עכאָ.

גאָר פרי האָט אָלעק זיך איבערגעוועקט און ס'האָט אים אַ טראָג געטון צו גיין זיך זען מיט גרינשפּאַנען.

אין דרויסן, ביים ברונעם, זענען געשטאַנען די 31 אירע פון וואַגאָן 56, געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

צוויי ענקאַוועדיסטן האַלטן וואַך, זיי לאָזן נישט צו נאָענט צום ברונעם, דער עמער איז אָפּגעבונדן.

— מען וואַרט אויפן דאָקטער. — האָט איינער פון וואַגאָן 56 געזאָגט און ער איז אַוועק, ווי ער וואָלט נישט וועלן מען זאָל זען זיינע אויגן.

— גרינשפּאַן האָט זיך דערטרונקען.

— פאַר וואָס? פאַר וואָס האָט ער דאָס געטון? פאַר וואָס?...

ד. זאַקאַליק

אַ שווערער וואָלקן האָט זיך צעשפּרייט איבערן הימל. אַ ווינט האָט זיך אָנגעטראָגן און אַ שטויב־זאַמד געהויבן ווי אין אַ שטורעם.

די מחנה ביעזשענצעס איז געשטאַנען און געשוויגן. בלויז זייערע אויגן האָבן גערעדט; ס׳האָט אַרויסגערעדט פון זיי אַ מורא ס׳זאָל נישט באַהערשן אַזאַ שגעון ווי גרינשפּאַנען.

גרינשפּאַן איז אַוועקגעכאַפּט געוואָרן און קיינער האָט נישט געזען וווהין זיין געביין ווערט באַשטאַט. אַלעק איז געשטאַנען מיט דער מחנה אין שטילשווייגן. זיך איינגעהערט אינעם וואָיען פון ווינט, געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס וואַסער בלעזלט זיך נאָך פון גרינשפּאַנס אָטעם, וואָס איז פאַרזונקען געוואָרן אין ברונעם.

פערטע טייל

1

דער לאַגערביים שוואַרצן טייכל

ביי אַ שוואַרץ טייכל — אַ לאַגער־פּונקט פון ענקאַוועדע. עס איז קרוב אַ פערציק קילאָמעטער פון דערפל וואזשאיעל, וואָס איז אויך אַ לאַגער און די צענטראַלע פון אַ צענדליק לאַגערן אין דער געגנט פון צפון־פּאָל. דער וועג צום לאַגער ביים שוואַרצן טייכל פירט דורך אַ וואַלד עקרדיקעביימער. די צווייגן זענען פאַרוועבט מיט שפּינוועבס און באַוואָקסן מיט שימל.

די לאַגער־זאָנע איז אַרומגעצוימט מיט אַ געדיכטער נעץ שטעכל־דראָט. אַרום דער זאָנע איז די ערד אויסגעגלייכט און פאַרבראָנעוועט, כדי עס זאָל זיך אָנזען ווען ס׳וועט געשטעלט ווערן אַ טראָט. צוויי טויערן האָט דער לאַגער: אַ ברייט טויער און אַ קליין טירל, וואָס נעבן דעם דיזשורנע־שטיבל. אין אַלע פיר עקן פון דער זאָנע שטייען „ווישקעס״ *), ווו עס האַלטן וואַך באַוואָפנטע ענקאַוועדיסטן. ביי נאַכט איז די זאָנע באַלויכטן מיט רעפלעקטאָרן פון די „ווישקעס״.

דעם לאַגער־פּונקט האָבן אויפגעבויט כינעזער — פאַרמשפּטע אויף אייביקע קאַטאָרגע. עטלעכע צענדלינג זענען זיי געווען, אַראָפּגעבערענגט אַהער, ווען אין דער לופט האָט שוין געהויכט דער צפון־ווינט.

— וואָט! דאָ בויט, אַרבעט און לעבט!... — האָט דער קאָנוואָי גע־זאָגט, זיי איבערגעלאָזט און אַוועק.

די אַפּראָוויזאַציע האָט צוגעשטעלט די צענטראַלע וואזשאיעל. מחמת

---

*) טורעמלעך.

עס איז נאָך נישט געווען קיין אויסגעטראָטענער וועג אין וואַלד, איז דאָס צופירן פון פּראָדוקטן נישט געווען רעגולער. שוין אין סעפּטעמבער־מאָנאַט האָט דאָס טייכל געפרוירן, שנייען זענען אָנגעפאַלן אַ מעטער די הייך. אַ טייל פון די כינעזער איז אומגעקומען פון הונגער און קעלט.

היינט איז דער לאַגער־פּונקט צעבליט. דער וועג אין וואַלד פון וואָזשאיעל אַהער איז אַן אויסגעטראָטענער. אין דער זאָנע שטייען אין אַ שורה קלעצער מיט צוגעקלאַפּטע צו זיי טאָוולען און אויף זיי אויפשריפטן. לאָזונגען: „ווער עס אַרבעט דער עסט", „סטאַכאַנאָווצעס *) שפּאַנען פאָרויס אין אויספירן דעם פּלאַן", „פאַרמעסט זיך אויפן סטאַכאַנאָוון סיסטעם".

***

גוטער אָוונט. די ביעזשענצעס זענען נאָר וואָס אָנגעקומען. דאָס ברייטע טויער האָט זיך פאַר זיי געעפנט. דער נאַטשאַלניק אַליין האָט זיי באַגריסט:

— „זדראַסטוויטע", חברים!

אַלעק שטייט אין דער הינטערשטער ריי. ער קאָן זיך נישט איינקוקן אין נאַטשאַלניק. ער זעט זיין היטל מיטן רויטן לאַמפּאַס. ער הערט זיין שטים — אַ ווייכע שטים.

— ביז איצט זענען אין לאַגער געווען בלויז רוסן מיט לאַנגיאָריקע „סראָקן". ס'איז דאָס ערשטע מאָל ווי איך נעם אויף אַזעלכע געסט. איך פאַרשטיי, אַז מען איז הונגעריק. יעדער וועט קאָנען זיך קויפן אין „לאַראָק" **) פון לאַגער 300 גראַם ברויט. מען וועט קאָנען שרייבן בריוו און מען וועט זיי איבערשיקן.

די מחנה ביעזשענצעס האָט דערהערט וועגן דער דערלויבעניש צו שרייבן בריוו, האָט די מאַסע מיט אימפּעט זיך אַ טראָג געטון אין די באַראַקן אַריין.

***

---

*) שלאָגלער.

**) געוועלבל.

אין שטורעם

דער באַראַק 4 האָט אַ פענצטער, אָבער עס עפנט זיך נישט. ס'איז פאַרקלאַפט. דער ריח פון דיזענפעקציע רייסט אין גומען. טאָפלטע נאַרעס פון נישט געהיבלעוועטע ברעטער. די ווענט זענען פאַרפלעקט פון צע־קוועטשטע וואַנצן. אין דער זאָנע איז פאַראַן אַ „קיפיאַטילקע"*) און יעדער קען נעמען קאָכעדיק וואַסער צו טרינקען. צוקער איז נאָך דאָ פון אוסטווים.

אַלעק ליגט אויף דער נאַרע, אָבער ער פילט נישט די האַרטקייט. ער איז מיד, דערשעפט און ער רוט איצט. דאָס בייגעלע פאַפיר, וואָס ער האָט געקריגן צו שרייבן אַ בריוו, האַלט ער אויף דער ברוסט. ער שלאָפט נישט. ער קלערט וואָס זאָל ער שרייבן; דעם אמת קען ער נישט ברענגען אויפן פאַפיר — דער צענזאָר וועט עס נישט דורכלאָזן. זאָל ער שרייבן, אַז וועגן לאַגער, וועט די קאָנטראָל עס נישט דורכלאָזן. זאָל ער שרייבן, אַז ער וועט אַרבעטן אין וואַלד? ראַכעלאַ וועט האָבן עגמת־נפש, פאַרשטיין, אַז אים איז ביטער. ער באַשליסט — ער וועט שרייבן ווי האַרציק דער נאַטשאַלניק האָט אים אויפגענומען. ער וועט פרעגן, וואָס זי טוט. צי גייט דאָס קינד אין שול? דער עיקר, אַז זי וועט האָבן זיין אַדרעס. דער אַדרעס וועט שוין אַלץ דערציילן...

דער נאַטשאַלניק גיט די ביעזשענצעס אַ טאָג רו. נאָך נישט מאָרגן גיין צו דער אַרבעט. דאָך זענען זיי אויפגעשטאַנען מיטן אויפשטיין פון דער זון. דער הויף איז מיט זיי פול געוואָרן. אַלעק גייט אַריין אין שכנות־דיקן באַראַק. יעדער באַראַק וועט האָבן אַ שמש, אַ „דניעוואַלני"**); נאָכן אַוועקגיין פון דער בריגאַדע צו דער אַרבעט, וועט דער „דניעוואַלני" רוי־מען דעם באַראַק. ס'איז דאָ אַ „סושילקע"***). דער לאַגערניק אַרבעט אין יעדן וועטער. די בגדים ווערן נאַס, גיט ער זיי אַוועק דעם דניעוואַלני אין דער „סושילקע" אויסצוטריקענען. צום אויפשטיין ברענגט דער דניע־וואַלני צוריק די בגדים פון דער סושילקע.

---

*) קאָכעדיק וואַסער.

**) שמש.

***) טרוקן־קאַמער.

דער לאַגער איז אַ „לעס־פּאָוואַל״ *) אַרבעט־לאַגער. די אַרעסטיר־טע אַרבעטן אין וואַלד — שניידן אויסגעסאָכניעטע ביימער. אַרעסטאַנטן פירן אַרויס ס׳געהילץ פון וואַלד. דאָס געהילץ ווערט אַריינגעשליידערט אין טייכל אַריין און ס׳שווימט מיטן וואַסער־שטראָם צו אַ טאַרטאַק־באַזע.

עלף שעה איז דער אַרבעט־טאָג. די לאַגערניקעס זענען איינגעטיילט אין בריגאַדעס לויט דער קאַטעגאָריע: שווערע אַרבעט, לייכטע אַרבעט. צו שווערער אַרבעט געהערט דאָס שניידן די ביימער, אַרויפגרוזעווען די קלעצער אויף לאַסטמאַשינען; צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערט — ס׳איינלייגן קלעצער אין בונטן, אָפּהאַקן די צווייגן פון די אומגעלייגטע ביימער, ברענען די קופּעס צווייגן, וואָס ליגן אין וואַלד און פאַרנעמען אָרט. צו לייכטע אַרבעט געהערט אויך דאָס שטופּן קלעצער אין וואַסער, כדי עס זאָל זיך נישט מאַכן קיין „זאַטאָרעס״ (פאַרשטאָפּונגען).

די קיך פון לאַגער אַרבעט אָן אויפהער דעם גאַנצן מעת־לעת: נאָכן „אוזשין״ **) הייבט מען שוין אָן צוצוגרייטן דאָס עסן אויף מאָרגן.

אין דער זאָנע איז דאָ אַ סאַניטאַר־אָפּטיילונג. דער דאָקטער, אַ „זע־קאַ״, — עפּעס האָט ער אין זיין היים געטון אַ מאָל עמעצן אַ מעדי־צינישע טובה... אים דינט דאָס מזל און ער אַרבעט נישט אין וואַלד. זיין בלאָנדן קאָפּ האָר האָט ער תמיד פּעדאַנטיש פאַרקעמט. פאַראַן נאָך דאָק־טוירים אין דעם לאַגער, אָבער זיי שניידן אין וואַלד די קלעצער.

די סאַניטאַר־אָפּטיילונג איז אָפן אין די אָוונט־שעהן, ווען די ברי־גאַדעס זענען שוין דאָ צוריק פון דער אַרבעט. דער דאָקטער שטעלט פעסט צי דער קראַנקער קאָן מאָרגן גיין צו דער אַרבעט. עס דעצידירט — היץ.

אַ באַזונדערער באַראַק איז די אַדמיניסטראַציע. אויך דאָ אַרבעטן בלויז „זע־קאַ״, פאַרמשפּטע אויף לאַנגע יאָרן. דאָך זענען זיי די „עליטאַ״ פון לאַגער. זיי האָבן אַ בעסערע „פּיטאַניע״ ***) — אומאָפּהענגיק פון

*) וואַלד־האַקעריי.

**) אָוונטברויט.

***) באַשפּייזונג.

נאָרמע. אין דער אַדמיניסטראַציע אַרבעטן „נאָרמיראָוושטשיקי *)", „פּלאַ־נאָוויקעס", „סוואָדקע"־אָפּנעמער.

אָונט — די בריגאַדעס זענען צוריק אין דער זאָנע, קומען אין ביוראָ די בריגאַדירן, „דיעסאַטניקעס" און שרייבן אויס דעם באַריכט פון טאָג אַרבעט. זיי גיבן דאָס איבער דעם נאָרמיראָוושטשיק און ער באַשטעטיקט די קאַטעגאָריע קעסל.

די „סטאַכאַנאָוצעס" האָבן שוין זייער מאַרקע. „אַ שם־טוב איז בע־סער ווי שמן טוב"...

***

נאָך אין דעם ערשטן פרייען טאָג איז די מחנה ביעזשענצעס איינ־געטיילט געוואָרן אין בריגאַדעס, צוגעגרייט צו דער אַרבעט מאָרגן. צו יעדער בריגאַדע איז באַשטימט אַ בריגאַדיר, אַ „דיעסאַטניק", וואָס וועט אָנפירן מיט דער אַרבעט, ער וועט אויסמעסטן דעם שטח, וואָס איז דורך דער בריגאַדע באַאַרבעט געוואָרן, פעסטשטעלן די פּראָצענטער פון דער נאָרמע, וואָס יעדער האָט געמאַכט. פאַר די ביעזשענצעס וועט נאָך דער־ווייל נישט פאַרפליכטן קיין נאָרמע. זיי וועלן קריגן דעם 2טן קעסל.

עטלעכע קאַטעגאָריעס קעסלען זענען דאָ פאַר די לאַגערניקעס:

ערשטער קעסל — פאַר די וואָס מאַכן בלויז אַ העלפט נאָרמע. די פּאַיקע ברויט, אַ האַלבן קילאָ, צוויי טאַלאָנען. איינעם אויף פרישטיק — אַ זופּ פון קרויט־בלעטער; אויף „אוזשין" — די זעלבע זופּ.

צווייטער קעסל — די וואָס מאַכן דרייפערטל נאָרמע — די פּאַיקע ברויט: 700 גראַם; צוויי טאַלאָנען — אין דער זופּ ליגט שוין יאָ אַ קאַר־טאָפל, און אין אַ באַזונדער שיסעלע — אַ לעפל פּאָסנע קאַשע.

דריטער קעסל — דעם סטאַכאַנאָויעץ. די פּאַיקע ברויט: 900 גראַם; אויף פרישטיק אַ געדיכטע זופּ, אַ היפּשע פאַר לעפל קאַשע, אַ קאָטלעט פון פלייש מיט אַ צולאָג; אַ בולקעלע אויף „אוזשין".

אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע קעסל איז דער שטראָף־קעסל: דער וואָס

---

*) נאָרמע־שטעלעס.

האָט נישט געמאַכט אַפילו אַ העלפט נאָרמע. די פּאַיקע ברויט: 300 גראַם און נאָר איין טאַלאָן: אויף פּרישטיק — אַ ביסל „פּאַלעווקע“ *).

פאַר נאַטשאַלסטווע און סאַניטאַר־אָפּטיילונג אַ באַזונדערער קעסל — עסן צו דער זעט.

דאָס צוטיילן די בריגאַדעס צו דער אַרבעט שטעלט איין דער „נאַ־ריאַדטשיק“ וואָלאָדיאַ, אַ בלאָנדער, מיטלוועקסיקער, האָט אַ פּול מויל זוייסע ציין און זיין פּנים איז רונד, ווי געפּלעגט און מאַסאַזשירט. ער איז פאַרמשפּט צו זיין אין לאַגער זיין גאַנץ לעבן. פאַר אַ פיינער מתנת־יד פירט ער איבער אַ לאַגערניק פון שווערער אַרבעט צו לייכטער.

נאָך דעם נאַריאַדטשיק איז דער קאָמענדאַנט איבער די באַראַקן. אויך ער איז אַ פאַרמשפּטער אויף לעבנסלעגלעכער קאַטאָרגע — פאַר מאָרד. זיינע קנאַכיקע באַקן און גרינע אויגן רעדן האַרט, שטרענג.

אין דער זאָנע אַ „לאַראָק“, איז עס פאַרמאַכט. נישטאָ קיין סחורה. אָפן בלויז צום אַרויסגעבן דאָס ברויט און די טאַלאָנען פאַר די בריגאַדעס.

נאָר איין באַראַק פאַרנעמען די לאַגערניקעס רוסן. דאָרט — די בריגאַדע סטאַכאַנאָווצעס, די בריגאַדירן, דיעסאַטניקעס. דער דניעוואַלני אַ הינקעדיקער. ביי אים קריגט מען צו קויפן אַ טאַלאָן פון אַ סטאַכאַנאָ־וויעץ. די וואָס ווילן קויפן אַזאַ טאַלאָן וואַרטן אָפּביים בריקל נעבן דער „סושילקע“. ער זעט דאָס און ער פאַרשאַפט שוין די סחורה.

זיצט אַלעק אויפן בריקל. צופוסנס — אַ קלאָץ פאַרן אַריינגאַנג אין דער סושילקע. דער דניעוואַלני, דער הינקעדיקער, גייט איין מאָל פאַר־ביי און באַקוקט דעם קלאָץ, מעסט אים מיטן בליק און ער רעדט צו זיך: „מוזן גוט זיך אָנשטרענגען צוצוציען דעם קלאָץ צום באַראַק“. ער באַ־קוקט אים נאָך אַ מאָל און גייט אַוועק. אַלעק וואַרט אויף אַ טאַלאָן. דער דניעוואַלני הינקט ווידער פאַרביי דעם קלאָץ און רעדט ווידער צו זיך: „שלעפּן, אָדער טראָגן? די הורנזין האָבן היינט נישט געברענגט קיין האָלץ און הייצן דעם אויוון דאַרף מען. צו שווער אַזאַ משא צו נעמען אויפן אַקסל“.

---

*) צוגיסעכץ.

אַ טאַלאַן וועט ער האָבן צו אָוונט צו.

אָוונט. אַלעק זיצט ווידער אויפן בריקל פון דער סושילקע. דער קלאָץ ליגט. דער דניעוואַלני, דער הינקעדיקער, גייט מיט נאָך איינעם. זיי האַלטן זיך אין אַ דיסטאַנץ. עפּעס אַ קאַליקע־פיגור דער צווייטער. ער בייגט זיך אָן, רירט אָן דעם קלאָץ און טרעט אָפּ אויף אַ פּאָר שפּאַן. דער דניעוואַלני טוט אַ שטויס דעם קלאָץ. ער האָט אים גערירט פון אָרט. דאָס קאַרליק־געשטאַלט בייגט זיך אָן, כאַפּט אָן דעם עק קלאָץ, וואָס איז געווען דער שפּיץ פון בוים, לייגט זיך אים אויפן אַקסל. דעם צווייטן עק כאַפּט אָן דער הינקעדיקער דניעוואַלני, בלאָזנדיק דורך דער נאָז רופט ער צום קאַרליק־געשטאַלט צו גיין:

— ביסטרעי!

אין דער לופט האָט אָן עכאָ פון אַ קרעכץ אָפּגעשלאָגן ווי אַ געוואַלד־ריס אין אַ לייוונט.

2

שאַרגאָראָוו

איז געקומען דער דריטער טאָג פון אַרבעט. לויטן רעגולאַמין פון לאַגער דאַרף די אַרבעט זיך אָנהייבן מיטן אויפגיין פון מאָרגנשטערן. דאָך קומט דאָס וועקן צו אויפשטיין פאַר נאָך אין מיטן נאַכט. עטלעכע קלעפּ אין אַ שטיק הענגענדיקער שינע גיט דעם סיגנאַל צום „פּאַדיאָם" *). אין משך פון אַ האַלבער שעה דאַרף דער לאַגערניק שוין זיין צוריק פון דער „סטאָלאָווע" **), וווּ ער האָט אויסגעטרונקען די זופּ, און זיך שטעלן צו דער בריגאַדע צו, וואָס פאַרמירט זיך אויפן הויף, גרייט צום „ראַז־וואָד" ***), צו דער אַרבעט. אין דער צייט באַצט אַריין אין באַראַק דער

*) אויפשטיין.

**) עסהאַלע.

***) צעטיילונג.

קאָמענדאַנט. ער לויפט אַרום די נאַרעס. ווער ס'איז נאָך נישט אַראָפּ, שלעפּט ער ביי די פיס, ער זאָל שוין אַראָפּ און זיך שטעלן צום „ראַז־וואָד". ער שטופּט, שטויסט, וואַרפט.

אויפן הויף שטייען שוין אַלע בריגאַדעס — אַ שוואַרצע וואַנט — די געשטאַלטן. נאָך און נאָך לויפן אָן און שטעלן זיך צו צו זייערע בריגאַדעס. שאַרגאַראָוו, דער נאַטשאַלניק, שטייט אויפן גאַניקל נעבן דער קיך. זיין קול רעדט האַרבע ווערטער:

— די ביעזשענצעס מוזן שוין אַרבעטן צו גלייך מיט אַלע אין לאַגער און ווי עס לויטעט דער רעגולאַמין. נאַרמע. פּאַר פּוילע: דער איזאָלאַטאָר!

הינטער שאַרגאַראָוון שטייט אַ מאַדיאַר מיט אַ פידל און אַ בלאָנדער אוקראַינער מיט אַ קלאַרנעט. אַלעק קען זיי שוין פון נעכטן און אייער־נעכטן. דער מאַדיאַר איז אַ הויכער. זיין שוואַרצע טשופּרינע צעפּאַלט זיך פון אַ שרינט איןביידע זייטן, ווי צוויי קלאַפּעס, ביז די אויערן. זיינע געדיכטע וואָנסעס זענען פאַרדרייט ווי צעפלעך אַרויף, אויף די ברויניהויטיקע באַקן. זיינע בלישטשענדיקע שוואַרצאַפּלען פינקלען שעלמיש.

דער אוקראַינער האָט אַ קאָזאַצקע טשופּרינע און אַ פּאָר גראָבע ליפּן. פון געוווינהייט בלאָזט ער אָפּט אָן די באַקן, אַפילו ווען ער האַלט נישט דעם קלאַרנעט פאַרן מויל.

ווען שאַרגאַראָוו ענדיקט זיין ריידן, גיט ער אַ צייכן: דער מאַדיאַר מיטן פידל און דער אוקראַינער מיטן קלאַרנעט הייבן גלייך אָן צו שפּילן אַ מאַרש, אַז עס זאָל אויפהייטערן די געמיטער פון די קאַטאָרזשניקעס.

אַלעק ווייס שוין וואָס דער מאַדיאַר און דער אוקראַינער וועלן קריגן נאָכן שפּילן. ער האָט עס געזען נעכטן, אייערנעכטן: ווי נאָר עס האָט זיך אָנגערוקט די לעצטע בריגאַדע צום אַרויסגיין פון דער זאָנע, האָט שאַרגאַראָוו אַרויסגעריסן פון מאַדיאַר דעם פידל, פון אוקראַינער דעם קלאַרנעט. דעם און דעם געגעבן אַ קאָפּע אין הינטן, זיי זאָלן זיך שטעלן צו דער בריגאַדע און גיין אַרבעטן אין וואַלד.

און איצט — שוין אַרויס פון דער זאָנע די סטאַכאַנאָווצעס, שוין אַרויס די בריגאַדע „גרוזשטשיקי", „זבראַזשטשיקי", „אוקאַטשיקי". עס דער־נענטערט זיך צום אַרויסגיין די „נאַוואַלשטשיקי" שוין די לעצטע. דער מאַדיאַר שפּילט טענער פון „טשאַרדאַש". ווי די בריגאַדע דערנענטערט זיך

צום טויער, האָט ער מיט אַמאָל שנעל אַ וואָרף געטון דאָס פידל און דעם סמיטשיק. דער אוקראַיִנער האָט אים נאָכגעטון. זיי האָבן זיך אויסגעדרייט צו שאַרגאַראָוון מיט די הינטנס — ער זאָל אַ קאָפּע טון... שאַרגאַראָוו האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט געטון זיינס גאַנץ פלינק. דער מאַדיאַר און דער אוקראַיִנער זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון גאַניקל און זיי האָבן געלאַכט. זיי האָבן זיך צוגעשטעלט צו דער בריגאַדע און געלאַכט: היינט טוט זיי נישט ווײ שאַרגאַראָווס קאָפּען. זיי האָבן זיך אויסגעבעט די הינטנס...

***

אויף דער צווייטער זייט טויער, נאָכן אַרויסגיין פון דער זאָנע, מוז די בריגאַדע ווידער אַמאָל זיך פאָרמירן, אויסשטעלן זיך, אָבער נאָר אין צוויי רייען. עס שטייט דער „סטרעלאָק" *). ער נעמט איבער ס'היטן די קאַטאָרזש־ניקעס. ער ציילט וויפל קעפּ ער נעמט אויף צו היטן און צוריקצוברענגען. ער וואָרנט, אַז פאַר פּרווון אַנטלויפן וועט ער באַנוצן זיין ביקס.

ס'שאַרען אויף טאָג ווישט דעם הימל אין אַ מאַטקייט, ווי פאַרמעט. דער מאַדיאַר און דער אוקראַיִנער בלייבן אַרבעטן אין דער „אינסטרומענ־טאַלקע" **). די בריגאַדע שפּאַנט שמאָלטראַטיק ווי אָנגעלאָדענע מיט אַ שווערער משא. דער סטרעלאָק וואָרנט, נישט צו ריידן. קומענדיק אויפן בריקל, שטעלט זייער טראָט זיך איין אין אַ טעמפּאָ און טאַקט. דער ברי־גאַדיר גייט פאָרויס. ער ווייסט צו וואָס פאַר אַן אַרבעט ער פירט. די ברי־גאַדע טראָגט נישט מיט זיך קיין כלים צו אַרבעט. ביי אַ קלעצער־שאָפּע וועלן זיי אַרבעטן. די שאָפּע דאַרף באַשמירט ווערן מיט ליים. מען דאַרף פאַרשטאָפּן די שפּאַרעס וואָס צווישן די קלעצער. דער בריגאַדיר צעטיילט די בריגאַדע אין צוויי טיילן. איין טייל אויף צו מישן ליים; די צווייטע — צו וואַרפן אויף די קלעצער ס'ליים און פאַרדעקן די שפּאַלטן. ס'ליים ווערט געוואָרפן ווי טייגלעך, פּעצענעס; די פּעצענעס ווערן צעשמירט מיט די הענט. מען דאַרף נישט מקפּיד זיין אויף דער גלייכקייט פון שיכט ליים.

---

*) שיסער

**) מכשירים־קאַמער

פון מינוט צו מינוט ווערן די הענט שווערער און דער אָטעם קורצער.

— אַ קאַטאָרזשניק מוז זיך מאַטערן. אַנדערש וואָס פאַר אַ טעם וועט האָבן די קאַטאָרגע?... — זאָגט איינער.

— מיר מוזן זיין גוט און פרום. דאָ קען מען נישט שטעלן „וואַ־באַנק“, אַזוי צו זאָגן, דאָ איז אין קאָן די פּאַיקע ברויט. מען טאָר נישט פאַרלאָזן זיך אויף מזל. דער כוח איז אָפּהענגיק פון דער פּאַיקע. לכן, חברימלעך, גערודערט, טעמפּאָ! אָטעמט טיף, בלאָזט אָפּ הויך, „דאַוואַי גלינו“! *) — רופט זילבערמאַן, אַ הויכער און דאַרער יונג, וואָס טענהט אַגב, אַז ער האָט אַ קורצן אָטעם און אַז ער וויל פּייפט ער דורך אַן אויער.

זילבערמאַן איז געווען אַ דרוקער. זיינע הענט זענען גוט איינגעאיבט אין מאַנעווורירן. מיט דער רעכטער האַנט וואַרפט ער די פּעצענע אויף די בעלקעס און מיט דער לינקער צעשמירט ער זי. ער איז פלייסיק:

— זאָל זיך דאַכטן, — זאָגט ער, — אַז מען איז איצט אויף אַ שיפל אין מיטן ים. אַלע מוזן רודערן, אַז נישט וועט דער שטורעם פאַרטראָגן.

ווען דער ביים קאַסטן צו מישן ס׳ליים דערלאַנגט אים נישט דעם עמער אַזוי געשיקט, ווי ער וויל, גייט ער צו און קיצלט אים אונטערן אָרעם:

— נו! דאַוואַי! דאַוואַי! מיש און דערלאַנג! סטאַכאַנאָווצעס זאָלן מיר זיין! דעם 3טן קעסל זאָלן מיר קריגן. דאָס בולקעלע מיטן שטיקל בשר פאַרזוכן, יאָטן! אַז כ׳דערמאָן זיך אין דעם, צופּט מיך אונטערן פּופּיק.

פלוצלינג ווערט ער צעטומלט, בלייבט שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און ער פּלאַפּלט וועגן קליסקעלעך מיט פיש־יויך, פּאַפּעלעך מיט ריישעכץ. דאָס שפּייעכץ שטעלט זיך אים אין די מויל־ווינקלען, ווי אַ ווייסער שליים.

מיט אַמאָל איז שאַרגאַראָוו אָנגעקומען רייטנדיק אויף אַ געפּוצט פערד מיט אַ ווייסן פלעק האָר אויפן קאָפּ. שאַרגאַראָוו באַגנוגנט זיך נישט מיט די באַריכטן וועגן דער אַרבעט. ער וויל אַליין זען וואָס עס טוט זיך אויף די אַרבעטס־שטעלעס. עס באַגלייט אים דער געהילף זיינער, סמירנאָוו,

---

*) ליים.

זיין צווייטע האַנט. ער איז אין איין הויך מיט אים, די אייגענע מיליטער־
ראַנג. דיקער פון שאַרגאַראָוון, האָט אַ פעטן רויטן קאַרק. ער איז דער
ממונה איבער די „שטאַרקע", דער בריגאַדע „גרוזשטשיקי", די געזונטסטע
יונגעז. אַז ער גיט אַ הוקע אויף זיי, זיי זאָלן נעמען דעם קלאָץ, איז ווי
אומבאַגרייפלעך שווער עס זאָל נישט זיין דער קלאָץ, נעמען זיי אים און
צווישן אַן איינס־צוויי ליגט דער קלאָץ אויף דער מאַשין. ער פירט איצט
ווייזן שאַרגאַראָוון זיין בריגאַדע. דערווייל האָט שאַרגאַראָוו זיך פאַרהאַלטן
צוצוקוקן זיך ווי די 11טע בריגאַדע אַרבעט.

שאַרגאַראָוו איז נישט אַראָפּ פון פערד. ער האָט עפּעס געזאָגט סמיר־
נאָוון און געקוקט אויף די מישער פון ליים. דאָס מאָל האָט מעכעלע גע־
אַרבעט ביים קאַסטן. מעכעלע האָט געוואָלט אָנגיין פאַר אַ תם און אַרויס־
רופן רחמנות, האָט ער זיך אָפּגעריסן דעם דאַשעק פון היטל. ער האָט
אויסגעזען קאָמיש און עס האָט זיך געדאַכט, אַז שאַרגאַראָוו לאַכט פון מע־
כעלעס אויסזען. זיינע פולכנע באַקן האָבן זיך אָנגעבלאָזן. אָלעק האָט גע־
מיינט, אַז שאַרגאַראָוו וועט אַ געשריי טון און געזאָגט צו מעכעלען, אַז ער
ציט שאַרגאַראָווס אויפמערקזאַמקייט. זענען מעכעלען שטייף געוואָרן די
הענט און האָט דאָס מאָל אָנגענומען ליים אויף דער לאָפּעטע, ווייניקער
ווי ער האָט געקאָנט. ער האָט הויך אָפּגעזיפצט...

— אַזוי ווי ביי פרעה אין מצרים: „בחומר ובלבנים!" — האָט שאַר־
גאַראָוו מיט אַמאָל געזאָגט.

אַלע דריי, וואָס האָבן איצט געאַרבעט ביים קאַסטן, האָבן אויפגעהויבן
די קעפּ, ווי זיי וואָלטן וועלן אויסרופן — „יאָ!". זיי האָבן אָבער קיין פּיפּס
נישט געטון. לייכטע ווייטיקלעכע גרימאַסן האָבן זיך געשלענגלט אויף
זייערע ליפּן.

זילבערמאַן אין דער שאָפע האָט געזען, אַז מען דערלאַנגט אים נישט
קיין עמער מיט ליים, איז ער אַרויסגעקומען. נאָך אים זענען אַרויסגעקומען
די אַנדערע שמירער. זיי זענען אַלע שטיין געבליבן שטוינענדיק, וואָס
שאַרגאַראָוו איז דאָ. עס איז אָנגעלאָפן דער בריגאַדיר, דער סטרעלאַק, אַ
יאָג געטון צו דער אַרבעט.

ס'פערד האָט אַ הירזשע געטון. עס האָט געמאַכט אַ טראָט אויף היב־
טערווילעכטס. שאַרגאַראָוו האָט מיט די שטיוול אַ דריק געטון דעם פערדס

ביך. ס׳האָט געמאַכט אַ טראַט פּאָרויס. שאַרגאַראָוו האָט עס נישט איינ־געהאַלטן. אָבער זייענדיק מיטן פּנים צו מעכעלעו, האָט ער גערופן:

— איר, יאַטן! זאָלט זיך נישט צוכאַפּן צו קלייבן באַרוווקעס אין וואַלד!...

די בריגאַדע, 16 אירע, איז איצט, נישט קוקנדיק אויפן רוף פון סטרע־לאַק און בריגאַדיר, געשטאַנען און נאָכגעקוקט דעם אַפּרייטנדיקן שאַרגאַ־ראָוון מיט סמירנאָוון, זיין פּאַרטנער. זיי האָבן געפּאַכעט צו אים מיט די הענט, ווי זיי וואָלטן אים ווינטשן אַנצוקומען בשלום ווו ער דאַרף.

דער בריגאַדיר האָט געמאַכט אַן איבעררייס, „פּריקורקאַ״, אַ פּאַפּי־ראָס צו פאַררויכערן. זענען די 16 אירע אַריין אין וואַלד, אַנגעקליבן פולע היטלען מיט באַרוווקעס, געגעסן פון די פויסטן און זיך געאיילט וואָס מער אַריינצוכאַפּן. ווען נישט שאַרגאַראָוו, וואָס האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס׳זענען פאַראַן באַרוווקעס אין וואַלד, וואָלטן זיי עס נישט געוווּסט, און וואָלטן געווען גוט הונגעריק.

3

אַגראַנאָם קאַלגושין

די עלפטע בריגאַדע אַרבעט ביים אַגראַנאָם קאַלגושין. די אַרבעט איז נישט אין וואַלד. דער אַגראַנאָם האָט נישט צו טון מיט אויסהאַקן ביימער, נאָר מיט פלאַנצן. און ביי פלאַנצונגען איז מען נישט אויסגעשטעלט אויף סכנות. שטעלט זיך טאַקע אָלעק צו דער בריגאַדע מיט ווייניקער שרעק. ער האָט שוין געזען דעם אַגראַנאָם און אויסגעפונען ביי אים אַ סך גע־מיטלעכקייט.

קאַלגושין איז אַ הויכער, שלאַנקער, אויסגעטריקנט, ווי אַ שפּאָן. זיין אויסגעצויגן פּנים, די קאַנטיקע קין און די צוגעשפּיצטע וואָנסעס, גיבן אים צו אַן איידעלע ווייכקייט. כאָטש ער איז אַ כבוד־פּה, דאָך איז זיין שטים אַ דין קלינגעוודיקע. הגם ער טוט בעתן ריידן אָנשטייפן דעם גאָרגל, ווי אַ האָן ביים קרייען, וויל ער דאָך גוט זיך אויסריידן.

אין שטורעם

אַגראָנאָם קלאַגושין האָט אַליין גענומען צו זיין דאָ. ער ווינט אויסער דער זאָנע, ווי אַלע „וואָלנע נאַיאָמנע“ *). ער איז נאָר איינער אין זיין באַרוף. ער האָט שוין באַוויזן גרויסע אויפטוען. ער האָט דאָ שוין דערגרייכט צו באַגרינען אַ גרויסן שטח ערד אין דער וויסטעניש. ער האָט אַ גאָרטן און עטלעכע שאָפּעס ספּעקטן־פלאַנצונגען. ער און זיין ווירטשאַפט — דאָס איז אַ באַזונדערע טייל פון לאַגער און פאַרן לאַגער. ער האָט שוין פון דער ערד, וואָס איז געווען בלויז וואַלד, אַרויסגעקריגן קרויט, בוראַקעס. עס איז דאָס ערשטע מאָל דאָס יאָר פון קאַרטאָפל־גערעטעניש. צו זיין רעסאָרט איז צוגעטיילט די שטאַל מיט אַ צענדליק בהמות. ס'הייסט, אַז די בהמות זענען קראַנק אויף טובערקולאָז. ס'איז אָבער בלויז אַן אָנשטעל מען זאָל נישט וואַגן צו מעלקן אַ קו און טרינקען די מילך. מיט דער בריגאַדע פירט אָן קאַלגושין אַליין. ער האָט שוין אין אָוונט אויפגעגעבן אין ביוראָ דעם נאַריאַדטשיק צו וואָס ער דאַרף אַלץ האָבן אַרבעטער. מיט דער אַרבעט אין דרויסן פירט אָן אַ בריגאַדיר **).

אָלעק האָט געהאַט אויסצוקלייבן: האַקן האָלץ, אָדער אויסגראָבן קאַרטאָפל. ער האָט קיין מאָל נישט געהאַלטן קיין האַק אין זיין האַנט און האָט אויך קיין מאָל נישט אויסגעגראָבן קיין קאַרטאָפל. ער האָט דאָך אויסגעקליבן די צווייטע אַרבעט: אַז מען האַקט האָלץ פאַלן אַוועק שפּענער, אָבער אַ שפּאָן קאָן מען נישט איינבייסן. דאַקעגן קאַרטאָפל קען מען אָפּבראָטן און דערכאַפּן זיך ס'האַרץ. מען קאָן אויך מיטנעמען אַ פּאָר קאַרטאָפל אין דער זאָנע אַריין — ס'וועלן זיך געפינען בעלנים אויסצוטוישן מאַכאָרקע אויף קאַרטאָפל. נישט איין מאָל זוכן זיי אין מיסט פון דער קיך עפּעס צו קייען. אָפּט איז אַפילו שאָלעכץ פון קאַרטאָפל אַ געשמאַקער ביסן...

ס'קאַרטאָפל־פעלד איז ברייט און ציט זיך אַוועק ווייט. די קוסטעס זענען הויך און גראָב, גוט איינגעוואָרצלט אין דער ערד. דער בריגאַדע איז נישט געגעבן געוואָרן קיין „מאָטיקעס“ צום גראָבן. דער אַגראָנאָם האָט אויסגערעכנט: „די לאַגערניקעס אַרבעטן אָן חשק. מיט מאָטיקעס, אָדער

*) פריי אָנגעדונגענע

**) אַרבעט־היטער

אַן אַנדער שאַרפע כלי, וועלן זיי צעהאַקן די קאַרטאָפל. אַז זיי וועלן גראָבן מיט די הענט, וועט זיין זיכערער: די קאַרטאָפל וועלן בלייבן גאַנץ.

***

ס'בערגל קאַרטאָפל, וואָס אַלעק האָט צונויפגעזאַמלט, איז נישט פון די גרויסע. הגם ער האָט געאַרבעט מיט פאַרביסענע ליפן און די מוסקולן זע־נען אים אויפגעלאָפן, די אָדערן האָבן זיך געשטייפט, ווי די דראָטן. ער האָט געוואָלט מאַכן די נאָרמע, נישט מאַכן זיך אַ שם פון אַ פוילאַק. ער האָט געוואָלט אָפּהיטן די אַרבעט־תקנות פון לאַגער. ער האָט אויך צוגע־האָלפן זיין פאַרטנער אין דער אַרבעט.

אין דער ריי מיט אים האָט געאַרבעט יידל פיק. דורך דער קורצער צייט פון זיין אין לאַגער זענען יידלען שוין אַרויסגעפאַלן עטלעכע פאָדער־שטע ציין. ער ווערט שוואַכער פון טאָג צו טאָג. דער „סקאַרבוט" האָט אים אַ שלאָג געטון. די הענט לייגן זיך אים נישט צו קיין אַרבעט. ער פאַרלירט די שליטה איבער זיי. די קופּקע קאַרטאָפל, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבן, איז אַ סך קלענער פון אַלעקס. ער קניט, בייגט אַן דעם קאָפּ צו דער ערד, ווי ער וואָלט וועלן אַקערן מיט דער נאָז אַפילו, אַבי צו דערגרייכן צו דער צאָל ווי אַלעק.

און אַלעק האָט שוין איינִיקע מאָל געמאָסטן דעם אונטערשייד פון איין קופּקע צו דער צווייטער. צוליב דעם, וואָס זיין קופּקע איז גרעסער, קאָן יידל פיק קריגן דעם „שטראָף־קעסל". טראַכט אַלעק ווי אויסצוגלייכן די קופּקעס. ער טאָר דאָס נישט טון, דער בריגאַדיר וועט נישט באַשטיין. האָט ער גענומען אַן עמער קאַרטאָפל פון זיינע און זיי אַריבערגעטראָגן אויף יידלס בערגל. נאָך אַמאָל דאָס זעלבע, ביז עס האָט זיך אָנגעזעןן.

יידלען איז פון געררטקייט אַזש הייס געוואָרן. אַ שווייס האָט באַדעקט זיין שטערן. אַ שמייכל האָט אויפגעהויבן זיינע דינע ליפּן. ער איז באַ־רוישט געוואָרן פון אַלעקס טאַט.

וועלנדיק עס מאַכן פאַר קליינגעלט, האָט אַלעק זיך פאַרענטפערט פאַר זיך אַליין און גלייכצייטיק פאַר יידלען: ווען ער, יידל, וואָלט געווען שטאַר־קער פון אים און אַלעקס בערגל קאַרטאָפל וואָלט דאָך געווען גרעסער, וואָלט ער עס געלאָזט ווי עס איז. אָבער ער וויל זיך נישט ווייזן איצט פאַר

אַ בריה — טאָמער וועט ער מאָרגן נישט מאַכן אַזוי פיל ווי היינט, זאָל מען אים נישט חושד זיין אין סאַבאָטאַזש...

יידל פיק האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: מען האָט אים געמאַכט אַ שם, אַז ער וויל נישט אַרבעטן. ער וואָלט וועלן אויסשרייען: „ס׳איז נישט אמת!“ איז ער דאָך נעבעך אַזוי דערשלאָגן, אַז אַפילו צו דעם האָט ער נישט קיין כוח. די פינגער זענען אים געשוואָלן פון קאָפּען די ערד. וואָס פלעגן זיי דען האַלטן, זיינע הענט? — אַ בלייער, אַ פעדער. אַפילו ס׳מעסער צו דער שבת־סעודה פלעגט ער נעמען בלויז אָפּצושניידן די ערשטע המוציא. די איבעריקע האָט געשניטן דבורה, זיין ווייב. זי האָט אים געשאַנעוועט... ער וואָלט שטאַרק געוואָלט כאָטש איין מאָל זיך אָנעסן צו דער זעט. האָט ער אָבער נישט פאַר וואָס צוצוקויפן זיך אַ טאַלאָן פון סטאַכאַנאָווסקי־קעסל. די עטלעכע העמדער האָט ער, נאָך זייענדיק אין אוסטווים, פאַרטאַכלעוועט אויף אַ קויל פוטער. ער האָט אַפילו נישט קיין הנאה געהאַט פון דער פו־טער. זיך נישט פאַרגונען צו עסן און זי איז קאַליע געוואָרן. דאָ נישט לאַנג האָט ער אויסגעטוישט די סקאָרפּעטקעס אויף צוקער — אויך דאָס שוין נישטאָ, און ס׳נאָגט אים אָפּט ביים האַרצן. ער האָט נאָך אַ האַנט־קייטעלע, וואָס דבורה, זיין ווייב, האָט אים מיטגעגעבן אויף אַ שוואַרצער שעה... האַלט ער עס. יעדע נאַכט איז ער אין וואָרשע — שעהן, שעהן, שעהן... וויפל שעה שלאָפט ער דען בכלל? איז איידער ער באַוויזט זיך אָנצוואַ־רעמען קומט דער קאָמענדאַנט און שלעפּט ביי די פיס אויפצושטיין. אַפילו ס׳חלומען פאַרגינט מען נישט.

קאַלגושין, דער אַגראָנאָם, איז אויפן פעלד. קוקט זיך צו ווי די ברי־גאַדע אַרבעט. ער האָט שוין גערעדט מיטן בריגאַדיר. ער גייט אַליין, אָן באַגלייטונג, צו יעדער גרופּע. אָט שטעלט ער זיך נעבן אַלעקן און יידלען. ער מעסט מיטן בליק די קופּקעס קאַרטאָפל. ער פאַרמרוזשעט די אויגן, צעשפּרייט די נאָזלעכער. עפּעס געפעלט אים נישט. ער האָט גענומען דעם עמער, געשטעלט מיט דער דנאָ אַרויף און זיך אַנידערגעזעצט; אָנגעשטופּט די ליולקע מיט טאַבאַק און פאַררויכערט.

אַלעק און פיק האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן געמיינט, אַז דער אַגראָנאָם וועט זיי אויפוויזן, אַז זיי האָבן גאָר קיין נאָרמע נישט געמאַכט.

ס׳שטיקל ברויט איז אין סכנה. יידל האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן און הויך אָפּגעאָטעמט.

— זענט איר ביידע פון איין שטאָט? — האָט קאַלגושין אַ פרעג געטון.

— ביידע פון פוילן.

— דאָס ווייס איך.

— מיר זענען נישט געקומען פון אונדזער ווילן.

— אויך דאָס ווייס איך.

— קיינער איז דאָ נישט פון זיין ווילן.

— איך בין דאָ פון מיין ווילן, — זאָגט קאַלגושין און אַ קנויל רויך פון אַ לאַנגן צי פון דער ליולקע.

— וואָס האָט דער אַגראָנאָם געוואָלט דאָ געפינען, אויב ס׳איז דער־לויבט צו פרעגן? — פרווט אַלעק ציִען דעם שמועס.

— האָסט דאָך שוין געפרעגט.

— אַנטשולדיקט.

— האָסט זיך נישט פאַרזינדיקט.

— מען גיט נישט קיין כלי צום קאָפּען די קאַרטאָפּל. די שפּיצן פון די פינגער זענען שוין געשוואָלן, — זאָגט אַלעק מיט כוונה אָפּצורייסן זיך פון דער טעמע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן.

— איר זענט נישט קיין פעלד־אַרבעטער.

— ניין! קיין מאָל נישט געווען.

— איך ווייס עס. איך ווייס עס. איך האָב נישט געהייסן געבן קיין כלים. ווען דו האָסט אַ לאָפּעטקע, וואָלסטו צעהאַקט די קאַרטאָפּל. דו אַר־בעטעסט נישט מיט ליבשאַפט צו אַגריקולטור. דו אַרבעטעסט אויס צוואַנג און וואָלסט נישט געקאָפּעט, נאָר צעהאַקט.

— מיט די בלויזע הענט קאָן מען נישט מאַכן די נאָרמע.

— וואָס זיכער, איז זיכער: וואָס דו האָסט אַזוי אַרויסגעקאָפּעט, איז גאַנץ. דאָס דאַרפן מיר, — האָט ער צו די לעצטע ווערטער צוגעזשעסטיקו־לירט מיט די הענט, ווי אונטערשטרייכנדיק אויף דעם „מיר״. ער האָט געוויזן אַלעקן און פּיקן, אַז זיי זאָלן זיך זעצן באַקוועמער, נישט אָנגעלענט אויף די קניִען.

— „פריקורקאַ!" — האָט אָלעק געזאָגט, כדי צו לעגאַליזירן דאָס זיצן און נישט אַרבעטן.

קאַלגושין האָט לייכט אָפּגעשמייכלט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — צופרידן. ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט פאַר וואָסביידע בערגלעך זענען גלייך. ס'געפעלט אים וואָס ביידע האָבן געמאַכט איינס, אָבער צווישן די לאַגערניקעס איז נישטאָ אַזאַ עטיק. אַ לאַגערניק טראַכט נאָר פאַר זיך. ער האָט געוויזן ווי אַזוי אַרויסצונעמען דעם קוסט קאַרטאָפל פון דער ערד, ס'זאָל גאָרנישט ווײ טון די פינגער — אָננעמען די בלעטער נאָענט צום שורש, צוערשט טון אַ לייכטן צי, אַ צווייט מאָל אַ ביסל פעסטער, און אַ דריי, אַ שלעפּ טון דעם קוסט — גייט אַרויס דער פולער „קלעמבעק"* קאַרטאָפל.

— אַז מען האָט ליב די אַרבעט, געפינט מען שוין אַן אופן זיך לייכט צו מאַכן.

דער אַגראָנאָם איז צופרידן געווען פון זיינע אויפטוען. ער איז צופרידן וואָס ער איז דאָ.

פאַר וואָס איז ער דאָ אַהער געקומען?

...ס'איז געווען זונטיק... ער איז צוריק געקומען פון יאָגד מיט אַ האָז, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פעלץ און זיך פאַרנומען מיטן צורעכט מאַכן דעם האָז. די פרוי האָט גענומען די ביקס אויפצוהענגען, נאָך געווען אַ קויל אין מאַגאַזין, און איידער ער האָט באַוויזן צו וואָרענען זי, האָט ער דערהערט אַ שאָס. די קויל האָט איר געטראָפן אין דער שלייף. ער האָט זיך געשטעלט פאַרן געריכט און זיך אַליין באַשולדיקט. ס'געריכט האָט אים אָבער נישט אָנערקענט פאַר שולדיק. ער איז אַ קאָמוניסט מיט פאַרדינסטן פאַר דער רעוואָלוציע. ער איז נישט באַשטאַנען נישט באַשטראָפט צו ווערן. ער אַליין האָט אַפּעלירט קעגן אורטייל, אָבער פאַרן באַטראַכטן די אַפּעלאַציע זיינע, האָט ער אָנגעגעבן אַ ביטע מען זאָל אים שיקן דאָ אַהער. ער וויל אָפּקומען פאַר דער פרויס טויט.

ער האָט גענומען דעם קאָפּ אין די הענט, אַ רגע געשוויגן. באַלד האָט ער זיך איינגעצויגן אין די אַקסלען, האָט אָנגעפילט די ליולקע מיט טאַ-

---

*) בינטל.

באַק, פאַררויכערט און מיט ווירדע געלאָזט קלעמבעס רויך. ער האָט גע־זען ווי אַלעק קוקט זיך איין אין אים און געפילט, אַז ער האָט געוווּנען חן אין זיינע אויגן. האָט ער שטיף זיך אויסגעגלייכט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט נישט שלום געמאַכט מיט אַ געדאַנק.

— אייער טאַט איז עפּעס ענלעך צו ראַסקאָלניקאָווס, — זאָגט אַלעק.

— ראַסקאָלניקאָוו האָט דערמאָרדעט.

— כ׳מיין: דאָס באַשולדיקן זיך.

— ראַסקאָלניקאָוו איז געווען אַ כיטרעץ.

— דאָסטאָיעווסקי שטעלט אים העכער: אויבערמענטש.

— איך בין קיין מאָל נישט מסכים געווען דערמיט. ראַסקאָלניקאָוו האָט דערמאָרדעט די זקנה איוואַנאָוונאַ. ער האָט נישט גענומען ס׳געלט, ס׳קניפּל, וויל צוליב אַזאַ קלייניקייט האָט אים נישט געלוינט אַז מען זאָל אים חושד זיין אין באַרויבן. געווען אַ לא יוצלח.

קאַלגושין האָט ווידער אַ שטאַרקן צי געטון פון דער ליולקע. ער האָט צעפירט די הענט, געוויזן אַלעקן ער זאָל אַרבעטן.

אַלעק האָט זיך אָנגעבויגן צום קוסט, אים אָנגענומען ווי דער אַגראָ־נאָם האָט אים אָנגעוויזן.

— איר זאָלט זיך נישט אָנשטאָפּן די קעשענעס מיט קאַרטאָפּל, — האָט קאַלגושין, אויפשטעלנדיק זיך צו גיין, געזאָגט.

— נישט אָנשטאָפּן, נישט אָנשטאָפּן! — רעדט נאָך יידל פּיק — איז וועןְ? ווען וועט מען זיך אָנעסן, ווען? — פרעגט ער און ווי אָנגעגורט מיט פרישן כוח טוט ער פּעסט אַ צי אַ קוסט. קאַלגושין האָט עס געזען און געשמייכלט.

4

בריגאַדיר יאַקאָוולעוו

לענג־אויס דעם ברעג פון שוואַרצן טייכל זענען אָנגעלייגט בונטן קלעצער קוואַדראַט־מעסיק, סימעטריש. העט ווייט אַוועק ציט זיך די שורה

בונטן. זיי וועלן אַריינגעוואָרפן ווערן אין דעם שוואַרצן טייכל אַריין, וועלן אַוועקשווימען מיטן שטראָם. שוין אַ צייט ווי ס׳ליגן די קלעצער, חושכן און וואַרטן מען זאָל טון זייער רעכט...

די בריגאַדע מתעסק צו זיין זיך מיט די קלעצער איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן: איינע — צו שליידערן די קלעצער פון בונט אין טייכל אַריין; די צווייטע — צו שטיין אין טייכל און מיט אַ לאַנגן שטעקן, וואָס האָט אייזערנע שאַרפע שפּיצן, ווערטיקאַל און האַלב־לבנהדיק, צו שטופּן די קלעצער זאָלן שווימען זייער וועג און נישט מאַכן קיין „זאַטאָרעס״ (פאַר־שטאָפּונגען).

די בונטן — פון איין סאָרט האָלץ, זענען איינגעלייגט אין שיכטן. איין שיכט איז אָפּגעטיילט פון צווייטן מיט עטלעכע דרענגער — אויסגעלייגט האָריזאָנטאַל. נאָר צוויי אירע שטייען אויפן בונט, איינער רעכטס, דער צווייטער לינקס.ביידע האַלטן האָלץ־דרענגלעך. מיט די דרענגלעך רירן זיי דעם קלאָץ פון אָרט, שטופּן אים ער זאָל זיך קאָלערן. אויב ער קאָ־לערט זיך נישט, באַהעלפן זיי זיך מיט די דרענגלעך, און מיט אַ „האָפּ! האָפּ!״ קאַטשעט זיך דער קלאָץ אַראָפּ פון בונט און פאַלט אין טייכל אַריין.

אין טייכל שטייען די „אַדזאַטאַרשטשיקי״ *). ס׳וואַסער דערגייט ביז די קני׳ען און אַז מען דאַרף — פאַרן וויל פון דער זאַך — גייט מען אַ ביסל טיפער. אָט שטעלן זיך די קלעצער אָפּ אין מיטן שווימען, בלייבן ליגן פאַ־פעריק. ס׳ווערט אַ קלימפּן פון געהילץ — אַ פאַרשטאָפּונג. קומען די „אַד־זאַטאַרשטשיקי״ מיט די באַגערס און שטופּן אַוועק אַ קלאָץ פון אַ קלאָץ, גלייכן אים אויס אין אַ ליניע, נאָך אַ שטופּ — און היידאַ, אין וועג אַריין.

שטייט אַלעק אויפן בונט קלעצער. ער און נאָך איינער פון דער ברי־גאַדע, שמואל פעלדמאַן. נישט קיין גרעסערער גיבור פון אים; אויך אַן אויסגעצויגן פּנים און איינגעפאַלענע באַקן. דאָך האַלט ער געשיקטער דאָס דרענגל אונטערצושפּאַרן הינטערן קלאָץ. עס קומט אַלעקן אָן שווער נאָכ־צוקומען דעם טעמפּאָ פון שמואלן, אָבער ער פלייסט זיך, נישט אָפּצושטיין.

---

*) אויפבינדער.

איינס, איינס הייבן זיי, יאָגן דעם קלאָץ ביזן ברעג פון בונט — און „וואָט טעביאַ!״ * — אין טייכל אַריין.

שמואל פעלדמאַן איז אין זיין שטעטל, פלאָנסק, געווען אַן אָנגעשטעל־טער אין אַן אייזן־קראָם. אַן אויפגעקלערטער, סימפּאַטיזירט מיט דער „בייער געזעלשאַפט״ — דעם ראַטנפאַרבאַנד. ער איז געווען פון די ערש־טע, וואָס זענען געלאָפן אין די פאַרנומענע געביטן דורך דער רויטער אַר־מיי. אַ צייט האָט שמואל געאַרבעט אַלס נאַכט־וועכטער אין אַ פאַבריק.

אין דער צייט פון דער „פאַספּאָרטיזאַציע״ האָט ער זיך דערמאָנט ווע־מען ער האָט געלאָזט אויף יענער זייט און געוואָלט צוריקפאָרן. איצט רעדט ער וועגן זיך: „געווען פאַרנאַרט, געחלומט״.

מיט אַמאָל איז שמואל אַרויס מיט אַ טענה, הלמאי אַלעק קומט נישט נאָך זיין אַרבעטס־טעמפּאָ. די קלעצער פאַלן נישט אַריין אין טייכל אַריין, נאָר בלייבן ליגן — קרום. ס׳קאָן זיין, אַז זיי וועלן נישט צוגערעכנט ווערן צו דער נאָרמע און די פּאַיקע ברויט וועט זיין קליין, אַז עס וועט פאַר־דריסן.

שמואל האָט הויך אָפּגעזיפצט. ער האָט באַלד חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך צעבייזערט — ער זעט דאָך אַז אַלעק אַרבעט ווי ער קאָן. פּלוצ־לינג האָט ער אַ שפּיי געטון: „טפוי, וואָס פון מיר איז געוואָרן, שוין אין גאַנצן אויס מענטש!״...

***

יאַקאָוולעוו, דער בריגאַדיר, האָט דערקלערט אַ „פּריקורקאַ״.

— רייכערן, רעביאַטאַ! און זאָל גיין אַ רויך!

יאַקאָוולעוו האָט געזוכט זיך צוצוגעבן קוראַזש. ס׳איז אים קאַלעמוט־נע געווען אויף דער נשמה. דאָ נישט לאַנג האָט זיך אָנגעהויבן זיין אָפּקו־מען 25 יאָר לאַגער. אַ קליינוווקסיקער, ברייטע אַקסלען, אַ קאַנטיק פּנים. דאַכט זיך — די האַרטקייט אַליין. פון באַרוף איז ער אַ לערער. דאָ האָט ער שוין פאַרזוכט די אַרבעטן פון יעדן צווייג: געזעגטביימער, „וואָש־

---

*) אָט האָסטו דיר.

טשיק״* געווען — געפירט געהילץ פון וואַלד; ביי גרוזעווען און קאטקע געאַרבעט; שניי געשאַרט, סוטשקעס** געברענט.

— עמעצער האָט דאָרט צוגעטראָגן, אַז איך לערן נישט די קינדער אין שול דעם לויב־געזאַנג צום פאָטער פון די פעלקער, דעם פירער פון ראַטנ־פאַרבאַנד. איינמאָל בין איך אַרויסגערופן געוואָרן אין „איספּאָלקאָם״*** אויף אַ שמועס. איך זאָל באַגרינדן פאַר וואָס איך מייד אויס צו רעדן מיט די שילער וועגן פירער סטאַלין. אַוועק אַ צייט. כ׳האָב געמיינט, אַז שוין פאַרגעסן וועגן דער מערכה, די מסירה. איז מען אָבער אין סאַמע יום־טוב־נאַכט געקומען צו מיר אין שטוב אַריין. מען האָט מיך פאַרבעטן, און פון דעמאָלט אָן בין איך דאָ...

ער האַלט, אַז ס׳איז געווען אַ טיפּשות פון זיין זייט נישט מיטצוגיין מיטן שטראָם. ער האָט געקאָנט נישט זאָגן, אַז די שילער וועלן לערנען די גרויסקייט פון פירער פון די פעלקער ווען זיי וועלן קומען אין „קאָמסאָ־מאָל״. אָבער דער עצם פאַקט, וואָס מען האָט געמסרט אויף אים און ער האָט נישט געקאָנט דערגיין, ווער ס׳האָט אים אָפּגעטון דאָס שטיקל, האָט אים צעמישט די רעיונות. ער האָט געקאָנט די אומשולד זיינע באַווייזן מיט זיין דערציִען אייגענע קינדער, וואָס זענען געווען אין „קאָמסאָמאָל״.

ער האָט עס נישט געטון, ס׳איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז מען ווייסט עס נישט. ער באַשולדיקט זיך איצט אין שוואַכער אָריענטאַציע. אין שטורעם פון דער געשעעניש האָט ער זיך פאַרלוירן. אין זיין אָפּוועזנהייט איז ער געמשפּט געוואָרן. — די „טראָיקע״ האָט געמשפּט. ער באַדויערט וואָס ער האָט זיך נישט דערקלערט פאַר פּסיכיש אָפּגעשטאַנען. ער וואָלט געוווסט ווי אַזוי זיך צו האַלטן. און ער האָט איצט אַלעקן געעצהט, אַז ער זאָל זיך דאָס נעמען אין זינען אַריין. ס׳קאָן אים אַ מאָל צונוץ קומען:

— לאָמיר זאָגן, מען שיקט דיך צו אַ פּסיכיאַטאָר. ער וויל אויספּרוּוון ווי עס אַרבעט דיין שכל. עס פרעגט דער פּסיכיאַטאָר: „אַ צימער האָט פיר מעטער די לענג און צוויי מעטער די ברייט, איז ווי גרויס איז דער סופיט?״

---

*) צווייגן.

**) אַרויספירער.

***) ראַיאָן־קאָמיטעט.

— אַ משוגענער פּסיכיאַטער! — זאָגט אַלעק.
— אָט דער זאָג פֿאַרשיט דיך באַלד, אַז דיין שכל אַרבעט.
— נאָר וואָס?
— דו דאַרפסט ענטפערן: „דער סופּיט איז נישט געמאַכט צוזאַמען מיט דער פּאָדלאָגע. נישט אויסגעמאָסטן".
— דאָס וועט דאָ אָנגיין?
— דאָ, דאָ קאָנסטו זיין גוט משוגע. דער הונגער וועט דיך טרייבן צו אַרבעטן. געננוג „באַלאַקעט" *), רעביאַטאַ, דאַוואַי ראַבאָטאַט! איך דאַרף דאָך אייך געבן ברויט!...

ער האָט עס שטיל געזאָגט און זיין פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט ערנסט און אומעט.

5

„ס. אָ. ע."

זייט ער האָט פאַרלאָזט די היים, האָט אַלעק שוין געהאַט עטלעכע נעמען, וואָס האָבן אים באַצייכנט: ביעזשעניעץ, וואַגאָן 59, 11טער (לויט דער בריגאַדע). איצט רופט מען אים — „סאָע".

ערשט נעכטן איז עס געשען. ער איז געקומען אין באַראַק אַריין אַ פאַרמאַטערטער, דערשלאָגן, נישט זיכער געווען צו קריגן דעם 2טן קעסל, ווייל ער האָט נישט געמאַכט די נאָרמע. ער האָט איבערן וועג, פון דער סטאָלאָווע אין באַראַק, זיך גענומען אַ קעסעלע „קיפּיאַטאָק", אָבער ער קאָן נישט טרינקען — ס'איבלט. ער האָט נישט וואָס צוצובייסן, אַפילו נישט קיין כזית ברויט.

אין באַראַק איז שטיל. מען ליגט אויף די נאַרעס ווי דערטשמיעליע־טע, טייל וויינען. מען זאָגט, אַז יום־כפור היינט ביי ייִדן. דער דניעוואַלני,

---

*) געפּלאַפּלט.

דער געוועזענער זייגערמאַכער, וואָס איז גיכער ענלעך צו אַ מנקר אין שעכטהויז, האָט שוין געוואָרנט אין שאַרגאַראָוס נאָמען, אַז מ׳זאָל נישט רעדן וועגן יום־כפור. ער האָט דאָס לייכט דערגרייכט, ווייל ס׳איז געווען אַן אַנדערער יום־הדין, אויפן אָרט. און צוליב דעם האָבן אַ סך געוויינט. ווער ס׳האָט געפרעגט אויף דער סיבה, האָט מען אים געענטפערט, אַז ער וועט עס זיך באַלד דערוויסן. מען וועט אים רופן פון שאַרגאַראָוס ביוראָ.

אַלעקן האָט מען שוין גערופן. ער האָט זיך נישט געאײַלט צו גיין. ער האָט געפילט, אַז ס׳איז נישט קיין גוטע בשורה.

אין דער קאַנצעלאַריע איז אַ יונגע באַאַמטין געזעסן ביי אַ ברייטן טיש. זי איז געקומען ספּעציעל פון דער אופּראַוולעניע *), פון וואָזשאַיעל. געקומען אויספירן אַ שליחות. אין אַ שינעל, אין אַ בערעט אויפן קאָפּ איז זי געווען אָנגעטון. די פּאָר הענטשקעס, איין פינגער, זענען געלעגן אויפן טיש, וואָס האָט געוויזן, אַז זי איז דאָ אויף דערווייל. וועט אָפּטון אירס און אַוועק. אַ לאָק בלאָנדע האָר איז איר געלעגן אויפן שטערן, וואָס האָט אַפילו ווייבלעכן חן געהאַט.

אַלעק איז איצט צוגעגאַנגען צום טיש, געזאָגט זיין נאָמען. ס׳איז נישט געשטאַנען קיין שטול. די באַאַמטין האָט פאַרשפּאָרט פאַרצולייגן צו זיצן. זי האָט אויפגעזוכט צווישן די טעטשקעס אַלעקס טעקע. דאָס פּאַפּיר, וואָס זי האָט געדאַרפט, איז געלעגן אויבן אויף. זי האָט אים פאָרגעלייענט: „לויט דעם באַזונדערן באַהאַנדלען די דיעלע און די עבירות, ווערט ער פאַרמשפּט לויט סטאַטיאַ „ס. אָ. ע.״ סאָציאַלנאָ אָפּאַסני עלעמענט״, אויף דריי יאָר לאַגער״.

— נישט קיין גרויסע שטראָף. אַנדערע זענען פאַרמשפּט אויף פינף און אַכט יאָר — זאָגט זי. זי האָט אַוועקגעשאַרט דעם לאָק האָר, וואָס איז איר אין דער רגע געפאַלן אין אויג. זי האָט זיך אויסגעגלייכט אויף דער שטול, געשמייכלט און אָנגעוויזן אַלעקן ער זאָל אונטערשרייבן, אַז ער האָט אויסגעהערט ס׳לייענען דעם פסק־דין.

אַלעק איז געשטאַנען ווי צוגעשמידט צום אָרט, ווי פאַרשטיינערט,

---

*) הויפּט־ביוראָ.

נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט געקוקט איר אין די ווייסע ציין. הונדערטער אַזעלכע סראָקן האָט זי שוין געלייענט. די ציינער פאַרלירן נישט דעם גלאַנץ. ס׳זוערט איר גאָרנישט הבליק אין מויל. איז זי נישט קיין קינד פון טאַטע־מאַמע? ער האָט געוואָלט גיין. זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּען. ער האָט אָנגענומען איר האַנט. זי האָט זי נישט אַוועקגענומען.

— נאָר דריי יאָר, נאָר דריי יאָר! — האָט זי ווידער צוויי מאָל איבער־געחזרט צו טרייסטן אים.

***

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און קוים שלעפּנדיק זיך אויף די פיס, איז אָלעק אַריין צוריק אין באַראַק. די ליכט האָט אויסגעזען אַ פאַרנעפּלטע. ער איז געווען צעטומלט. דריי יאָר לאַגער. דריי יאָר... ער האָט זיך גע־וואָרפן אויף דער נאַרע, איינגעקורטשעט זיך, געוואָלט שלאָפן, אָבער נישט געקאָנט. אין די אויערן האָבן אים געקלונגען די קלאַנגען פון דער באַאַמ־טינס שטים, ווי זי האָט געזאָגט „ס־אָ־ע״. אַלע „סאָעניקעס״ זענען איצט אבלים, אבלים נאָך זיך אַליין. אויס יחסנים ביים נאַטשאַלניק שאַראַגאַוו. דריי יאָר קאַטאָרגע. ער וועט זיכער די צייט נישט איבערהאַלטן. אַלע לאַ־גערניקעס זאָגן, אַז פון דאַנען אין נישטאָ קיין צוריק. ער האָט אַפילו נישט מיט וועמען זיך צו געזעגענען. הייס, הייס איז אים. ער האָט היץ — וואָס איז אים? וואָס איז אים איצט אַזוי הייס געוואָרן?... ער איז נאָך קיין ווינטער דאָ נישט געווען און דער ווינטער איז דאָ אַכזריותדיק. אָט־אָט פאַלט ער צו. וואָס וועט אים דערהאַלטן דאָס חיות, וואָס? ייִנגערע פון אים פאַלן שוין. ער האָט עס געזען היינט אין דער סטאָלאָווע — נישט איינער האָט געכאַפּט שיסלען אויסצולעקן. וואָס משטיינסגעזאָגט גיט מען אין די שיסלען — אַ לעפּל פאָסנע קאַשע... דווקא די הויכוווקסיקע, וואָס זענען אויס אַטלעטיש, דווקא זיי פאַלן די ערשטע פון די כוחות. מען זאָגט, אַז פון עסן מאָקום איז מען אויסגעשטעלט צו קריגן די געלזוכט. דער הויכער נתן, פאַר וועלכן ס׳איז נישטאָ קיין טשיזמעס אים צו געבן, מחמת זיינע גאָר גרויסע פּיס, פון די לאַפּטשעס, וואָס ער טראָגט, האָט ער אויך אָפּגעשניטן די שפּיצן — ער איז שוין טאַקע געל אונטער די אויגן. ער האָט מורא, ער האָט מורא, אַז אַ קראַנקייט האָט זיך אים צוגעטשעפּעט. ער ליידט, אָלעק.

אַז עס קומט אים אָן משתין צו זיין, מוז ער שנעל לויפן. עס שטעכט און דער ווייטיק איז גרויס. און דאָס איז נאָך אין אָנהייב פון די דריי יאָר. ווען זאָל ער דאָס דערציילן? זאָל ער אָנשרייבן צו ראַכעלאַן? ווען מען דען אַזאַ בריוו איבערשיקן? און פאַר וואָס זאָל ער איר מיטטיילן אַזאַ ביטערע נייעס? אויף זיין ערשטן און איינציקן בריוו האָט זי געפרעגט, צי ס'איז אים נישט קאַלט. צי זאָל זי אים שיקן אַ וואַרעמע דעק? זי האָט אויסגעפונען אין דער ענציקלאָפּעדיע, אַז דאָ איז אַ וויסטע און די פרעסט זענען גרויס. האָט זי זיין ענטפער דערהאַלטן? זאָל ער שרייבן, אַז ער איז אַ „סאָעניק"?

די זשוליקעס דאָ, האָבן זיך שוין דערוווסט, אַז די פּוילישע זענען גליך מיט זיי. אין מיטן דער נאַכט שלייכן זיי זיך אַריין אין באַראַק און גנבענען פון די רוקזעק.

6

שנײ

אַ שניי וואָס איז אָנגעפאַלן פון פריִען אָוונט אָן — שטיל, אָן אַ ווינטל, אָבער רחבותדיק, געדיכט און שנעל, האָט איינגעהילט דעם אַרום אין אַ בלענדנדיקער ווייסקייט. די הייך פון שיכט שניי איז געשאַצט ביז אַ מעטער. ס'הויכט מיט אַן עסעדיקער קעלט. — ס'וועלן נאָך קומען ווייסע בערן אויך — מען האָט דאָך אָלעקן צוגעזאָגט, אַז ער ווערט פאַרשיקט צו די ווייסע בערן... אַלץ ווערט דאָווירקלעכקייט...

די עלפטע בריגאַדע, וואָס האָט געאַרבעט ביי „זבראַדזקע"*, גייט היינט שאַרן שניי. דער שניי טאָר נישט שטערן אויספירן דעם פּלאַן, מען מוז אים באַקעמפן. אַוועקנעמען פון די וועגן אין וואַלד, כדי ס'זאָלן קאָנען פאָרן די מאַשינען מיטן אָנגעלאָדענעם געהילץ אַוועק צו דער טאַרטאַקבאַזע.

---

*) שליידערער.

עס האָט זיך געענדערט דאָס וועטער. געענדערט דעם אויסזען פון דרויסן. עס האָט זיך אויך געענדערט אַלעק. ער האָט געקריגן אַ וואַרע־מען אויסשטייער — „צו דער וואַטענער פופּיקע — אַ „בושלאַט״. אַ קורץ איבער־רעקל געבעט מיט וואַטע. אַ פּאָר הויזן, וואָס האָבן דעם אויסזען פון אַ פּאָר רערן, צוליב דער אַנגעשטאָפּטקייט מיט וואַטע. סיי דער בוש־לאַט, סיי די הויזן, זענען געלאַטעט — יעדעס פון אַן אַנדער קאָליר. ער האָט געקריגן אַ וואַטע־היטל, וואָס איז לכתחילה צוגעשניטן מיט צוויי לאַפּעס צו שיצן די אויערן פאַר אָפּפרירן. ער האָט זיך נישט געזען אין שפּיגל, נאָר אַז ער האָט אַנגעקוקט אַנדערע, האָט ער געזען זיך: אומגע־לומפּערטע פיגורן, עפּעס ווי שטיקער קלאָץ. און די לאַטעס, וואָס ס׳רוב זענען נישט גוט צוגענייט, גיבן צו עפּעס משונהדיקס. די ענלעכקייט צו קאָרע אויף אַ בוים, וואָס שיילט זיך. אַנשטאָט די טשיזמעס פון גומי־אַפּאַנעס, האָבן טייל לאַגערניקעס אַנגעטון לאַפּטשעס פון שטרוי, נישט געזשאַלעוועט קיין שמאַטעס אַרומצוּוויקלען די פיס. די שמאַטעס זענען געווען זייער אייגנס, ווייל וואָס זיי האָבן געהאַט אַ שטיקל בגד איז עס שוין געוואָרן שמאַטע. דאָס מאָל זענען די לאַגערניקעס גאָר געהאָרכזאַם געווען דעם אויפזעער איבער דער „סאַנטשאַסט״, סאַניטאַרער אָפּטיילונג:

— רעביאַטאַ! זאָל אייך גאָרנישט זיין קיין שאָד, אַפילו ס׳בעסטע בגד. היט זיך נישט אָפּצופרירן פינגער! די קעלט איז דאָ אומברחמנותדיק!...

האָר און נעגל האָבן אַלעקן זיך געשטעלט קאַפּויער. ער האָט גענומען לאַפּטשעס און זיי נישט גענוצט. דעם אָוונט האָט יאַקאָוולעוו, דער בריגאַ־דיר, אים געבערענגט אַ פּאָר וואַלינקעס. ער האָט זיי געקויפט ביי אַן אַלטן לאַגערניק. עס איז נישט געווען קיין לינקער און רעכטער. אַז אַלעק האָט זיי אַנגעטון, איז ווי קאַלעמוטנע ס׳איז אים געווען אויפן געמיט, האָט ער דאָך זיך צעלאַכט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל געזען אַ קלאָון אין אַ ביליקן צירק אין אַן ענלעכן מעמד.

ער האָט שוין געוווּסט, אַלעק, וואָס עס הייסט שאַרן שניי. דאַכט זיך — שניי, אַ קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן. אָבער נישט דער שניי אין די טײַגעס. דאָס איינציקע מאָל שאַרן שניי האָט זיך אים גוט איינגעגעסן אין די ביינער. ס׳גיין צו דער אַרבעט האָט געדויערט אַ היפּשע צייט — ס׳איז געווען צו גיין צען קילאָמעטער. דער בריגאַדיר האָט געוואָלט מען

זאָל אַרבעטן 11 שעה, האָט ער גערופן צום ראַזוואָד נאָך אין טיפער נאַכט. פאַר דער אינסטרומענטאַלקע איז ער געשטאַנען צו קריגן אַ לאַפּאַטע, האָט אים אַ צופּ געטון די קעלט און אַ שרעק פאַר פרירן. ס׳איז געווען צו קלייבן פון צווייערליי לאָפּאַטעס: שמאָלע שופלעס און קורצע שטעקנס; ברייטע שופלעס און לאַנגע שטעקנס. מיט דער ערשטער — איז געווען אַ סך באַוועגונג אויף צו דערגרייכן די נאַרמע; מיט דער צווייטער — איז געווען גרויסע פּעצענעס אַנצונעמען, האַמעטנע באַוועגונג, אָבער ס׳פאָדערט זיך גרויסע אָנשטרענגונג, אַ סך כוח. ער האָט געטראַכט, וועלכע צו נעמען: זאָל ער נעמען די שמאָלע שופלע, וועט יאַקאָוולעוו זאָגן, אַז ער פאַרנעמט זיך צו שפּילן זיך ביי דער אַרבעט. זאָל ער נעמען די ברייטע? — וועט אים סטײַען כוח? יאַקאָוולעוו וועט אים נישט געבן דעם „הונגער־קעסל" — אַפילו ער וועט נישט מאַכן די נאַרמע. אָבער פאַר וואָס זאָל ער שטעלן יאַקאָוולעוון אין אַ סכנה צו פאַרגרעסערן אים דעם סראָק. אמת, מען זאָל יאַקאָוולעוון פאַרגרעסערן דעם סראָק, וועט עס אים אָנגיין ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. סיי ווי ווייסט ער, אַז ער וועט פון דאַנען שוין נישט אַרויס: ער קאָן אָבער ווערן אויס בריגאַדיר. ער וועט מוזן גיין האַקן בײמער. אָרעמער יאַקאָוולעוו — אויף וואָס ער איז אַלץ אויסגעשטעלט. אין דעם פּרט איז יאַקאָוולעוו נישט ווייניקער אָפּהענגיק פון אים, ווי ער פון יאַקאָוולעוון, נישט צו הונגערן. ער דערמאָנט זיך, אַלעק: קרוב אַ מע־טער הייך איז געווען דער ערשטער שניי. דער אייבערשטער שיכט איז געווען לייכט, אָבער די נידעריקע שיכטן שוין גאָר־נישט געווען קיין שפּאַס. ס׳האָט געפאָדערט כוח און געשיקטקייט. צוויי זאַכן, מיט וועלכע ער איז הינטערשטעליק.

אַז אַלעק איז היינט צום צווייטן מאָל געגאַנגען שאַרן שניי, האָט ער זיך גוט איינגעחזרט דעם אופן פון אַרבעטן, כדי ער זאָל זיך אויסצײ־כענען ביים בריגאַדיר.

יאַקאָוולעוו האָט זיך אָנגעטון אין אַ נייער פופייקע, אַ היטל — אַ פּאַפּאַכע, די אויערן־לאַפּעס — ברייט, פאַרדעקן אים כמעט ס׳גאַנצע פּנים. נאָר די קינבאַקן, די נאָז, זעט זיך אָן. אים איז וואַרעם און ער צעציינדט אַ שטײַער. ער האָט אויפגעזוכט אין וואַלד אַ ביסל צווייגלעך. אָנגעצונדן אַ שטיקל פּאַפּיר מיט עפּעס אַ שטיקל שמאַטע און זיך צוגעזעצט צעבלאָזן

דאָס פייער. ער האָט אַזוי לאַנג געבלאָזן, ביז עס האָט אויפגעפלאַקערט אַ העליש פייער. דער שייטער האָט שוין גוט געברענט האָט ער גערופן די בריגאַדע:

— פריקורקאַ! פריקורקאַ!

די שניי־שאַרער האָבן זיך געזעצט אַרום שייטער. ס'פייער האָט גע־וואַרעמט די פנימער, די הענט. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אויסגע־פלאַכטן אַ נעץ פון הענט.

די פריקורקע האָט זיך פאַרצויגן לענגער. יאַקאָוולעוו האָט זיך גע־קלאָגט אויף זיין דאַליע, וואָס ער מוז זיין בריגאַדיר איבער אַזעלכע שוואַכע אַרבעטער, וועלכע קענען נישט מאַכן אַפילו אַ העלפט נאָרמע. ער האָט געוואָרנט פאַר די שטראָפן פון נישט מאַכן די נאָרמע: „איזאָלאַטאָר"! ער האָט זיך באַלד פאַרענטפערט: „לאַנג ציִען מיט אַזאַ סיסטעם פון אַרבעט, וועט נאַטשאַלסטווע נישט דולדן. מען קאָן עס אויסטייטשן פאַר סאַבאָטאַזש. נעכטן זענען געלייענט געוואָרן באַפעלן פון ספעציעלן געריכט — איינס און נאָך איינער, איז פאַרמשפט געוואָרן אויף צו דערשיסן פאַר סאַבאָטאַזש, איז עס באמת געווען סאַבאָטאַזש?... די נאָרמע! מען דאַרף מאַכן די נאָרמע!"

ער, יאַקאָוולעוו, באַדויערט די ביעזשענצעס. ער זעט, אַז אַ סך פון די פוילישע זענען שוין געשוואָלן פון הונגער. ער האָט געהערט, אַז איינער איז משוגע געוואָרן, איינער איז געשטאָרבן. ער האָט געהערט דעם משו־גענעם, ווי ער האָט ליגנדיק אויף דער נאַרע געשריגן צום אַריינגעקומענעם קאָמענדאַנט — „ברויט! ברויט!"

— נאַטשאַלסטווע וועט קיין ברויט נישט געבן, — זאָגט יאַקאָוולעוו, — פאַר יעדן שטיקל ברויט מוז מען אָנווייזן אויף פאַרדינסט. ס'אַרויסגע־פירטע האָלץ פון וואַלד אין דער טאַרטאַק־באַזע אַריין, טאָר נישט איבער־שטייגן דעם באַשטימטן קאָסטן־פרייז.

ער האָט צוגעגעבן:

— טייל פון די פוילישע דרייען זיך אַרום מיט אָפגעפרוירענע פינגער, ווייל זיי האָבן נישט געאַנט וועגן דער געשעעניש. כ'וויל אייך זאָגן, רע־ביאַטאַ, אַז מען איז אין באַוועגונג פרירט מען נישט אָפ קיין פינגער. כ'האָב

געהערט אַז ס'האָט אַ יונגערמאַן, אַרבעטנדיק ביים „פּאָוואַל“ *), זיך אָפּגעהאַקט צוויי פינגער פון דער האַנט. ס'איז מיט אַ כוונה געטון. ס'וועט אים אפשר גליקן ער זאָל אַרויס אָן אַ „דאָבאַווקע“. מיט אייך, פּוילישע, — גיט יאַקאָוולעוו באַזונדער צו, — פירט זיך נאַטשאַלסטווע אויף מיט צוריקגעהאַלטנקייט אין באַשטראָפן. עפּעס ווי יחוס־קינדער. רעביאַטאַ! אַז איר וועט נישט מאַכן די נאָרמע און זיך באַגנוגענען מיט דעם נעבעכדיקן פּאַיאָק, וועט איר פריער, אָדער שפּעטער געשוואָלן ווערן פון הונגער. דער לאַגער איז אַן אַרבעט־לאַגער און ווער ס'אַרבעט דער עסט... די וועלט דאָ איז פאַרשיט מיט שניי. היינט וועט מען פריי מאַכן דעם וועג. מאָרגן און אָט באַלד וועט ווידער אָנפאַלן אַ שניי. נאָרמע און שניי, דאָס איז דער שטער און דאָס דאַרף מען באַקעמפן...

— דאַוואַיטע ראַבאָטאַט, רעביאַטאַ! מען דאַרף אַוועקשאַרן דעם שניי...

7

דער וואָזשטשיק נאַכטיגאַל

די בריגאַדע „וואָזשטשיקי“ איז אַ הויפּט־זייל אין דער אונטערנעמונג. אַ וואָזשטשיק קריגט אַ שליטן און אַ פערד. מיט דעם פאָרט ער אין וואַלד אַריין. אַז ער קומט אין וואַלד, ווייזט אים דער בריגאַדיר אָן אויף דעם שטח, ווו ס'ליגן די קלעצער. ער דאַרף אויפלאָדן דעם קלאָץ אויפן שליטן אַרויף. ער האָט אַ קייט, דאַרף ער צובינדן מיט דער קייט דעם קלאָץ צום שליטן און אָנטרייבן ס'פערד ס'זאָל שלעפּן, צופירן ביז דער פּונקט, ווו דער בריגאַדיר האָט אָנגעצייכנט די סטאַציע. מיט דעם וואָזשטשיק פאָרט מיט אַ „אוקאַטשיק“ **). ער דאַרף העלפן אַרויפלאָדן דעם קלאָץ אויפן שליטן. מערסטנטייל זענען דאָס מעטער־לאַנגע, דיקע קלעצער.

---

*) ביימער־האַקעריי.

**) אַרויפלאָדענער.

ד. זאַקאַליק

דער לאַגער — אַן איינהייט מיט אַ באַשטימטן פּלאַן צו אויספירן. כדי דער וואַזשטשיק זאָל מאַכן די נאָרמע, ווערט די בריגאַדע אויפגעוועקט די ערשטע אין מיטן נאַכט. פון דער זאָנע גייט די בריגאַדע צו די פערד־שטאַלן — אַ גרויסער פּלאַץ, ווו ס׳שטייען די שליטנס. יעדער פון דער בריגאַדע נעמט זיך אַ פערד מיטן געשפּאַן און שפּאַנט איין ס׳פערד אין שליטן. אַז אַלע זענען שוין פּאַרטיק מיטן שפּאַנען, זעצט זיך דער וואַזש־טשיק מיטן אוקאַטשיק אויפן שליטן און זיי לאָזן זיך גאַלאָפּ אין וואַלד אַריין. די פערד קענען שוין דעם מאַרשרוט און לויפן אומגעטריבן. ס׳איז אַ היפּש שטיק וועג צו פאָרן און מען קומט אָן מיטן אויפגיין פון מאָרגנ־שטערן.

אַלעק איז צוגעטיילט צו דער בריגאַדע אַלס „אוקאַטשיק״. ער האָט דאָס אַליין געוואָלט, כדי אויסצומיידן ס׳גיין צוויי מאָל אין טאָג צו צען קילאָמעטער. נאָך איין טאָג אַרבעט מיט די וואַזשטשיקי האָט ער חרטה געהאַט. מיטן הייבן די קלעצער, אַרויסציִען זיי פון אונטערן שניי, איז ער אויסגעשטעלט געוואָרן אָפּצורייסן זיך אַ ברוך און פאַרנדיק אויפן שליטן האָט ער זיך אָנגעפרוירן מער, ווי בעתן גיין די צען קילאָמעטער צום שאַרן שניי. ער האָט דעמאָלט נישט געפילט די קעלט.

דער וואַלד איז איינגעהילט אין אַ ווייסן בלאַנקענדיקן שניי. די ווייס־קייט אַנטהאַלט אין זיך עפּעס אַ תהומיקייט. דער אָטעם, דער מינדסטער קלאַפּ, הילכט אָפּ מיט אַ טיפן עכאָ.

באַלד מיט דער ערשטער לאַדונג האָבן די וואַזשטשיקעס אויסצושטיין פּיין פון די פערד — עקשנים. געמאַכט עטלעכע פלינקע שפּאַן און סטאָפּ! ווייטער וויל עס נישט גיין, נישט ציִען די משא. דער וואַזשטשיק קלאַפּט מיט די לייצעס. ער האָט שוין געכאַפּט אַ דרענגל, עטלעכע זעץ געטון דעם פערד אין רוקן, און — וויאָ! און וויאָ! — רופט ער. ס׳רופן די אַנ־דערע. פון אַלע ווינקעלעך אין וואַלד הילכט אָפּ דער רוף — „וויאָ! וויאָ!״ ס׳פערד טוט עטלעכע טריט און ווידער — האַק, בראַק, כאַטש לייג זיך אין דער לענג און אין דער ברייט — ס׳פערד שטעלט זיך פאַרעקשנט.

מיט אַלעקן האָט געאַרבעט נאַכטיגאַל. יינגער פון אַלעקן, אַ פעסט־געבויטער, אַ גרויסער קאָפּ, געזונטער אָטעם. ער, אַלס וואַזשטשיק און אַלעק, אַלס אוקאַטשיק. נאַכטיגאַל פלעגט אַרבעטן אַלס מעש־טאַקער. פרי

חתונה געהאַט, שנעל געוואָרן אַ טאַטע פון צוויי צווילינגען. מיטן אַרבעטן איבערשעהן, ביז שפּעט אין אָוונט, האָט ער געקאָנט מפרנס זיין ס'געזינדל און דאָס אויך, ווייל זיין ווייבל, עטל, האָט געהאַלטן חשבון און געוווּסט ווען און ביי וואָס מצמצם צו זיין. ער איז תמיד געווען פאַרמאַטערט און נאָך דער וויעטשערע זיך געלייגט אָפּרוען. ער פלעגט אָפּט פאַרשלאָפן ביז חצות. פון איבערגיין זיך אין גאַס איז שוין נישט געווען קיין רייד. עטל פלעגט רופן שלאָפן און דערמאָנען, אַז אָט וועט באַלד טאָגן און ער וועט דאַרפן אויפשטיין. ער האָט זיך קיין מאָל אין קיין פאַרזאַמלונג נישט באַטייליקט, דאָך זיך אָריענטירט אין סאָציאַלע פראַגן, געוווּסט פון לינקס און רעכטס. דאָס האָט ער זיך צוגעהערט צום רעדן פון די אַנדערע ביי דער אַרבעט אין דער פאַבריק.

— וואָס עס קאָן זיין פאַר אַנדערע, וועט פאַר מיר אויך נישט שאַדן, — האָט ער זיך געזאָגט. קיין אייגענע דעה האָט ער נישט געהאַט. ס'לויפן זיינס קיין בריסק, נאָכן אַריינמאַרשירן פון דער רויטער אַרמיי, איז געקומען פון זיין עטלס קאָפּ. ער זאָל פאָרן פאַרדינען. שפּעטער האָט זי באַפוילן ער זאָל צוריקקומען. זי באַשטייט צו לעבן אויף ברויט און וואַסער אַבי צו זיין צוזאַמען.

שטייט ער איצט פאַרן פערד, וואָס וויל נישט שלעפּן דעם אויפגעלאָדענעם קלאָץ אויפן שליטן. נאָך אַלע געשרייען, רופעריען, פעסטע קלעפּ, בעט ער זיך ביים פערד — „קום! קום!“ ער גלעט עס די מאָרדע. ער דערציילט, וואָס ער דאַרף אַלץ טון — דאַרף מאַכן די נאָרמע, כדי ער זאָל קריגן דעם צווייטן קעסל. די נאָרמע איז גרויס, דער טאָג איז קליין. ער שרייט אויף אָלעקן — ביסט אַ סטראַשידלע פאַרן פערד! און פלוצלינג צעכליפּעט ער זיך, נאַכטיגאַל. ער ווייסט נישט וואָס ס'איז מיטן פערד געוואָרן. נעכטן האָט עס געשלעפּט, געגאַנגען אויף אַ סמאָטשקע מיט די ליפּן. איצט גלאָצט עס מיט די אויגן. אפשר האָט ער עס קראַנק געמאַכט מיט די קלעפּ און ער וועט נאָך האָבן צו שטיין פאַר אַ געריכט? ווען ער זאָל וויסן, אַז ס'וועט היינט זיין אַזאַ פּגירה, וואָלט ער עס נישט גענומען. און ער גלעט עס. באַשווערט עס. שעלט.

— פערדישער קאָפּ! אָדער דו גייסט, אָדער דו ציסט אויס די קאָפּי־

טעס און די ווערעם זאָלן דיך עסן. ביסט אין שפּאַן, גיי! נישט, זאָל דער רוח דיך נעמען!

און ער נעמט עס ביי דער צוים, ער שלעפּט עס. ער שטעלט זיך פאַרויס. ער וועט ווייזן דעם וועג, ווייזן אַז מען קאָן גיין, אַט גייט ער. און ער רופט ווייך:

— קום, קעצעלע, קום ברויט־געבער מיינער...

נאַכטיגאַל האָט מיט כוח אַ שלעפּ געטון די צוים. ס׳פערד האָט אַ צי געטון פאַרויס. ער האָט זייטיק עס געיאָגט און גערופן:

— וויאָ! וויאָ!...

ער האָט נישט געפילט, אַז נישט דאָס פערד, נאָר ער שלעפּט דעם קלאָץ.

8

בינעם און די פּאַיקע

עטלעכערליי אַרבעטן טוט מען אין וואַלד: שניידן די ביימער, אָפּ־האַקן די צווייגן. זיי ווערן צונויפגענומען, אָנגעלייגט אין קופּעס. אַ ספּע־ציעלע בריגאַדע פון „ליאָכקי טרוד״ פאַרברענט די צווייגן. הגם זיי זע־נען פאַרשיט פון שניי, ווערט דאָך אין בויך פון דער קופּע צעצונדן אַ פייער. עס צעפלאַקערט זיך, און פון עטלעכע קופּעס ווערן צוגעטראָגן די צווייגן אויף דעם פייער. דאַכט זיך לייכטע אַרבעט, אָבער ס׳האָט נאָך קיינער די נאָרמע נישט געמאַכט.

איינע פון די שווערסטע אַרבעטן איז דאָס אַרויפלאָדן דאָס געהילץ אויף די אויטאָ־מאַשינען אַרויסצופירן פון וואַלד. די בריגאַדע „גרוזש־טשיקי *) זענען געקליבענע שטאַרקע מוסקולירטע יונגען. זיי נעמען דעם קלאָץ מיט כוח און זייער אַרויפשטופּן דעם קלאָץ אויף דער מאַשין גייט מיט אַ פּזמון: „ראַז — דוואַ — ווזיאַלי, יעשטשע ראַז — ווזיאַלי!״

---

*) טרעגערס.

אין שטורעם

די גרוזשטשיקעס זענען דאָס אייבערשטע פון שטויסל אין דעם לאַגער. זיי עסן אין דער קליינער סטאָלאָווע, ווו די סטאַכאַנאָווצעס. דאָך רייסט מען זיך נישט צו דער אַרבעט, ווייל מען קאָן לייכט ברעכן האַלדז און נאַקן.

חוץ דער בריגאַדע אַרבעטן בריגאַדעס פון „ליאַכקי טרוד" ביים קאַטעווען קלעצער אויף בונטן. ס'האַלץ זאָל ליגן איינגעסדרט.

אַלעק אַרבעט ביי „קאַטקע". דער וואַזשטשיק נאַכטיגאַל האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אים. אַרבעט אַלעק איצט מיט בינעם האַלצמאַן, פון וולאָצלאַווקער זייפנזידערס באַראַק. אַזוי רופט זיך דער באַראַק. ווו אַלעק שלאָפט — הייסט אויפן נאָמען פון דעם דניעוואַלני, דעם זייגערמאַכער. נאָך אַ באַראַק רופט זיך אויפן נאָמען פון דעם דניעוואַלני, דעם עפּילעפּטיקער. אַלעק און בינעם קאָלערן אויף צוויי שיפּגעלייגטע דרענגער ווי שינעס, דאָס געהילץ, געבראַכט פון די וואַזשטשיקעס. זיי לייגן עס איין אין אַ גלייכער שורה, אַזוי שיכט אויף שיכט.

בינעם איז נישט שטאַרקער פון אַלעקן, כאָטש ער איז יינגער. מען רופט אים געלער מאיר. אַז ער לאָזט זיך וואַקסן די האָר זענען זיי געל. הויך און דאַר איז ער, אַז ס'רוקט זיך אים אַרויף דער אַרבל פון העמד קאָן מען איבערציילן זיינע אָדערן. די אויגן־ווינעס זענען רויטלעך. ער זעט אויס ווי אַ פּאַרווינטער. אַ בן־יחיד געווען. מחמת נישט געוואָלט לערנען און האָט נישט מצליח געווען ביי די עקזאַמענס, האָט אים דער פּאָטער גענומען צו הילף אין זיין לעדער־געשעפט. בינעם האָט געהאַט אַמביציע זיך אויסצוטיילן מיט עפּעס פון זיינע חברים און ער האָט געלערנט עספּעראַנטאָ. ער האָט אויך די לערע איבערגעריסן. זיינע צוויי חברטעס פון דעם הויף, ווו ער האָט געוווינט, זענען געווען מיטגלידערנס אין צעירי־ציון־פּאַראיין, איז אים געפעלן צו גיין מיט זיי. ער איז אין אָקטאָבער 1939 געלאָפן אין די פּאַרנומענע געביטן דורך די סאָוויעטן, ווייל איינע פון די חברטעס, אַדעלאַ, איז געלאָפן. זי איז שפּעטער צוריקגעלאָפן. ער האָט נישט באַוויזן.

דאָ איז ער נישט קיין פּוילער. עסן וויל ער אַ סך. ער שעמט זיך נישט צו זיין איינער פון די, וואָס לעקן אויס די שיסלען אין דער סטאָלאָווע. ער האָט שוין אַלץ פון זיין וועש פאַרקויפט, אויסגעטוישט אויף פּאַיקעס

ברויט. ער באַהאַלט זיך נישט מיטן נאָגן מאָקוך. ער האָט זיך צוגעקליבן אַ ווערטל און ער חזרט דאָס אָפט איבער: „ברויט איז אַלץ און אַלץ איז ברויט. ס׳איז דאָס ערשטע, ס׳איז דאָס לעצטע״.

ביים קאָלערן די קלעצער צום צוזאַמענשטעלן דעם בונט, טראָגט מען הענטשקעס מיט איין פינגער. מען מוז זיך גוט אונטערגאַרטלען, אַז דער קלאָץ זאָל קומען אויפן אָרט. די אויגן קריכן אַרויס ביז מען זעט אים שוין ליגן אין דער שורה.

בינעם האָט דערזען, אַז אַלעק האַלט אונטערן בושלאַט אַ פּאַיקע ברויט. די נאָז איז אים ווי געוואָרן שפּיציקער. ער האָט געסאָפּעט, אַרויס־געשטעקט די צונג, ווי אַ הונט אין אַ היץ. די הענט האָבן אים געציטערט. ער איז מטושטש געוואָרן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס פריער צו טון. מיט אַ מאָל האָט ער אַ זאָג געטון:

— גיב מיר די פּאַיקע! גיב מיר די פּאַיקע!

צום ערשטן מאָל האָט אַלעקן זיך געדאַכט, אַז ער הערט נישט. ער האָט אים אָנגעקוקט. צום צווייטן מאָל האָט ער שוין נישט געצווייפלט און ער האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג.

דער געלער האָט פאַרשטאַנען אַלעקס בליקן און ער האָט אויף צו באַשטעטיקן זיין ווענדונג געשאָקלט מיטן קאָפּ — „יאָ״.

אַלעק איז נבהל ונשתומם געוואָרן — ווי קאָן ער דאָס פאַרלאַנגען? איז ער נישט חסר־דעה? די פּאַיקע איז נישט זיינע. דער געהילף דיע־סאַטניק האָט זי אים געגעבן צו האַלטן — אָפּצוגעבן אים אין באַראַק. ער אַליין וויל אַפילו נישט שמעקן צום ריח פון דעם ברויט. ס׳איז אַ רעפּטל. ער וועט עס קיין מאָל נישט קריגן אָפּצוגעבן. און אַלעק האָט אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט אין אַ קלאָץ פון בונט, זיך איינגעקוקט אין בינעמען. וואָס איז ער עפּעס ווילד געוואָרן״? — ער האָט מורא — דער יונג קאָן אים נאָך עפּעס אָפּטון. ער קאָן אין מיטן קאָלערן אַ קלאָץ אָפּלאָזן — דער קלאָץ זאָל פאַלן אויף זיינע פיס, אים מאַכן פאַר אַ קאַליקע, — אַ יונג קאָן זיך פאַרגינען אַזוי לייכט, געמיטלעך אַרויסזאָגן — „גיב מיר די פּאַיקע!״

— דו מיינסט עס ערנסט? — פרעגט אַלעק.

— און דו מאַכסט זיך תמעוואַטע?

— זי איז נישט מיינע.

— וועסט זאָגן, אַז דו האָסט זי פאַרלוירן. וועסט זאָגן, אַז זי איז אַריינגעפאַלן צווישן די קלעצער, איך בין אַן עדות. „ברויט איז אַלץ און אַלץ איז ברויט"... כ'וועל זיך פאַרקלעמען אַ האַנט און זאָגן, אַז דו האָסט עס געטון, דו ביסט שולדיק. כ'וויל נישט גנבענען. דאַרפסט אַליין זי מיר געבן...

בינעמס אויגן זענען געשוווּמען אין טרערן. ער האָט איצט ניין מאָס רייד געקריגן. ער וואָלט באַצאָלט וויפל אַלעק וואָלט געוואָלט. ער וועט זיך אָפּרייסן אַ קאָראָנע פון אַ צאָן — אַ גאָלדענע קאָראָנע — און זי געבן אַלעקן. אַז ער זעט דעם שפּיץ פון דער פּאַיקע, וואָס פאַרעמט זיך אין בושלאַט ווי אַ ציצל, קערן די געדערעם זיך איבער... דער זיסער טעם פון ברויט קיצלט אים די ציין.

— גיב, גיב אַ ביס צו טון, אָדער!... — האָט ער האַסטיק גערעדט — אַכזר! עסט נישט אַליין און טוסט אַן צנדערן אויסשטעכן די אויגן. איך קאָן דיר געבן דעם טאַלאָן אויף זופּ, וואָס איך דאַרף קריגן אין אָוונט. איך באַשווער דיך ביים קינד... כ'וועל דיר אָפּרייסן די קנעפּ פון בושלאַט. כ'וועל אַזוי מאַכן, אַז דו זאָלסט זי פאַרלירן. כ'וועל דיר אונטערשטעלן אַ פוס זאָלסט אומפאַלן, זיך אויסלענקען אַ פוס... וועסט בלייבן אַ קאַליקע. לוינט עס דיר צו מאַכן מיך פאַר אַ פאַרברעכער צוליב אַ פּאַיקע, וואָס דו וועסט פון איר קיין הנאה נישט האָבן? לוינט עס דיר?

עס האָט אַלעקן גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. בינעמס רייד האָבן זיך אים געמישט אין קאָפּ. אין די אויערן האָט געזשומעט זיין כאָרכל־דיקע שטים. אַ רחמנות־געפיל האָט אים געדריקט. ער האָט געהאַלטן די האַנט אויף דער פּאַיקע, כדי עס זאָל זיך נישט אָנזען איר פאָרעם. זי איז אים מיאוס געוואָרן. ער האָט געוואָלט אַ רוף טון צום געהילף־דיע־סאַטניק, אים צוּוואַרפן די פּאַיקע, אָבער נישט געקאָנט, ווי פאַרשטייפט איז אים געוואָרן די צונג. ער האָט מיט בינעמען געשטופּט אַ קלאָץ אויפן בונט און בינעם האָט זיין אימפּעט פאַרגרעסערט, כמעט ווי אַליין גע־שטופּט די משא. און ס'איז אַלעקן געקומען אַ געדאַנק זיך מאַכן פאַרלירן די פּאַיקע און בינעם זאָל זי געפינען.

אַ ברייטער שניי האָט זיך צעשיט געדיכט, ווי אין אַ ווירוואַר געיאָגט. זיצנדיק אויפן שליטן צו פאָרן אין דער זאָנע, האָט ער געפילט ווי בינעם,

האַלטנדיק זיך אין אים, איז מיט אַ האַנט אין זיין בוזעם... ער האָט זיך גענומען די פּאַיקע, אַלעקן איז גרינג געוואָרן. ער האָט לייכט אָפּגעאָטעמט, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ שטיין...

9

שייקעוויטש און אַליעוו דער אַפגאַניסטאַנער

בינעם האָט אויפגעגעסן די פּאַיקע און אַלעקן געגעבן אַ שטיקל מאַ־קוך. ער האָט דאָס נישט געגעבן אַלעקן אין דער האַנט אַריין, נאָר עס אַוועקגעלייגט אויף אַלעקס געלעגער. ביים אַוועקלייגן דאָס שטיקל מאַקוך האָט ער אַפילו נישט געקוקט אויף אַלעקן ווי ער וואָלט עס זיך געמאַכט פאַרגעסן.

אַלעק האָט געטרונקען „קיפּיאַטאָק". ער האָט נאָר געצווייפלט צי דער געהילף־דיעסאַטניק וועט אים גלייבן, אויב ער וועט זאָגן, אַז ער האָט די פּאַיקע פאַרלוירן. און דערציילן דעם אמת האָט ער זיך געשעמט. ער וועט זאָגן, אַז ער איז אַ לעמעשקע. אַן אומעט האָט אים געדריקט.

אין דעם מאָמענט האָט שייקעוויטש, דער שכן פון דער נאַרע, זיך צוגערוקט צו אַלעקן: „ער האָט פאַר אים אַ גוטן פאַרשלאָג".

שייקעוויטש האָט געהאַט פּאַליפּן אין דער נאָז און ס׳רעדן איז אים אָנגעקומען שווער. דאָך האָט ער דאָס מאָל גערעדט אַ סך. ער האָט גע־וואָלט איבערצייגן אַלעקן, אַז ער דאַרף אָננעמען זיין פאַרשלאָג.

דער פאָרטרעט פון שייקעוויטשן איז נישט געווען צוציענדיק. דער קאָפּ — גרויס, ווי אַ באַניע. ס׳פּנים שמאָל. די אויגן־ווינקלען — רויט, ווי זיי וואָלטן צוגעשמירט געווען מיט אַ בלוט־ליאַמעווקע. די ליפּן — אָנגעגאָסן, פאַרקרימט און ער האָט אַ ביסל געגאַווערט. אין זיין שטאָט, קאַליש, איז ער געווען אַ וועבער — פוירהאַנגען און טיולשפּיצן געוועבט. אַ ליידנ־שאַפטלעכער רויכערער, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין מאַכאָרקע, האָט ער פאַרוויקלט אין פּאַפּיר אַ ביסל מאָך, וואָס ער האָט געשלעפּט פון צווישן די בעלקעס אין דער בהמות־שטאַל, וווּ ער האָט געאַרבעט.

די שטאָל געהערט צום אַגראָנאָם קאַלגושין. שייקעוויטש האָט גע־פּאַשעט אויך חזירים און דערציִיגן קעלבער... ער האָט אַלעקן פאַרגע־שלאָגן ער זאָל גיין אַרבעטן מיט אים אין דער שטאָל. אַלעק וועט זיין אַ וואַסער־פירער. ער האָט אים אויסגערעכנט, אַז ער וועט האָבן ברויט וויפל ער וועט וועלן. מען ברענגט פון דער בעקעריי ברויט־אָפּפאַלעכץ פאַר די חזירים, וועט אַלעק זיך אויסקלייבן די שטיקער, וואָס ער וועט וועלן. מען ברענגט פאַר די בהמות בוראַקעס, וועט אַלעק קאָנען זיך אָננעמען מיט בוראַקעס, וויפל ס׳וועט אים גלוסטן. ער גיט די קעלבער מילך, וועט ער אַלעקן אויך געבן אַ קווערטל. ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים אויסלערנען איינשפּאַנען ס׳פערד אין וואָגן. ער וועט ווייזן ווי אַזוי אַראָפּ־צופאָרן צום טייכל און אָנשעפּן אַ פעסל וואַסער. אַלעק וועט אַרבעטן אונטער אַ דאַך, וועט אים זיין וואַרעם.

**
*

איינשפּאַנען ס׳פערד האָט זיך אַלעק שנעל אויסגעלערנט, נאָר דאָס אַראָפּפאָרן מיטן פעסל פון גליטשיקן בערגל, איז אים אָנגעקומען מיט גרויסע אָנגסטן.

ביי דער שפּוּע פון באַרג, האָט דאָס פערד זיך אויסגעדרייט צוריק־צולויפן אין שטאָל אַריין.

דער קאָמענדאַנט און דער נאַריאַדטשיק האָבן פון דער זאַנע געקוקט אויף אַלעקס אַמפּערן זיך מיטן פערדל. ער האָט אַפילו געהערט זייער לאַכן, און ס׳איז אים אַ חרפּה געווען נישט צו קאָנען גובר זיין דעם פערדס עקשנות. חוץ דעם האָט ער מורא געקריגן, אַז ער וועט פאַרלירן דעם אַרבעט־פּלאַץ. נישט האָבן מער די שטיקלעך ברויט פון אָפּפאַלעכץ. ער איז ווידער אַראָפּ פון דער קעלניע, אָנגענומען דאָס פערד פאַר דער צוים און מיט אַלע כוחות צוגעהאַלטן, אַז עס זאָל זיך נישט אויסדרייען, גע־שלעפּט עס, געוואָלט עס זאָל פאַרגעסן דעם וועג צו דער שטאָל. צום שווערסטן איז אים אָנגעקומען דאָס אַרויפפירן דאָס פערד אויפן שפּוּע. דאָס פערד האָט אָנגעשטייפט די פיס, ווי שטעקנס. פון די פערדישע גאַלעס האָט געשפּראָצט אַ ווילדקייט. ער האָט געזען, אַלעק, אַז מיט בייזן וועט

ער גאָרנישט אויספירן, האָט ער עס געגלעט, זיך אָנגעהאָנגען אין אים, און מיט אַ מאָל האָט דאָס פערדל אַ טשוקע געטון — גאַלאָפּ אַראָפּ.

דער שפּוע צום טייכל איז געווען גרעסער, ווי דאָס בערגל צו דער שטאָל, אָבער דער וועג איז שוין געווען אַן אויסגעטרעטענער. דאָס האָט געמאַכט דעם הויפּט־„וואָדאָוואָז" *) פון לאַגער מיט זיין פערד. איבערן וועג איז געלעגן קופּקעס פערד־מיסט, האָט אַלעקס פערדל דערקענט, דער־שמעקט, אַז זיינס גלייכן איז שוין דאָ געווען און ס'איז אין געלויף אַראָפּ צום וואַסער.

דער וועג אויף צוריק איז געווען נאָך ערגער. באַרג אַרויף און אויף דער גליטש האָבן דעם פערדס פּאָדקאָוועס נישט געקאָנט זיך איינבייסן אין דעם אייז. אַז עס האָט שוין יאָ געמאַכט אַ טראָט פאָרויס, האָט עס באַלד זיך הינטערווייליקס צוריקגערוקט, ווי מען וואָלט עס צוריקגעשלעפּט. דאָס פעסל מיט וואַסער איז אַראָפּגעפאַלן פון וואָגן און זיך אַראָפּגעקייקלט אויף דעם אייז פון טייכל. די משא האָט אויפגעבראָכן דאָס אייז. דאָס פעסל איז אַ העלפט פאַרזונקען געוואָרן אין וואַסער.

אַלעק איז שטיין געבליבן ווי פאַר אַ תהום, נישט געוווסט וואָס צו טון. די בהמות וואַרטן אויפן טרונק און דאָס פעסל ליגט אין טייכל. קיין לעבעדיקער מענטש גייט דאָ איצט נישט פאַרביי. ער זאָל שרייען, איז בישטאָ ווער ס'זאָל הערן. די וואָליקעס זענען אים באַוואָקסן מיט אַ דיקער שיכט אייז. צעטומלט, אומבאַהאָלפן, האָט ער זיך געדרייט אויפן פאַר־פרוירענעם טייכל אַרום פעסל. וואָס וועט מען איצט זאָגן אויף אים: „אַ לא יוצלח". ביז איצט איז אַזאַ פאַל נאָך קיינעם נישט געשען. דער נאַ־ריאַדטשיק וועט שיטן קללות און חרומות. ער וועט אים פאַרוואַרפן אין איזאָלאַטאָר צ'רייך. די „דיעלע" **) איבערשיקן אין דער צענטראַלע. דאָרט וועט מען אַרויסטראָגן אַ פּסק. ווען ער זאָל קאָנען רירן דאָס פעסל פון אָרט, אויסגיסן דאָס וואַסער, וואָלט ער עס אַרויפגעקייקלט צוריק אויפן וואָגן און אָנגעפילט פון דאָס ניי. ער פּרוווט — ער קאָן נישט.

מיגוטן האָט ער זיך געאַמפּערט מיטן פעסל ווי מיט עפּעס אַ חיה.

---

*) וואַסער־פירער

**) ענין

ער האָט עטלעכע מאָל זיך אויסגעגליטשט ביז ער האָט באַשלאָסן צו לויפן אין דער שטאָל דערציילן שייקעוויטשן.

מיט אַ מאָל איז שייקעוויטש אַליין אָנגעלאָפן. ער האָט זיך משער געווען, אַז ס'איז געשען אַ פּאַרפאַל. געמיינט — מיט אַלעקן גופא, אָבער נישט מיטן פעסל. ער איז צנטלאָפן פון דער שטאָל, ווייל די בהמות מעקן מוראדיק און האָבן אים דול געמאַכט. ער האָט גאָרנישט גערעדט, נישט געמאַכט קיין שהיותן, צוגעפאַלן צום פעסל, ווי באַהערשט פון עפּעס אַ ווילדן כוח און געשיקטקייט. דאָס פעסל האָט זיך אים נאָכגעגעבן. ער האָט עס געדרייט ווי אַזוי ער האָט געוואָלט. ער האָט געזען, אַז אַלעק איז פאַרמאַטערט, האָט ער אַלץ אַליין געטון: דאָס פערד אַרויפגעפירט אויפן וועג, ביי אַלע מסוכנע ערטער אונטערגעשטעלט אַ פלייצע דעם וואָגן.

— כ'טאָר דאָס נישט טון. די לונגען זענען שוין אַ מאָל געווען אָנ־געריר'ט, נאָר אַז מען דאַרף העלפן אַ חבר... — האָט ער געזאָגט און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף אַלעקס אַקסל, כדי צו כאַפּן אָטעם.

***

אין שטאָל האָט געאַרבעט אַ רוימער, אַליעוו, אַן אַפגאַניסטאַנער. אַ מגושמדיקער, אַ ברייטער גוף און אַ קליינער קאָפּ. ברייטע וואָנצעס, וואָס האָבן פאַרדעקט דאָס מויל. ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַגער און זיך דערוווּסט אַז ס'איז דאָ אַ בהמות־שטאָל, האָט ער אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט מיט זיך געבראַנגט און אויסגעבעטן מען זאָל אים שטעלן אַרבעטן אין דער שטאָל צו באַדינען די בהמות. אַז ער איז געקומען צו דער אַרבעט און ער האָט געטראָפן אַ חזירים־קאַמער, האָט עס אים פאַדראָסן. ער האָט געשאָלטן, אָבער נישט געקאָנט זיך אויסביטן וואָס יאָ און וואָס נישט. האָט געררוימט די שטאָל אויף צוויי אופנים: דאָס מיסט פון די בהמות האָט ער אַרויסגעטראָגן מיט די הענט, געזאָגט פסוקים. צו די חזירים האָט ער אָנגעטון אויפן פנים אַ מאַסקע; צו נעמען די לאָ־פּאַטע האָט ער אָנגעטון הענטשקעס און געשאָלטן.

מיט אים האָט עס אַלעק געזעגט קלעצער, צעהאַקט די שטשאַפּעס

אויף שטיקער, אַז ס'זאָל שייקעוויטשן באַקוועם זיין צו הייצן דעם אויוון און קאָכן פאַר די חזרים די קאַרטאָפל און פאַר די קעלבער די מילך.

אַליעוו איז געווען אַ געניטער האַלץ־העקער, געקענט די מלאכה. אַלעק האָט זיך געדאַרפט צופּאַסן צו זיין טעמפּאָ פון אַרבעט. קיין הכנות צו זעגן אַ קלאָץ פלעגט אַליעוו נישט מאַכן. אַזוי ווי דער קלאָץ איז גע־לעגן, האָט ער פאַרלייגט די זעג. אָפט איז אַלעקן אויסגעקומען צו קנ:ען אין שניי און צ:ען די זעג. ער האָט געמוזט געדענקען נאָכצולאָזן די זעג, אַז עס זאָל אַליעוון לייכט זיין צו צ:ען זי צו זיך. האָט אַלעק אַ מאָל פאַר־געסן, אָדער די האַנט איז אים מיד געוואָרן, איז אַליעוו בייז געוואָרן און געבלאָזן אין די וואָנצעס אַריין, ווי אַ קאַץ. אויף אָפּצוטון אַלעקן, האָט ער דאַן אָפּגעלאָזט די זעג, אַז אַלעק זאָל זיך מער מאַטערן; אויב ער איז נישט בייז געווען, האָט ער אַלעקן בלויז געשטראָפט, אים אָפּגעזאָגט די קאַריערע פון אַ האָלץ־העקער:

— אויב דו האָסט אַזעלכע שווערע הענט, וועסטו אין דער צוקונפט לעכצן נאָך אַ כזית ברויט... — האָט ער געזאָגט.

ער האָט, אין אַלעקס קעגנוואַרט, געזאָגט יעפּימאָוון, דעם „זאָוו" פון דער פערמע, אַז ער זאָל אַלעקן נישט נעמען מער צו דער אַרבעט.

יעפּימאָוו, אַ געוועזענער קולאַק, איז אין יענע יאָרן געווען מער האַראָפּאַשניק, ווי איצט. ער האָט דעמאָלט אַפילו נישט קיין צייט געהאַט אָנצוטון זיך אין אַ לייטיש מלבוש... היינט האָט ער ספּעציעל זיך אויס־געקליבן די מלבושים זאָלן זיין אויף אים ברייט און לאַנג. זיין צעקנייטשט פּנים איז תמיד פאַרכמורעט און ער האַלט די אויגן פאַרמרוזשעט, ווי ער וואָלט כסדר געטראַכט. ער וויל קיין מאָל נישט רעדן וועגן זיין „סראָק".

— בירגער יעפּימאָוו, ווי לאַנג שוין אין דעם לאַגער דאָ?

— כ'האָב שוין פאַרגעסן ווען כ'בין אָנגעקומען.

— וויפל יאָר דאַרף יעפּימאָוו נאָך זיין אין לאַגער?

— נאָך גענוג יאָרן.

— אַליין זיך אויסגעקליבן דעם לאַגער?

— כאַ — כאַ — כאַ! — צעלאַכט זיך יעפּימאָוו. דאַן האָט ער זיך צערעדט:

— נאָך אַ גאַנצן טאָג אַקערן אין פעלד האָבן זיי מיך געצויגן אויף

אַ „סאָבראַניע" *). כ'בין געווען טויט מיד, האָב איינגעדרימלט, נישט גע־הערט ס'בראַוואָ פּאַטשעריי. צומאָרגנס האָט מען מיך גערופן אין „ראַי־ספּאָלקאָם" **). מען האָט מיר פאָרגעלייענט, אַז כ'בין מיט כוונה געשלאָפן נישט צו אַפּלאָדירן פאַרן כבוד פון פירער סטאַלין, ווען דער פאַרזאַמלטער עולם האָט שטורמיש אַפּלאָדירט. די מידקייט פון אַרבעט האָט מיך איינ־געשלעפּט, האָב איך געזאָגט. געזאָגט דעם אמת. און כ'בין שוין נישט צוריק אַהיימגעלאָזט געוואָרן.

ער האָט נישט געוואָלט צוליב טון אַליעזון. אַלעק איז געבליבן ביי דער אַרבעט. האָט אַליעזו נישט געוואָלט מיט אַלעקן זעגן האַלץ, האָט יעפּימאָוו גענומען די זעג און מיט אַלעקן צעזעגט דעם קלאָץ. אַלעק איז אים ליבער געווען ווי אַליעזו. אין אַלעקס קעגנוואַרט האָט ער נישט מורא געהאַט צו פאַרמאַכן זיך אין שטיבל מיט דער מעלקערין. פאַר אַליעזון האָט ער זיך אויסגעהיטן. אַז דער נאַריאַדטשיק איז געקומען און ער האָט געוואָלט אים געבן צו טרינקען אַ קווערטל מילך, האָט אַלעק געמעגט שטיין דערביי. אַליעזו נישט — אים האָט ער אַוועקגעשיקט צום הויפּט־מעלקער צו ברענגען די קאַנען, כאָטש דער מעלקער האָט גע־דאַרפט אַליין זיי ברענגען.

ווען אַליעזו האָט געזען, אַז יעפּימאָוו פאָלגט אים נישט, האָט ער חרטה געהאַט אויפן געזאָגטן. ער האָט זיך גערדרייט אַרום אַלעקן און וואָס אַלעק האָט געטון האָט ער זיך צוגערוקט אים צו העלפן. ער האָט אים געקוקט אין די אויגן און ער האָט געוואַרט, אַז אַלעק זאָל אים עפּעס זאָגן.

האָט זיך געמאַכט: יעפּימאָוו האָט פאַרגעסן צו באַשטעלן האָלץ פאַר דער שטאַל. די בריגאַדע וואָזשטשיקי איז שוין געווען צוריק פון וואַלד — וועט נישט זיין קיין האָלץ צו קאָכן דעם ווייץ פאַר די חזירים און נישט אויפצוברי:ען די מילך פאַר די קעלבער. האָט יעפּימאָוו גענומען אַלעקן, אים צוגעפירט צו אַ באַזע פון ברעטער און אויף שטום־לשון אים געוויזן וואָס ער האָט צו טון. ער האָט אַלעקן שטיין געלאָזט און אַליין שנעל

*) פאַרזאַמלונג.

**) ראַיאָן־קאָמיטעט.

אַוועק, אַז ס׳איז נישט קענטלעך געווען זיין שלעפּן דעם רעכטן פוס, וואָס ער האָט געהאַט צעבראָכן אַרבעטנדיק אין וואַלד ביים שניידן „סאָ־באָסטאַיקעס״, ווי ער איז געווען אַ סטאַכאַנאָוויעץ.

שטייט אָלעק און טראַכט: ווי אַזוי נעמט מען אַזאַ לאַנגע ברעט און מען זאָל נישט וויסן, אַז עס פעלט. ווי אַזוי טראָגן אַזאַ לאַנגע ברעט און עס זאָל נישט לאָזן קיין שפּורן וווהין די ברעט איז פאַרשלעפּט געוואָרן. די ברעט איז לאַנג, אַז ער וועט נעמען אויפן אַקסל, וועט זי זיך איינבייגן פוןביידע זייטן און די עקן וועלן רייבן דעם שניי, מאַכן אַ פּאַס איבערן גאַנצן וועג ביז דער שטאַל.

אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן אָליעוו, ווי ער וואָלט אַפּער פון צווישן די ברעטער. ער האָט אָנגעכאַפּט די ברעט ביים צווייטן עק און נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער זיך אַרויפגעלייגט אויפן לינקן אַקסל. ער האָט מיט דער רעכטער האַנט זיך געגלעט ס׳פּנים, אַ סימן, אַז ער וויל אָלעקן מפייס זיין. אין שטאַל האָט ער אַליין אויפגעזוכט די זעג און ווידער — נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט — אויסגעשטרעקט די זעג צו אָלעקן ער זאָל אָננעמען דאָס צווייטע הענטל.

פאַרנאַכט, צוריקגייענדיק אין דער זאָנע, האָט אָליעוו אַוועקגעלייגט די הענט אויף די אַקסלען אָלעקן און שייקעוויטשן און אַזוי אין זיין הינערפלעט־קרענק געלאָזט זיך פירן אין באַראַק אַריין.

10

פיאָדער — פיעדקאָ פּאָלאַק

דער נאָמען פּאָלאַק האָט גאָרנישט געהאַט קיין שייכות מיט זיין אָפּשטאַם. פיעדקאָ איז קיין מאָל אין פּוילן נישט געווען, אויך נישט זיינע אָבות. דער צונאָמען פּאָלאַק איז געקומען פון אַ צופאַל. די אָבות אבותיו האָבן זיך גערופן קאָלאַק. מיט דער צייט האָט עפּעס אַ באַאַמטער דעם אות ק פאַרביטן אויף אַ פּ. פון דאַן אָן איז דער פאַמיליע־נאָמען זיינער געבליבן — פּאָלאַק.

אין שטורעם

פיאָדאָר — פיעדקאָ, איז אַ בלאָנדער. ער האָט אַ ווייסע הויט און אויגן גרינע מיט אַ גלאַנץ פון פאַרדאַכט, ווי ביי אַ קאַץ. ס'קאָן זיין, אַז ער איז אַ גוטער יונג, עס קאָן זיין פאַרקערט. זיין פיגור איז אַ גלייכע, אָבער לאַנגע הענט און די פלאַכן ברייט, איבערגעוואָקסענע.

פיעדקאָ איז ערשט נישט לאַנג אָנגעקומען אין דעם לאַגער דאָ, אָבער אויף פאַרשיקונג איז ער שוין עטלעכע יאָר. מען האָט אים איבערגעשיקט פון אַן אַנדער לאַגער, פאַר אַ חשד, אַז ער האָט באַציִונגען מיט אַ „זע־קאַ" — אַ פרוי פון דער וועשעריי.

פיעדקאָ איז אַ כעסן. אַז ס'טוט זיך אים נישט ווי ער וויל, צינדט ער זיך אָן מיט רוגזה — ס'בלוט קומט אים אין פּנים. ער ווערט רויט ווי אַ בוראַק. די נאָזלעפלען ווערן צעשפּרייט ווי צוויי קלאַפּעס, ער קריצט מיט די ציין; אין דער רגע וואָלט ער אָפּגעטון ס'ערגסטע, נישט טראַכטנדיק וועגן רעזולטאַטן. ער איז פאַרשיקט פאַר אַ מאָרד: האָט זיין שוואָגער פאַררוקט אַ מעסער און יענער איז שוין נישט אויפגעשטאַנען. ס'איז געשען נאָך דעם ווי ער האָט זיך דערוווסט, אַז דער שוואָגער האָט אים געמסרט: „ער גיט נישט די געהעריקע צאָל פלייש און פעל דער „גאָספּאָסטאָווקע" *); ער האָט נישט חרטה אויף דעם „קאַלט מאַכן" זיין שוואָגער. ער באַרעכטיקט זיין שריט:

— ווען איך טו מסרן, וואָלט איך, פיעדקאָ, געווען אויף וואַסילס אָרט.

איצט אַרבעט פיעדקאָ צוזאַמען מיט אַלעקן אין דער שטאַל. פיעדקאָ איז אַ געזונטער פעלד־אַרבעטער, קען זיך גוט אומגיין מיט בהמות. צוליב זיין פּאַראַגראַף האָט ער נישט געטאָרט גיין אָן אַ „סטרעלאָק", האָט יעפימאָוו צוגעטיילט אַלעקן צו פיעדקאָ סיי אלס געהילף, סיי אַלס שומר. פיעדקאָ האָט עס געוווסט. אַז ער האָט אַ קוק געטון אויף אַלעקן, וואָס האָט אין פאַרגלייך צו אים, אויסגעזען ווי אַ לאָשעקל, האָט ער געלאַכט. איינס: ווייל עס פאַלט אים נישט איין צו אַנטלויפן; צווייטנס — ווען ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן, וואָלט דען אַלעק געווען פאַר אים אַ שטערונג?

אַז ער איז געפאָרן מיט אַלעקן אויף וואָגן און פערד צו ברענגען הײ־

---

*) מלוכה־שטייער.

פאַר די בהמות, האָט ער געקאָנט טון וואָס ער האָט געוואָלט. אָלעק האָט דאָן פאַר אים ווי נישט עקסיסטירט.

אַ באַזונדערע אַרבעט איז געווען דאָס ברענגען „סילאָס". דאָס איז געווען אַזאַ מין „ביגאָס", אַ דעליקאַטעס פאַר די בהמות. זומער ווערט עס צוגעגרייט אויפן ווינטער. זומער האָט דער אָרגאַניזאַם געהייסן צונויפנעמען אַלע אָפּפאַלעכצן פון גרינסן, נישט אַוועקוואַרפן אין מיסט, נישט פאַרשמוצן, נאָר אָנזאַמלען אַלערליי בלעטער: קוסטעס פון קאַרטאָפל, פון די ריבן, פון די בוראַקעס, כל מיני שאָלעכצן. דאָס אַלץ איז געוואָרן באַשמאַלצן מיט זאַלץ און אַריינגעוואָרפן אין אַ טיפן גרוב. דאָס גרוב האָט מען פאַרשיט מיט אַ דיקער שיכט ערד. אין טיפן ווינטער האָט מען אויפגעהאַקט דעם פאַרפרוירענעם שיכט ערד צום „סילאָס" און יעדן טאָג געשלעפּט צו ביסלעך פאַר די בהמות. דאָס איז אַ געשמעלץ צום היי און די קי־אייטערס ווערן דערפון פולער.

די גריבער מיטן „סילאָס" זענען אויפן קאַרטאָפל־פעלד, ווייט פון דער שטאַל און דער זאַנע. ס'איז צו פאָרן אויף אַ שמאָלער סטעטשקע אין אַ הויכן שניי.

ווי יעדעס מאָל, האָט פיעדקאָ מיטגענומען דעם אייזערנעם לאָם, די האַק, ווידלעס צוויי — די כלים וואָס מען דאַרף, כדי צוצוקומען צום „סילאָס" און אַרויסצושלעפּן פון גרוב פאַר די בהמות. יעדן טאָג פלעגט זיין אַ גרויס מאַטערניש צו צעהאַקן די פאַרפרוירענע ערד;ביידע האָבן זיי געהאַקט און געגראָבן, אַוועקגעלייגט אַ סך כוחות ביז זיי האָבן געברענגט ס'ביסל סילאָס אין שטאַל אַריין.

אין די ערשטע טעג האָט פיעדקאָ נישט מקפיד געווען וועגן זיין ווער פון זיי ביידע אַרבעט מער. לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן פּאָנפען, אַז אָלעק העלפט אים נישט. ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויף אָלעקס הילף, וואָלט ער אַפילו נאָך צוויי טעג אַרבעטן צום סילאָס נישט צוגעקומען. ער האָט אים נישט ליב, אָלעקן. ער שלאָנדערט זיך אים נאָך און דענערווירט אים. ס'הייסט ער האָט אַ געהילף און נישט קיין הילף. ער האָט געזאָגט יעפּימאָװן, אַז ער זאָל נישט שיקן אָלעקן. ער וועט בייז ווערן און ער וועט אים דערהרגענען.

יעפּימאָוו האָט אים געוואָרנט פאַר אַ „דאַבאַװוקע" צום סראָק. ער האָט אַ שלעפּ געטון דעם קאָלעקע פוס זיינעם און פיעדקאָן שטיין גע־

לאָזט נישט מיטצושיקן קיין אַנדערן. ער האָט אַלעקן אָנגעזאָגט: „פּיעדקאַן גוט צוהיטן״.

פֿאַרט איצט אַלעק מיט פּיעדקאַן צום סילאָס. אויף דעם וואָגן ליגן אַלע כּלים: דער שווערער לאָם, די האַק און די ווידלעס. ס׳איז אַ פּראָס־טיקער טאָג. דער שניי סקריפּעט אונטער די רעדער. דער געפרוירענער שניי גלאַנצט ווי אויסגעפּאָלירטער מאַרמאָר. אַלעק האָט גוט פֿאַרצויגן די היטל־קלאַפּעס איבער די אויערן, אַראָפּגעלאָזט דעם ווייכן דאַשעק פֿון היטל איבערן שטערן, דעם קאָלנער פֿון בושלאַט אויפגעהויבן צו פֿאַר־שטעלן דאָס מויל און מען האָט פֿון זיין פּנים בלויז אַרויסגעזען די אויגן און די נאָז. ער איז געזעסן אויפן פֿורל מיט אַרונטערגעצויגענע פֿיס אונ־טערן געזעס, אויסגעזען ווי עפּעס אַ מומיע.

פּיעדקאַ איז געווען צעהיצט. ער האָט געהאַט די אויערן־לאַפּעס אָפֿן, געאָטעמט מיט אַ געדיכטער פּאַרע. עטלעכע מאָל אַ שמיץ געטון דאָס פֿערד — איז עס געלאָפֿן אין אַ גאַלאָפּ. פּיעדקאַ האָט ווילעריש געפּייפֿט, אָפּגעלאָזט די לייצעס און געלאָזט דאָס פֿערד לויפֿן, ווי ס׳האָט געוואָלט.

הויל, פּוסט איז געווען דער אַרום. מען האָט נישט געזען מער ווי די באַשנייטע ביימער. די ברייטע פֿעלד־ווייסקייט האָט געבלענדט פֿון קלאָר־קייט. עפּעס איז אַלעקן איצט גאָר פֿאַרדעכטיק געוואָרן פּיעדקאַס שווייגן. תּמיד פֿלעגט ער איבערן וועג אים לערנען, געבן אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו אַרבעטן מיטן לאָם און דער האַק, אַז ער זאָל נישט פֿילן די מידקייט, די שווערקייט.

אַלעק האָט אַ קוק געטאָן אויף דער האַק אין וואָס פֿאַר אַ פּאָזיציע זי ליגט. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו דער האַק, כּדי זי צו פֿאַרשטעלן, זי זאָל ניט גלאַנצן אין פּיעדקאַס אויגן. אַ רגע האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז פּיעדקאַן אומזיסט חושד, אַז פּיעדקאַ וועט אים קיין שלעכטס נישט טון. אָט האָט ער אים נעכטן אָנגערופֿן „דרוך״ — מיט אַ מאָל האָט פּיעד־קאַ פֿאַלאַק זיך אַ קער געטון צו אַלעקן און זיך צעכעסט:

— די שטילקייט רייצט. דאָס בלוט זידט אין מיר. כ׳וואָלט איצט אומשטאַנד זיין אַפֿילו אונטער אַ געפֿלעכט פֿון שווערדן, אונטערצוהאַקן די פֿיס פֿון די פֿעכטער...

אַלעק האָט געקוקט אויף פּיעדקאַס הענט און קיין וואָרט נישט געזאָגט.

ד. זאַקאַליק

פלוצלינג האָט זיך פיעדקאָ צעלאַכט, זיך אָנגעבויגן צו אַלעקן:

— כ'האָב חשק דיך צו דערהרגענען! — האָט ער אים אַריינגעזאָגט אין פּנים. ער האָט מיט אַ ריס געכאַפּט צו זיך די האַק. אָט ווישט ער די שאַרף. ער וועגט די האַק אין דער האַנט, ווי ער וואָלט וועלן אָננעמען אימפּעט, אָבער ער לייגט זי צוריק אַוועק. ער דרייט מיט דער נאָז און בלאָזט פון מויל אַ ברייטע פּאַרע.

אַלעק זיצט ווי פאַרשטיינערט. ער קוקט אָן פיעדקאָן מיט אַ רוּיקער גלייכגילט. ער באַוועגט זיך נישט. די הענט זענען אים ווי געליימט. ווען ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו באַוועגן מיט די הענט, האָט ער זיי געריבן אויף אָנצוּוואַרעמען זיי, אָבער ער היט זיך נישט אָנצורירן די ווידלע, וואָס ער האָט זיך אָנגעגרייט זי צו נעמען אויף פאַרטיידיקונג. דערביי טראַכט ער זיך, אַז ווי פלינק ער זאָל נישט זיין זיך צו פאַרטיידיקן, וועט דאָך פיעדקאָ אים גובר זיין. ער וועט אים באַהאַלטן דאָ אין שניי און דער־נאָך זיך מאַכן „גאָט די נשמה שולדיק". ער וועט זאָגן, אַז אַלעק איז אַנט־לאָפן און מען וועט זיך נישט מיִען אַפילו אים צו געפינען. אַ רגע טראַכט אַלעק אַראָפּצושפּרינגען פון וואָגן און צוריקלויפן אין שטאָל אַריין. באַלד באַטראַכט ער זיך אָבער, אַז דערמיט קאָן ער פיעדקאָן נאָך מער אָנרייצן אויף זיך.

ראַפּטום האָט פיעדקאָ זיך צעלאַכט, אַ שטאַרגע געטון אַלעקן ווי צו קיצלען:

— הער, „דרוזי!" — האָט ער זיך געוואָנדן צו אַלעקן — הער! וויפל מאָל כ'האָב געוואָלט ממיתן מיין ווייבל, האָב איך עס דאָך נישט געטון. זי האָט תמיד מיט אַ שווייגן און גלייכגילט מיר געקוקט אין די אויגן. זי האָט געקילט אין מיר דעם כּעס. די זעלבע טבע האָסטו, — האָט ער צוברומענדיק געזאָגט. ער האָט מיט ווונקען און פינטלען מיט די אויגן אָנגעוויזן אַלעקן אויף דער האַק, ער זאָל זי אַוועקנעמען פון אים, זי פאַר־רוקן אונטערן געזעס, כּדי זי זאָל אים נישט רייצן. און ער האָט האַסטיק זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פערד.

דאָס פערד איז זיך געגאַנגען טראָט ביי טראָט. פיעדקאָ האָט אַפילו קיין סמאַטשקע נישט געטון, האָט עס זיך אין מיטן וועג אָפּגעשטעלט, ווי עס וואָלט זיך געיִשובט: צי גיין ווייטער? אַ מאָמענט האָט דאָס פערד

געקערט דעם קאָפּ אין אַ זייט, ווי עס וואָלט וועלן זיך איבערצייגן, אַז דער שמייסער זיצט. דערזען אַז פיעדקאָ הייבט אַ האַנט, האָט עס אָנגעבויגן דעם קאָפּ און געטשוקעוועט מיט דראָבנע טריטלעך.

די ברייטע שניי־ווייסקייט האָט געבלענדט די אויגן. אַלעק האָט נישט אָפּגעקערט פון פיעדקאָן זיין אויג. ער האָט נאָכגעקוקט זיין יעדע באַוועג־גונג. ווי זיי זענען צוגעקומען צום „סילאָס"־גרוב, האָט אַלעק געכאַפּט די האַק און געהאַקט די פאַרפרוירענע ערד. בעתן קלאַפּן האָט ער זייטיק געקוקט אויף פיעדקאָן צו זען וואָס ער נעמט טון.

פיעדקאָ האָט גאָרנישט געטון. ער האָט פאַרביסן די ליפּן. אין די אויגן האָט געגלאַנצט אַ געלעכטערל, אַ שפּאָט.

ווען ס'איז אַלעקן הייס געוואָרן, האָט ער אויפגעבונדן די אויערן־לאַפּעס. שפּעטער האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון קאָפּ דאָס היטל. ער איז אָבער נאָך אַלץ נישט צוגעקומען צום סילאָס; ס'איז אים גאָר הייס גע־וואָרן, האָט ער אויסגעטון דעם בושלאַט, אָבער די האַק פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזט.

פיעדקאָ האָט געהאַלטן אַ ווידלע — גרייט אָנצונעמען „סילאָס". מיט אַ מאָל האָט ער אָפּגעלאָזט די ווידלע, צוגעגאַנגען צו אַלעקן. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל און אים אַ צי געטון ער זאָל זיך אָפּשטעלן. ער האָט אים אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ, אָנגעוויזן ער זאָל אָנטון ס'היטל...

— מאַטערסט זיך, מאַטערסט זיך און ס'קומט גאָרנישט אַרויס. ביי וואָס „דרוך", ביי וואָס וועסטו פאַרדינען דיין ברויט? — האָט ער גע־פרעגט מיט באַדויערן, — פאַרגעס נישט, אַז דאָ איז אַרבעט ביליק. זאָל די ערד אים דאָרט אַרויסוואַרפן, דעם פּגר. צוליב זיין מיאוסער צונג האָב איך אים פאַררוקט ס'מעסער, און איך בין דאָ, אַז די נכפה זאָל מיך וואַרפן. דאָ איז אַרבעט ביליק. און איך בין זייערער פּאַר די פאַרדומפּענע קאַר־טאָפל. אַ רוח אין זייער טאַטנס־טאַטן, די בליאַדעס! — האָט פיעדקאָ גע־רעדט און מיט אימפּעט געהאַקט, צעפּאַטלט די ערד איבערן סילאָס־גרוב.

דאָס רעדן און שילטן האָט פיעדקאָן ווי פאַרטראָגן אין אַ בגילופנדי־קייט. ער האָט פאַרגעסן, אַז אַלעק דאַרף אים העלפן אַרויסרייסן סילאָס פון גרוב. ער האָט עס איצט איינער אַליין געטון.

אין וועג צוריק צו דער שטאַל פֿלעגן זיי שטענדיק ביידע נאָכגיין דעם וואָגן. דאָס מאָל האָט פּיעדקאָ נישט געלאָזט אָלעקן גיין, נאָר ער זאָל זיך אָוועקזעצן און האַלטן די לייצעס. ער אַליין איז געגאַנגען נעבן וואָגן און גערעדט צו זיך.

— זאָלסט מער נישט מיטנעמען די האַק. איך וויל זי נישט זען! איך וויל זי נישט זען!...

דער הימל איז פֿאַרצויגן געוואָרן מיט מאַטקייט. אַ שניי איז אַראָפּ. פּיעדקאָ איז אַרויף אויפֿן וואָגן און מיט כעס און רוגזה, ווי נאָך קיין מאָל נישט, געשלאָגן דאָס פֿערד. ער האָט עס געיאָגט עס זאָל לויפֿן שנעלער און שנעלער.

11

דער וולאָצלאַוועקער זייפֿנזידער און דער מעזריטשער זייגערמאַכער

דער וולאָצלאַוועקער זייפֿנזידער איז „דניעוואַלני" איז 9טן באַראַק. ער פֿאַרמאָגט זיין אייגנס... עטלעכע מיחושן. צוליב דעם האָט ער געקריגן די דניעוואַלני־שטעלע. און ער איז אַ פּינקטלעכער דניעוואַלני. ער איז גוט פֿאַרן קאָמענדאַנט און פֿאַר די לאַגערניקעס וואָס אין זיין באַראַק. ער, ווי קראַנק ער איז, טראָגט ער אַוועק אין דער „מושילקע" אַריין אַלע בושלאַטן און פּופּייקעס צום אויסטריקענען; אָן אַ פֿאַרזוימונג — צו דער צייט פֿון „פּאָדיאָם" — ברענגט ער צוריק די מלבושים, כדי די בריגאַדעס זאָלן באַוויזן צו שטעלן זיך צום „ראַזוואָד", נישט געיאָגט צו ווערן פֿון קאָמענדאַנט.

דער וולאָצלאַוועקער זייפֿנזידער איז אַ רעליגיעזער ייִד, אָבער ער פֿאַר־לאָזט זיך נישט די באָרד, כדי נישט אויסצוטיילן זיך פֿון אַנדערע לאַגער־ניקעס. ער האַלט, אַז ער דאַרף אָפּקומען די שטראָף, דעם 3 יאָר סראָק און ער וויל מיט אַלע כוחות אויסהאַלטן. ער איז זיכער, אַז ער וועט אויס־האַלטן. ער וועט איבערלעבן אַלע פּורעניות און דערלעבן די באַפֿרייונג.

ער האַלט אַפּילו, אַז דער פּסק־דין איז נאָך נישט דער לעצטער פּסוק. עס איז אָפּהענגיק פון דער מלחמה. אַז עס וועט ווערן אויס מלחמה, וועט דער פּסק — „דיעטקע סראַק״ *) בטל און מבוטל ווערן.

דער 9טער באַראַק רופט זיך — דער וולאַצלאַווקער זייפנזידער־באַראַק. דער איז אַ שם־דבר פאַר אַלע אָפּטימיסטן, די וואָס גלייבן אין איבערלעבן און דערלעבן די דערלייזונג. אין דעם באַראַק איז קוואַטערירט די „סלאַב־קאָמאַנדע״, — לאַגערניקעס, וואָס טויגן נישט צו דער אַרבעט. ס׳רוב זע־נען געשוואָלן פון הונגער, אַנגעגריפן פון „שקאָרבוט״. אַ טייל אַרבעט אין דער קיך ביי שיילן קאַרטאָפל, אַ טייל ביים רייניקן, זעגן האָלץ ביי די „וואַלניעניאָמנע״. דאָס זענען די געקליבענע יונגעלייט, וואָס זענען מסוגל צו אַנגעשטרענגטער אַרבעט: זיך אומצוגיין מיט פערד און שליטן און שלעפּן די קלעצער. זיי האָבן אַ באַזונדערן דין. זייער „פּאַדיאָם״ איז תמיד מיט אַ שעה אָדער צוויי פריער, כדי די צייט פון שפּאַנען דאָס פערד אין שליטן זאָל זיך נישט רעכענען צו דער אַרבעטס־צייט.

ביים וולאַצלאַווקער זייפנזידער אין באַראַק האָבן צוויי דאָקטוירים, ביעזשענצעס, זייערע געלעגערס. די ערשטע צייט זענען די דאָקטוירים אויך געגאַנגען מיט די וואַזשטשיקעס צו אַרבעטן אין וואַלד. לעצטנס גייען זיי אין וואַלד מיט קעסטלעך רפואות אַלס „גיכע הילף״, אין פאַל פון אַ געשעעניש מיט אַ וואַזשטשיק, אָדער גרוזשטשיק, וואָס איז אָפּגעשטאַנען אין מיטן דער אַרבעט. די צוויי דאָקטוירים קומען צווישן די „זאַפּראַוו־ליעניע״־באַאַמטע, ווו ס׳זענען פאַראַן אויך פריי־אַנגעשטעלטע, וועלכע האָבן אין די וויינונגען ראַדיאָ־פּונקטן, דערהאַלטן צייטונגען. פון זיי דער־וויסן זיך די דאָקטוירים נייעסן וועגן דער מלחמה און זיי דערציילן די נייעס אין 9טן באַראַק.

זייט דאַן איז דער וולאַצלאַווקער זייפנזידער־באַראַק אַן אינפאָרמאַציע־פּונקט פאַר אַלע ביעזשענצעס פון אַלע באַראַקן. מען כאַפּט אַריין דאָס עסן די זופּ אין דער סטאָלאָווע און מען כאַפּט זיך אַריין אין 9טן באַראַק הערן אַ מלחמה־ידיעה.

*) קינדער־פּסק.

די אינפאָרמאַציע גיט דער דאָקטאָר מישעלסקי. ער איז נישט קיין ביעזשעניעץ. ער איז געווען מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי און ווען די סאָוויעטן האָבן אין סעפּטעמבער 1939 פאַרנומען די מערב ווייס־רוסישע געביטן, איז ער דאָרט שטעקן געבליבן. ער איז אָבער פאַרשיקט געוואָרן גלייך מיט די ביעזשענצעס. דאָקטאָר מישעלסקי פּוצט זיך די וואָנסעלעך אין דער פאָרעם פון אַ שמאָל שנירל. ער איז תמיד ערנסט. די קאַטאָרגע האָט פאַרקלעמט אין אים יעדן שמייכל. ער איז אָבער אַן אויסגעשפּראָכענער אָפּטימיסט — פון די „זיך האַלטן און אויסהאַלטן״. ער איז זיכער, אַז די דערלייזונג פון די ביעזשענצעס וועט קומען מיטן סוף פון דער מלחמה:

— וואָס עס זאָל נישט זיין נאָך דער מלחמה, וועט מען אין לאַגער נישט בלייבן, — זאָגט ער און פאַרדרייסט דעם קאָפּ.

אַז דאָקטער מישעלסקי איז דאָ אין באַראַק זיצן די ביעזשענצעס אַרום טיש, ווי חסידים ביי אַ רבין, און זיי הערן זיך איין צו זיין רעדן. כדי אויסצומיידן חשד, אין פאַל ווען דער נאַטשאַלניק זאָל אַריינפאַלן, ער זאָל נישט מיינען, אַז עס איז אַ „סאַבראַניע״, האַלטן אַלע זייערע קע־סעלעך מיט קיפּיאַטאָק צו טרינקען, ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ געמיינ־זאַמע סעודה. אויך דאָקטאָר מישעלסקי טרינקט קיפּיאַטאָק. נאָר ער האָט אַ טעפּעלע מיט אַן אויערל. אַז אַלעק איז דאָס מאָל אַריינגעקומען אין דעם 9טן באַראַק, האָט ער געטראָפן דאָקטאָר מישעלסקי דערציילן:

— די פּראָנצויזן האָבן אַ מיטל צו שאַפן אַ נידעריק־גראַדיקע טעמ־פּעראַטור — אַ פראָסט אויף אַ ווייטן מרחק. ער קאָן זיין ווי אַן „עמוד ענן״; ווען דעם שונאס אַרמיי וועט זיך דערנענטערן, זאָל זי פאַרפרוירן ווערן. רוסלאַנד וועט שוין מער קיין תבואה נישט פאַרקויפן די היטלער־דייטשן; אַמעריקע טרעט אַריין אַקטיוו אין קריג. עס איז נאָענט די מפּלה פון די דייטשן.

— ס'קאָן זיין נאָך אין פרילינג? — פרעגט מעכעלע מיטן אָפּגע־ריסענעם דאַשיק פון היטל, דער שטענדיקער „סלאָבקאָמאַנדעניק״.

— ס'קאָן זיין! — זאָגט מישעלסקי מיט אַ טאָן, ווי דאָס איז זיין ווונטש.

אין שטורעם

— אַנדערע זאָגן, אַז די מלחמה צעפלאַקערט זיך איצט — רופט זיך אָפּ איינער ביים טיש.

— וואָס גרעסער עס וועט זיין דער פלאַקער, אַלץ נענטער איז צו דער ענדע — דערקלערט מישעלסקי.

— עס גייט צו פסח און מען וועט אפשר זיין בני חורין, ווי אַמאָל — רופט זיך אָפּ נאָך אַ קול ביים טיש.

דער וואָלצלאַווקער זייפנזידער האָט אין ווינקל, ווו זיין געלעגער, זיך געפּאָרעט ביי עפּעס אַ פּעקעלע און געבוטשעט דעם ניגון פון „שושנת יעקב"... ער איז צוגעקומען מיטן פּעקעלע צום טיש, עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש:

— היינט איז פורים אויף דער וועלט. אין דער היים פלעגט מען ביי דער סעודה עסן המן־טאַשן, געטונקט אין האָניק — האָט ער שטיל גע־זאָגט און מיט די הענט אָנגעוויזן אויפן פּעקעלע.

דער הויכפּיסיקער זשעלאַזקאָ, דער עלטסטער, איז ווי צוגעפאַלן צום פּעקעלע. אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט כאַפּן. ער וויל בלויז זען די המן־טאַשן.

עס זענען נישט געווען קיין המן־טאַשן. דער זייפנזידער האָט גע־קויפט אַ טאַלאָן פון אַ סטאַכאַנאָוועץ — דאָס עסן אַוועקגעגעבן, נאָר גע־לאָזט זיך דאָס בולקעלע. ער האָט עס צעשניטן אויף קליינע דרייקאַנטיקע שטיקלעך, באַשיט מיט צעשטויסענעם צוקער.

— אָט דאָס וועלן זיין היינט אונדזערע המן־טאַשן! — האָט ער גע־זאָגט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט פאַרבעטן צו עסן.

עס איז נישט געווען פאַר אַלע, האָט זשעלאַזקאָ געזאָגט מען זאָל לאָזן דעם דניעפּראָלני אַליין באַקומען דעם ביסן. זיי וועלן זיך נאָר איינ־קוקן אין די מכלומרשטע המן־טאַשלעך און יעדער וועט זיך מאָלן אין דמיון אַן אמתן המן־טאַש, געטונקען אין האָניק.

— לאָמיר רעדן וועגן די גוטע זאַכן, וואָס מען האָט געגעסן אויף דער סעודה! — האָט ער אַ הייטערער אויסגערופן און אַ פּאַטש געטון מיט די הענט פון צופרידנקייט.

אַלע האָבן טאַקע גענומען רעדן מיט איין מאָל:

— אויפן טיש איז געשטאַנען אַ וואַזע מיט פּאָמאַראַנצן, פייגן, טייט־

לען, ניס, ראָזשינקעס און מאַנדלען. מען האָט געגעסן מאַרינירטן הערינג מיט לעקעך; מען האָט געגעסן זויערקרויט מיט ראָזשינקעס... מען האָט געטרונקען ארץ ישׂראל־ווײַן און געגעסן שטרודל.

— אַז כ׳וועל באַפרייט ווערן, איז דאָס ערשטע וואָס כ׳וועל טון: עסן צוויי מיטיקן — זאָגט זשעלאָזקאָ, דער ייִנגערער.

— איך וועל אין באַר „ווענוס״, עק דזשעלנע־זאַמענהאָף, הייסן זיך דערלאַנגען אַ האַלב געבראָטן גענדזל — רופט אויס אַן אַנדערער.

דער וולאָצלאַווקער זייפנזידער האָט נישט געוואָלט באַהאַלטן פאַר זיך די מכלומרשטע המן־טאַשן, וואָס ער האָט געמאַכט. ער האָט אויסגערעכנט, אַז יעדער דריטער וועט קריגן אַ שטיקל...

**
*

אַז אַלעק איז אַרויס פון 9טן באַראַק, איז ער געווען מיט אַ צעוואָרעמט געמיט. סײַ די נײַעסן פון דאָקטאָר מישעלסקי, אַז דײַטשלאַנדס מפלה איז נאָענט, סײַ די זיכערקייט ביי די ביעזשענצעס, אַז מען וועט באַפרייט ווערן פון לאַגער, האָט איצט אויך אין אים געשטאַרקט די האָפענונג צו דערלעבן די צײַט. די היים איז איצט ווידער נאָענט געוואָרן. ס׳איז אים אָנגעקומען לײַכט פאַרצושטעלן זיך אין דמיון זײַן ראַכעלאַן, דאָס קינד: ווינטער, אַ שניי, אַ פראָסט. ער האָט פאַר זײַן טעכטערל געקויפט אַ שליטעלע און זי איז דרייסט, זי גליטשט זיך אַראָפּ מיטן שליטעלע פון אַ בערגל. ראַכעלאַ וווּנדערט זיך, וואָס ער לאָזט די טאָכטער אַזוי הפקר אויף דער גליטש, און ער איז רויִק, אַז עס וועט איר גאָרנישט געשען, ווײַל ער האָט זי צוגעבונדן צום שליטעלע — נישט זי און נישט ראַכעלאַ האָבן דאָס בעת־מעשה געוווּסט... „כ׳וועל שרײַבן צו ראַכעלאַן זי זאָל מיר שיקן אַ פאָטאָגראַפיע פון קינד, אפשר וועט די נאַטשאַלסטווע דאָ דאָך דאָס דורכלאָזן״... די פאָטאָגראַפיע, וואָס ער האָט געהאַט, האָט דער ענקאַווועדיסט אין דער סאָסנאָווקע, אין ביאַליסטאָק, רעקווויזירט, ווי דעם פּאַסיק צו די הויזן, אַז ער זאָל נישט פּרוּוון זיך צו הענגען...

**
*

אין שטורעם

אין דעם זייגערמאַכער־באַראַק האָט אַלעק זיין געלעגער. איצט איז דאָרט געווען אַ שטיקל סומאַטאָכע. עס זענען געשען עטלעכע גנבות. רוסישע זשוליקעס זענען דאָ, צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט, אַריינגעקומען ביי טאָג דעזינפעקצירן דעם באַראַק און זיי האָבן פון רוקזעק אַרויסגעשלעפּט העמדער, מאַרינאַרקעס. דער זייגערמאַכער, דער דניעוואַלני, שטייט אַ צעטומלטער. די באַגנבטע ווייסן, אַז ער איז שולדיק — ער איז דאָך דאָ דניעוואַלני אויף צו היטן מען זאָל נישט גנבענען. זיי קאָנען דאָס אים נישט זאָגן, ווייל ער איז אַ כעסן און לעקט זיך צום קאָמענדאַנט. אַריינצופאַלן דעם קאָמענדאַנט אין אויג איז נישט גוט...

דער זייגערמאַכער איז נישט צוליב דער געברעכטיקייט זיינער געוואָרן דניעוואַלני. ער האָט געגעבן דערפאַר אַ פיינע מתנת־יד. פונדעסטוועגן לאָזט מען אים דניעוואַלניען אויס חסד און ער צאַפּלט — חלילה נישט צו פאַרלירן חן ביים נאַריאַדטשיק, וואָס איז איינס מיטן קאָמענדאַנט...

אַז ער לאָזט די זשוליקעס גנבענען, וועט דער קאָמענדאַנט זיין פון אים צופרידן. ער ווערט נאָך יעדער גנבה בלאַס און צעטומלט. ער ציטערט ווי אַ בלאַט, ווי ס'וואָלט אים געוואָרפן אין קדחת. מען ווייסט אָבער אַז ס'איז אַן אָנשטעל. ער שפּילט. מען ווייסט אויך, אַז דער קאָמענדאַנט איז זיינער...

און דער שוואַרצאויגיקער זייגערמאַכער מיט די ברייטע ברעמען און אַ סך גאָלדענע ציין אין מויל, כאָטש ער שטאַמט פון גרויסער מעזריטשער אָרעמקייט, האַלט אַז ער איז נישט קיין פּראָווינצער. ער האָט ביי אַ גרויסער טייל ביעזשענצעס אין באַראַק אַ שטאַרקן אָנזען מיט זיינע חכמות און פאָרטלען אויסצושטעלן די סטרעלקעס פאַר נאַראָנים. און ווייל עס זענען געשען עטלעכע גנבות היינט, האָט ער צוגעטראַכט אָפּצוטון אַ קונדס־שטיקל די סטרעלקעס, וואָס האָבן אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלן היינט קומען אויף „פּראָווערקע“ — ציילן די צאָל לאַגערניקעס אין דעם באַראַק.

ליגט אַלעק אויף דער נאַרע און שלאָפט נישט. די הייטערקייט וואָס ער האָט מיטגעברענגט פון וואָלאָצלאַווקער זייפנזידער־באַראַק מונטערט אים נאָך. חוץ דעם וויל ער זען דאָס קונדס־שטיקל, וואָס דער זייגערמאַכער האָט צוגעגרייט.

און אָט פאַלן אַריין מיט האַסטיקייט און פאַרע פון דרויסן די סטרעל־

קעס און דער קאָמענדאַנט. זיי שרייען, אַז קיינער זאָל זיך נישט רירן פון אָרט. זיי גייען אַרום די נאַרעס און זיי ציילן מיט ריטלעך, ווי זיי וואָלטן זיך מיאוסן אָנצורירן מיט די הענט, די לאַגערניקעס לויט די פּיס. זיי האָבן איבערגעציילט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צאָל שטימט נישט. ביי איינעם איז דאָ מער. זיי גייען ווידער אַרום די נאַרעס, ציילן ווידער — דאָך דאָס אייגענע: ביי איינעם מער. ציילן זיי אַ דריט מאָל, שוין מיט די הענט און איינער האָט דערטאַפּט, אַז אָנשטאָט אַ פּאָר פּיס, ליגן אָנגעשטאָפּט אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס. זענען זיי בייז געוואָרן, די סטרעל־קעס, און זיי האָבן אַראָפּגעשלעפּט פון דער נאַרע זעליקלען, די קרומע ליפּ, — לויט דעם שפּאַלט אין דער ליפּ וואָס ער האָט, רופט מען אים אַזוי — נעבן וועלכן ס׳זענען געלעגן די שקאַרפּעטקעס, ער זאָל זאָגן ווער עס האָט דאָס געטון.

שטייט זעליקל, די קרומע ליפּ, אַ תמעוואַטער. ער האַלט די אויגן פאַרמאַכט, ער קאָן זיי גאַרנישט אויפרייסן פון שלאָף. די סטרעלקעס שאָק־לען אים פוןביידע זייטן — אַט דאַכט זיך ער פאַלט, אָבער די סטרעלקעס לאָזן אים נישט פאַלן. און דער דניעוואַלני, דער זייגערמאַכער, זיצט אין זיין ווינקל און קוקט. ער לאַכט נישט.

אויך אַלע אויף די נאַרעס שווייגן. דאָס שפּיצל איז געלונגען.

12

מאַרטינענקאָ דער פּאַסטעך

אויפן צפון זענען די ערשטע סמנים פון פרילינג — שפּיצלעך פון פאַראַיאָריקע גרעזלעך, וואָס ס׳האָט זיי פאַרדעקט דער שניי. זיי שטאַרן אַרויס פון געריבצלטן פאַרפרילינג־שניי, ווי שיטערע האָר פון אַן אַל־טער באַרשט.

ווי נאָר עס באַווייזן זיך די שפּיצן פון די גרעזלעך, גלאַנצן אויף יעפימאָווס אויגן, דער „זאַוו״ פון דער בהמות־ און חזירים־שטאַל, לעבט אויף. די אויגן זיינע בלישטשען, ווי ער וואָלט עפּעס ספּעציעלע טראָפנס

אין זיי אַריינגעטאָן. אויך די איינציקע צוויי געלע ציין אין די אייבערשטע דזשאָנסלעס שיינען, ווי אָפּפּאָלירט. ער לעבט שוין איבער די הנאה וואָס ס׳וועלן האָבן די בהמות, אַז ער וועט זיי אַרויסלאָזן פון דער שטאַל און זיי וועלן טועם זיין פון די גראָזן. ס׳וועלן פול ווערן ביי די קי זייערע אייטערס. די מעגלעכקייט פון באַווייזן זיך מיט דער גוטער אָנפירונג פון דער ווירטשאַפט, האָט אים אַזוי געמוטיקט, אַז אין איצטיקן גיין זיי־נעם איז גאָרנישט קענטלעך געווען ווי ער שלעפּט דעם פוס. וויפל מאָל ער האָט אַ בליק געטון אויף דעם העלן זונען־שיין אין פענצטער, האָט ער זיך משער געווען מיט וויפל עס שרימפּט זיך איין דער שניי פון מינוט צו מינוט, די גראָזן אַנטפּלעקן זיך מער און מער, קומען אויף גרעסער און גרעסער.

אַז עס איז געקומען די מינוט אַרויסצולאָזן די בהמות פון דער שטאַל, איז יעפּימאָוו אַרומגעגאַנגען ווי בגילופין. ער האָט געגנוטשעט אַ ניגון און אַליין צוגעהאָלפן אָפּבינדן די קי פון די קאָריטעס. ער איז מיט אימפּעט אַוועק צום טויער, געעפנט עס, געשטאַנען און יעדע קו געגלעט אין נאַקן, ווי באַגלייטנדיק זיי פאַרן אַרויסגיין אין דעם זוניקן דרויסן. ער האָט אויך אַרויסגעלאָזט „באַיקאַ״, דעם איינציקן אָקס און געשמייכלט צו אים, ער זאָל זיך לאָזן ווילגיין...

**
*

עס איז הייס געוואָרן. דער שניי איז פאַרשוווּנדן. יעפּימאָוו האָט באַ־שלאָסן אַרויסצולאָזן די קי אין די טייגעס, ווו ס׳איז דאָ גוטע פּאַשע. ער האָט געקריגן אַ געניטן פּאַסטעך, מאַרטינענקאָ, אַן אוקראַינער.

מאַרטינענקאָ, אַ ברייטפּלייציקער מיט אַ גרויסן לייבן־קאָפּ, איז אַ „זע־קאַ״ 58סטער פּאַראַגראַף — קאָנטררעוואָלוציע. אָבער זיין סראָק ענדיקט זיך שוין, נאָך עטלעכע חדשים בלויז און ער דאַרף באַפרייט ווערן. דאָך איז אים נישט דערלויבט צו גיין אָן אַ קאָנוואַי, האָט יעפּימאָוו צוגעשטעלט צו אים אָלעקן, ער זאָל אים העלפן.

צו די טייגעס איז ווייט. ס׳איז צו גיין אַ שטיק וועג איבערן בריקל, דורכצוגיין אַ ברייטן שטח פון פּיענקעס צום אויסקאָרטשעוועץ, פאַרן אַריינ־

גיין אין די טייגעס איז דאָ אַ טייכל. אַהינצוּוועגס דאַרף די סטאַדע נישט ציִען צום טייכל. צוריקוועגס דאַרף מען יאָ לאָזן די בהמות צום וואַסער.

מאַרטינענקאָ איז אַ געניטער פּאַסטעך. די סטאַדע גייט און ער גייט נאָך. דער פּאַרויסגייער איז „באַיקאַ״, דער אָקס. אים האָט מען פּאַרקלעמט אַ רינג אין דער נאָז איינצוהאַמעווען זיין ווילדקייט. הויך איז ער, האָט אַ ברייטן פּעטן רוקן. ער שפּאַנט גאַווהדיק. יעדן טאָג ווערט ער געפּוצט. די גרויסע גאַלעס זענען לײדיק און דאָך איז שווער זיך איינצוקוקן אין זיי. ער האָט שוין איין מאָל אָלעקן אַ באַדזשע געטון און שיעור נישט אַריינגעשליידערט אים אין טייכל אַריין. מאַרטינענקאָ קען זיך אומגיין מיט אים. ער שטעלט זיך אים נישט פאַר די אויגן. וויפל שטאַרגעס ער וויל אים דערלאַנגען, טוט ער דאָס אים פון הינטן.

די טייגעס זענען ווי געוועבט אויף אַ גערדיכטער גרינער קאַנווע. פון אויבנאויף דאַכט זיך איז דער באָדן האַרט; נאָר מאַרטינענקאָ ווייסט, אַז דאָס זענען זומפּן. ער וואָרנט אָלעקן ער זאָל נישט קוקן אויף דעם שיינעם אויסזען. ער זאָל נישט טרעטן אויף די פּוכיקע גראָזן. ער זאָל אויך נישט טרייבן די סטאַדע, נאָר די קי זאָלן אַליין זיך אויסזוכן ווו זיי קאָנען כאַפּן אַ פּעטן ביסן. ער וועט עטלעכע קי האַלטן דאָ נאָענט, אַז די אַנדערע, וואָס וועלן אַפילו פאַרקריכן אין דער טיף פון די טייגעס, וועלן צוליב די עטלעכע זיך אַליין צוריקקערן.

פרילינג איז אויך די צייט פון קאָמאַרעס. מאַרטינענקאָ ווייסט, ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן נישט צעביסן צו ווערן פון די בלוט־זויגערס. ער האָט זיך אָנגעטון אַ נאַקאָמאַרניק, אַ נעץ־מאַסקע, איבערן קאָפּ. זי האָט פאַרשטעלט דעם האַלדז ביז די אַקסלען. זעט ער אויס ווי אַ פאַבריק־קוימען. אָלעק האָט נישט קיין נאַקאָמאַרניק און מאַרטינענקאָ רופט אים דערפאַר אָן מיט אַ געמיין וואָרט. ווען ער ווייסט עס פאַרן אַרויסגיין פון דער שטאַל, וואָלט ער מיט אים נישט געגאַנגען. זיין נאַקאָמאַרניק וועט ער אים נישט אַוועקגעבן...

פונדעסטוועגן האָט מאַרטינענקאָ נישט געוואָלט, אַז די בלוט־זויגערס זאָלן האָבן אַ שליטה איבער אָלעקן. האָט ער אָנגעצונדן אַ שייטער. ער האָט געלייגט נאַס האָלץ, כדי עס זאָל זיין אַ גרויסער רויך. דער רויך פאַרטרייבט די קאָמאַרעס. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן דעם שייטער

אין שטורעם

און אָלעקן געהייסן זיצן קעגן רויך, אים געהייסן אָטעמען אין אַרבל אַריין, כדי דער רויך זאָל נישט שטיקן. ער וויל איצט טון גוטס, נאָר גוטס; ער וויל אויך, אַז אָלעק זאָל אים געדענקען. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט נישט געטון וואָס ער טוט. ער וועט אין קורצן באַפרייט ווערן. ער האָט זיך פאַרוויקלט אין אַ שטיקל פאַפיר פון אַ בריוו אַ לאַנגן מאַכאָרקע־שפּיץ צום רויכערן, פון בוזעם האָט ער אַרויסגעצויגן אַ טיכל, עס אויפגעוויקלט. ער האָט געהאַט איין פּאַפּיראָס, וואָס וואָלאָדיאַ, דער קוכער, האָט אים געגעבן פאַר אויסטוישן זיך מיט די פּאַסקעס. דעם פּאַפּיראָס האָט ער איצט דערלאַנגט אָלעקן:

— ס'איז „סעווערנאַיאַ פּאַלמיראַ", רויכער! דו היסט דאָך מיך איך זאָל נישט אַנטלויפן — האָט ער מיט געלעכטער געזאָגט. — אַ נכפּה אויף זיי. נאָך דריי חדשים זייער קנעכט צו זיין.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט און געפּלאַפּלט:

— אָט שוין „אַנדערטהאַלבן טשערוואָנצעס" יאָרן אַוועק. אין מיטן נאַכט האָט מען מיך פון וואַרעמען ווייב אַוועקגענומען, געזאָגט צו „רע־שייען" *) אַ „וואָפּראָס" **) זיי האָבן נישט געלאָזט מיט די צוויי קינדער זיך געזעגענען, — אָטעמט ער טיף אָפּ, זשעסטיקולירט מיט די הענט. — ווען איך האָב געוואָלט צוגיין צו די קאָיקע, ווו די קינדער זענען געשלאָפן, געוואָלט אָנזאָגן וואַניאַן ער זאָל נישט אַרויסלאָזן דאָס קעלבל פון שטאַל, עס האָט „פּאָנאָס" ***), האָבן זיי, די טאָוואַרישטשעס, מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט: „סומאַסאַשאָל ****!" געברומט. און דער עיקר איז עס געווען פּיאָטער פּיאָטראָוויטש מאַרטינענקאָ, מיין קוזין, דער פּאַרטיי־חבר... כ'האָב געהערט, אַז ער איז שוין געפּגרט. דעם טריק, אַז ס'איז אַ „סאָבּ־ראַניע" איז געווען פּיאָטערס אויסטראַכטעניש. ביי די קאַדרען, דאָרט, האָט מען מיר פאָרגעלייענט אַ מגילה, אַז איך האָב ביי די דעניקינצעס זיך גע־

---

*) אַנטשיידן.

**) ענין.

***) שלשול.

****) פון זינען אַראָפּ.

פלאָנטערט. און אַ פסק: אַנדערטהאַלבן טשערוואָנצעס יאָרן. אָפּגעלייענט און פאַרקלאַפּט פאַר מיר די טיר, כאָטש האַק זיך קאָפּ אין וואַנט.

פון דעמאָלט אָן האָט ער טאַטיאַנאַ מיכאַלאָוונאַ, זיין ווייב, נישט געזען. די צוויי קינדער זיינע, די שוואַרצע טאָטערלעך, זענען אים נאָך היינט אין דמיון, ווי ער האָט זיי פאַרלאָזט; ווי צוויי לאָשעקלעך פלעגן זיי אים לעקן, באַלעקן. זיי זענען שוין מסתמא אויף אייגענער ווירטשאַפט אין קאָלכאָז, אָדער אין אַ „סאָווכאָז". אפשר שוין געפּאָרט זיך און זיי געדענקען אים שוין נישט, ווילן אַפילו נישט וויסן וועגן זיין געדעכעניש... טאַטיאַנאַ מיכאַלאָוונאַ איז געווען אַ הייסע נקבה. זי האָט שוין זיכער עטלעכע ממזרים. זי וועט אים אין דער כאָטש נישט אַריינלאָזן. וווהין זאָל ער גיין, אַז ער וועט באַפרייט ווערן? די היים איז שוין זיכער נישט זיין היים. זאָל ער זיך אפשר גאָר נישט ווייזן אין דאָרף? ער וועט יאָ אַריינפאָרן אין דאָרף אַריין. ער וועט צו דער פּיטראַכאָוואַ, די אַלמנה, אַריינגיין, אויב זי לעבט נאָך די אַלטע... וויפל איז זי אַלט געווען פאַר זיין פאַרשיקונג? איבער די פערציק — ס'קאָן זיין אַז זי לעבט. זי האָט נישט געהאַט קיין גרויס מויל. ס'דחקות האָט איר פאַרקלעמט די צונג. ביי איר וועט ער זיך דערוויסן וואָס עס איז מיט טאַטיאַנאַ, ווער איז דער, וואָס שטעלט זי צופרידן... ס'קאָן זיין, אַז זי האָט זיך געטליקעט מיטן זאַוו־באָז" פון דעם באָענטסטן „סאָווכאָז", גריגאָרי, וואָס האָט נאָך אין זיין צייט זיך געשאַרט צו איר, דער „בליאַד"... וועט ער אַפילו נישט איבערנעכטיקן ביי דער פּיטראַכאָוואַ. ער וועט זיך אַרויסכאַפּן פון דאָרף, אַז מען זאָל זיין שאָטן נישט זען. און וועט זי נישט האָבן קיינעם צוגעלאָזט צו זיך, וועט ער קניען פאַר איר און ער וועט זיך לאָזן פון איר אָפּגיסן מיט הייס וואַסער, ווי מען בריט אָפּ אַ חזיר נאָכן קוילענען, אַבי זי זאָל אים מוחל זיין און אים לאָזן גוט זיין פאַר איר. ער וועט זיך באַשווערן, אַז ער וועט שוין קיין מאָל זיך נישט מישן אין קיין שום סיכסוכים. און אויב זי... זי... וועט ער אַנטלויפן. וווהין אָבער? וועט אַ סאָווכאָז אים אָננעמען? די ענקאַוועדע וועט נישט לאָזן. אַז די ענקאַוועדע וועט אים ברענגען אין דאָרף אַריין, אים אַוועקזעצן, וועט ער שוין גאָר האָבן אַ פאַרשמירט פּנים. ער וועט נישט קאָנען קוקן קיינעם גלייך אין די אויגן. ער וועט נישט האָבן קיין אַנדער ברירה ווי גלייך זיך צו מעלדן צום פּרעסעדאַטעל פון קאָלכאָז און

זאָל ער טאָן מיט אים וואָס ער וועט באַשליסן, — צי מיט טאַטיאַנאַ מי־כאַלאָוונאַ, צי אָן איר. מיט די קינדער וועט ער וועלן זיך זען, אַז זיי וועלן אים נישט פאַרלייגן אַ וואָרעם ווינקל נעבן זיך, וועט ער צו זיי אויך קיין תרעומות נישט האָבן. אויב זיי זענען מיט דער מאַמען און זיי וועלן אים גוט באַגריסן, וועט ער פאַלן צו טאַטיאַנאַס פיס, איר דאַנקען וואָס די קינ־דער זענען גוט צו אים; ער וועט אַהיימקומען פונקט צו דער ענדע פון „סיאַנאַקאָס" *). ס'וועט זיין אַ כוסה צו מאַכן. זיי וועלן אים אַוועקזעצן נעבן דער מאַמען און ער זאָל זיין כוס אין איר כוס אָנקלאַפּן... אַז טאַט־יאַנאַ מיכאַלאָוונאַ האָט געטרונקען פלעגן אירע באַקן רויט ווערן. זי פלעגט אַוועקלייגן דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און פלעגט זיך לאָזן פון אים אַ גאַנצע נאַכט...

— עס קאָן זיך אַזוי מאַכן. עס איז גוט אַזוי צו מיינען, באַטיושקאַ! דו קאָנסט דאָך אַלץ אויספירן עס זאָל גוט זיין. שטאַרק אין מיר די מחשבה... ס'איז גוט אַזוי צו מיינען...

ווי אויפגעכאַפּט זיך פון אַ שלאָף האָט ער מיט חשד אַ קוק געטון אויף אַלעקן. ער האָט זיך צעלאַכט, אַרויסשטשירנדיק די גרויסע ציין זיינע און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ גערעדט:

— דו האָסט געהערט וואָס איך האָב אַלץ אָנגעבאַלאַקעט, דו האָסט געהערט!? אַזוי איז מיט מיר די לעצטע וואָכן, סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט. וואָס מער עס דערנענטערט זיך דער אָנהייב פון סוף, אַלץ גרעסער און שטאַרקער מוטשעט מיך דער שגעון.

מיט אַ מאָל האָט מאַרטינענקאָ זיך אויפגעשטעלט אַ דערשראָקענער. ער האָט אַ ווילדן האַרטן הוסט געטון:

— די סטאַדע! די סטאַדע! כ'זע זי נישט! ערגעץ פאַרקראָכן. נישטאָ קיין איין קי פון דער סטאַדע, — האָט ער געריטשעט.

אין צעטומלעניש האָט ער אָנגעזאָגט אַלעקן צו בלייבן אויפן אָרט און אַליין איז ער אַריין אין די טייגעס.

אַלעק האָט נישט חושד געווען, אַז ס'איז זיינס אַ טריק — ער זאָל זיך באַפרייען פאַר דער צייט. זיין געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט עפּעס

*) היי־שניט.

אַנדערש. פון נעכטן אָן ווי ער וויל זיך עס דערמאָנען און ערשט איצט איז דאָס אים געקומען אין קאָפּ.

אַנומלט האָט דער דניעוואַלני, דער זייגערמאַכער, און מאַנהיימער, זיין געהילף, דער טעלער־לעקער אין דער סטאָלאָווע, און שייקעוויטש, זיך געשפּאַרט אויפצווייזן, אַז שאַרגאַראָוו, וואָס איז מיט אַ מאָל ווי פאַר־כאַפּט געוואָרן פון לאַגער, איז געווען אַ גוטער מענטש. דער איצטיקער נאַטשאַלניק, וואָס שרייט נישט, אָפּט קומט ער אַפילו נישט צום ראַזוואָד, טוט מיט זיין שטיל זיין אויסטראַכטן מער פּיינען. שאַרגאַראָוו האָט גע־שאַפן די בריגאַדע „סלאַבקאָמאַנדע", ער האָט זיי געגעבן אַ בעסערע „פּיטאַניע": „זיי זענען נישט געקומען אַהער שטאַרבן", — האָט ער גע־זאָגט. און דער איצטיקער נאַטשאַלניק וויל צעלאָזן די „סלאַבקאָמאַנדע". זיי, דער זייגערמאַכער און מאַנהיימער, זענען אַרומגעגאַנגען אַרום אַלע נאַרעס און אויסגעפּרעגט יעדן וואָס ער ווייסט וועגן שאַרגאַראָוון. זיי האָבן אים, אָלעקן, איבערגעוועקט פון שלאָף. ער האָט אַפילו נישט פאַר־שטאַנען וואָס זיי ווילן. ער איז בייז געווען וואָס זיי האָבן אים געוועקט.
אין דער פרי האָט ער איבערגעפּרעגט ביים דניעוואַלני. אים האָט זיך עפּעס געפּלאָנטערט אין זכרון, געגנוי זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. ס'איז שפּעט געווען, ער האָט געמוזט זיך שטעלן צום ראַזוואָד. איצט זיך דער־מאָנט וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן: איין טאָג — פון איבער די 50 גראַ־דיקן פראָסט — פון אַלע בריגאַדעס זענען נאָר ער און שייקעוויטש אַרויס צו דער אַרבעט — מחמת אין שטאַל ביי די בהמות איז געווען בעסער, ווי צו זיין אין באַראַק. אין דרויסן איז די פאַרע פון מויל פאַרפרוירן געוואָרן אויף די ליפּן. ער האָט געקוקט אויף שייקעוויטשן צי די שפּיץ נאָז ווערט אים נישט ווייס, וואָס איז אַ סימן אַז זי פרירט און ער זאָל זי שנעל איינ־רייבן. שייקעוויטש האָט געקוקט אויף אים, ווי עס האַלט מיט זיין נאָז. זיי זענען צוגעקומען צום דיזשורנע־ביידל, איז גאָר קיין דיזשורנע נישט געווען, שאַרגאַראָוו איז געווען איינער אַליין. ער האָט גערעדט דורכן טע־לעפאָן, גערעדט מיט דער אופּראַוולעניע אין וואַזשאַיעל. אָלעק האָט גע־הערט ער שרייט, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערן: — „איך קען נישט אַרויסלאָזן די מענטשן אין זייער מעמד בעת אַזאַ עסעדיקער פראָסט!" נישט לאַנג נאָך דעם איז שאַרגאַראָוו פאַרשווונדן.

פלוצלינג איז מאַרטינענקאָ איצט צו אים צוגעשפּרונגען, אים אָנגע־כאַפּט פאַרן קאָלנער, געריסן אים ער זאָל אויפשטיין. ער שרייט, שעלט מיט די וויסטע קללות, אַ פּחד אין זיינע אויגן. ער האָט נישט די סטאַדע — ער וועט זיך אויפהענגען. ער ווייסט נישט, צי די בהמות זענען נישט פאַרזונקען אין אַ זומפּ דאָ. ער איז פאַרלוירן. עטלעכע חדשים פאַרן באַ־פרייען וועט ער ווידער פאַרמשפּט ווערן — אָט, אויף דעם־אָ בוים וועט ער זיך אויפהענגען! ער שרייט, מעקעט ווי אַ קו, אַזויערנאָך צוצוציען אַהער, צו אים, די סטאַדע. אפשר וועט כאָטש איין בהמה זיך אָפּרופן און ער וועט קומען אויף די שפּורן. ס׳איז די צייט זיי צו מעלקן. אין שטאַל דאָרט וואַרטן שוין די מעלקערס. ער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

אַלעק האָט נאָר מורא געהאַט, אַז מאַרטינענקאָ זאָל זיך טאַקע איצט אויפהענגען. ער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט. ער האָט דעם פּולגופּיקן מאַרטינענקאָ געשאָקלט ווי עפּעס אַ שוואַך באַשעפעניש. ער האָט אים דערמאָנט אין אַלע כללים פון פּאַשען, אַז די סטאַדע ווייסט נאָר איין וועג — צו דער שטאַל. זיי וועלן אַהערקריגן איינע, צוויי, וועלן די רעשט אַהער־קומען. ס׳איז דאָ נישטאָ אין דער נאָענט קיין ישוב מען זאָל אויפכאַפּן די סטאַדע און זי אויסשעכטן. ער האָט אים פאַרגעשלאָגן, אַז ער זאָל לויפן זען צי די בהמות זענען נישטאָ אין דער שטאַל. זיי האָבן זיך אָנגעפּרעסן און זיך געלאָזט זוכן אַ טרונק. ס׳קאָן זיין זיי זענען ביים טייכל און אויפן וועג צו דער שטאַל. מאַרטינענקאָ באַשטייט נישט אַלעק זאָל אַוועק. ער צעכליפּעט זיך נאָך שטאַרקער. ער בעט זיך ביי אַלעקן, ער זאָל אים נישט לאָזן אַליין.

אַלעק האָט זיך אָריענטירט, אַז מיט גאָר נישט טון וועט די סטאַדע נישט קומען. ס׳קאָן זיין, אַז נאָכן אָנפּרעסן זיך ליגן זיי דאָרט ווו אין די טייגעס. ער האָט אָפּגעלאָזט מאַרטינענקאָן און ער איז אין אימפּעט געלאָפן צו שייקעוויטשן ער זאָל העלפן.

מאַרטינענקאָ האָט געריסן פון זיך דעם נאַקאַמאַרניק און ער איז אַלעקן נאָכגעלאָפן און געשריגן:

— זיך אויפהענגען! צי דאָ, צי דאָרטן, זיך אויפהענגען!

ווי זיי זענען אָנגעקומען נאָענט צום בערגל, איז זיי ליכטיק געוואָרן פאַר די אויגן — די סטאַדע איז שוין געווען אין וועג צו דער שטאַל.

מאַרטינענקאָ האָט געריסן פון זיך דעם נאַקאַמאַרניק און ער איז יעדן טאָג בעתן ראַזוואָד:

— „יאַ טאַקאַי סטאַני ניע זנאַוי...״

און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ געשפּאַנט ווי אין אַ קאַמפּאַניע־מאַרש.

13

דער יידישער באַראָן און דער פּוילישער פירשט

די צוויי ברידער וולאַדעק און מאיר באַראָן, זענען נישט ענלעך איי־נער צום אַנדערן — נישט אין אויסזען, נישט אין וווקס; נישט אין הולך, נישט אין באַנעמונג; נישט אין חכמה, נישט אין דעת. דער יינגערער איז הויך און זיין פּנים איז אויסגעאיידלט — בלייך, ווי געטונקען אין מילך. זיין בליק איז אַ פאַרחלומטער. ער קוקט און עס דאַכט זיך אים, אַז ער זעט נישט. ער איז אַ פּעדאַנט, טראָגט נאָך די מלבושים פון דער היים און באַמיט זיך צו דערהאַלטן עלעגאַנץ. ער האָט שטודירט, נאָר נאָך נישט געענדיקט. ער טויג זיך אויס און האָט אַ פלינקע אָריענטאַציע. איין טאָג האָט ער בלויז געאַרבעט אין וואַלד און „באַסטאַ״: ער האָט געהאַט אַ גאָל־דענעם זייגער און צומאַרגנס — שוין נישט געהאַט, זיצט ער טאַקע אין ביוראָ, ווו אַלע בריגאַדירן גיבן אָפּ די באַריכטן וועגן דער אָפּגעטוענער אַרבעט פון די בריגאַדעס אין פאַרלויף פון טאָג. ביי אַ ברייטן טיש זיצט ער און שרייבט אויף גרויסע בויגנס פּאַפּיר, וואָס זענען באַשטימט פאַר סטאַטיסטיק.

זיין נאָמען — וולאַדעק.

דער צווייטער באַראָן, וולאַדעקס ברודער, איז עלטער פון אים. ער איז אַ נידעריק־ווּקסיקער, זיין פּנים ברייט, אַליוו־הויטיק. זיינע אויגן — לידיק, פול מיט וואַסער, אָן אויסדרוק, ווי פון גלאָז. ער טראָגט לאַגער־מלבושים. די ווערט־זאַכן פון דער היים האָט ער אָוועקגעגעבן וולאַדעקן. די פּופּייקע וואָס ער טראָגט, דעם בושלאַט, די הויזן און ס׳היטל מיט די אויערן־לאַפּעס, איז חוץ דעם וואָס זיי זענען באַנייט מיט לאַטעס, האָבן

זיי אַ סך לעבער, ווי אַ ריבאייזן. פון די לעבער שטעקן אַרויס צויטנס וואַטע. ער גייט נישט, נאָר טשאַפּעט. ער האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, די פּלייצעס אויפגעהויבן, ווי אַ זקן. ער האָט געלערנט אין תלמוד־תורה און געדענקט נישט גאָר נישט. ער פּאָנפּעט און שפּריצט מיטן שפּייעכץ.

זיין נאָמען — מאיר.

מאיר באַראַן האָט די ערשטע צייט געאַרבעט אין וואַלד „ליאָכקי־טרוד" — געברענט „סוטשקעס". ער האָט אַפילו דערגרייכט אַ הויכע נאָרמע, דאָך געוואָרן אַ „סלאַבקאָמאַנדעניק". פון טאָג צו טאָג איז ער געפאַלן פון די כוחות. טאָג טעגלעך געווען ביים דאָקטאָר און דער דאָקטאָר האָט אים נישט געקאָנט באַפרייען פון אַרבעט, מחמת ער האָט נישט געהאַט קיין היץ.

איין מאָל האָט מאיר באַראַן זיך אָנגעגורט מיט כוח און צוריקגענומען פון וואָלאָדעקן זיינע עטלעכע העמדער, כדי ער זאָל קאָנען געבן ווו מען דאַרף, מען זאָל אים שיקן אַרבעטן אין דער קיך. ער וועט קריגן נאָך אַ שיסעלע זופּ, נאָך אַ ביסל קאַשע. אין דער קיך האָט ער אָבער געאַרבעט בלויז איין טאָג, ווייל די קיטאַיצעס, וואָס האָבן באַהערשט דעם אַרבעטס־פּלאַץ, האָבן איינגעזען אַז ער איז אַ שמוציקער: ער גאַוועדט, ראָצט און ווישט זיך מיטן אַרבל. זיין ברייטער גוף האָט געפּאָדערט אַ סך און ער האָט געקריגן ווייניק. ער האָט געקעמפּט פאַרן לעבן זיינעם. ער האָט אַ סך געטרונקען דאָס וואַסער פון געקאָכטע יאָלקע־נאָדלען, אין דער סטאָלאָווע געלעקט די שיסלען, גענאָגט מאַקוך.

וואָלאָדעק האָט טייל מאָל אים צוגעברענגט אַ קענדל זופּ, אַ בולקעלע, האָט ער עס נישט געוואָלט נעמען:

— עס דו, עס! כ'וועל אויסהאַלטן, — האָט ער געזאָגט.

און מאיר באַראַן האָט נישט געפעלט ווי ער ווערט געשוואָלן.

**
*

די צוויי ברידער באַראַן האָבן געוווינט אין באַראַק 4, וווּ ס'איז געווען דניעוואַלני דער עפּילעפּטיקער, אַ ביעזשעניעץ פון לאָדזש. ביז ער איז נישט געפאַלן אין עפּילעפּסיע־אַטאַק, האָט קיינער נישט געוווּסט אין וואָס פאַר אַ זכות ער איז דניעוואַלני. ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן זיין קרענק,

האָבן די בריגאַדעס אין דעם באַראַק 4 צונויפגענומען עטלעכע פּאָר וועש און אונטערגעטראָגן דעם נאַריאַדטשיק, אַז ער זאָל דעם דניעוואַלני געבן אַ געהילף, מחמת דער דניעוואַלני קאָן אַוועקפּאַלן און קיינער וועט נישט זיין אין באַראַק, און זשוליקעס וועלן צעכאַפּן וואָס ס׳איז נאָך עמעצן עפּעס געבליבן.

מאיר באַראַן איז געווען געהילף־דניעוואַלני אין דעם באַראַק. דער לאַגער־לאַטוטניק האָט אים אויסגעלאַטעט די מלבושים, פאַרניט די לע־כער, ס׳זאָלן נישט נאָכהענגען קיין צויטן. דער דניעוואַלני, זיין שעף, דער עפּילעפּטיקער, האָט געקויפט פאַר אים טאַלאָנען פון סטאַכאַנאָוצעס. מאירן איז אַראָפּ ס׳געשווילעכץ פון אונטער די אויגן. מיט אַ מאָל איז ער גע־וואָרן אַ צענטראַלע פיגור.

זייט דאָקטער מישעלסקי פון וולאָצלאַווקער זייפנזידער־באַראַק, איז אַוועקגעשיקט געוואָרן פון דעם לאַגער, איז וולאַדעק באַראַן געוואָרן דער נייעס־איבערגעבער. וולאַדעק אַליין האָט נישט גערעדט. ער האָט געזאָגט זיין ברודער מאירן און מאיר האָט דערציילט. ער איז געשטאַנען נעבן וולאַדעקן, וואָס איז געלעגן אויף דער נאַרע, זיך אָפּגערוט פון דער שווע־רער אַרבעט. מאיר איז געווען זיין שומר־ראש. ווער ס׳איז צוגעקומען האָט אים מאיר אַריינגערעדט אין אויער די נייעס, ווי אַן אָנגעדרייטע גראַמאַפאָן־פּליטע. פון אים איז מען געוויר געוואָרן:

— פראַנקרייך איז אָקופּירט. מאַרשאַל פּעטען — פּרעמיער.

— גריכנלאַנד איז געפאַלן.

— און וואָס איז פּוילן?

— די יידן אין וואַרשע זענען פאַרשטויסן אין אַ געטאָ.

אָלעק, וועלכער איז דאָס מאָל געקומען פון דער אַרבעט אין שטאַל, האָט געבראַכט גרויסע שטיקער ברויט, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פון אָפּפאַלעכץ פאַר די חזירים. ער האָט געוואָלט די שטיקער ברויט צעטיילן צווישן דער גרופּע צוהערער פון די נייעסן, וואָס באַראַן דערציילט, אָבער דערהערנדיק וועגן געטאָ אין וואַרשע, איז ער מיט אַ מאָל ווי פאַרשטיי־נערט געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. ער האָט נישט געפילט ווי די שטיקער ברויט זענען אים אַרויסגעפאַלן פון די בושלאַט־פּאָלעס.

ער האָט געגלאָצט מיט די אויגן און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן אים געמאַטערט בילדער, ווי אַזוי ראָכעלאַ פאַרלאָזט די וווינונג, ווייל זי איז אויסערן געטאָ. זי גייט מיטן קינד, טראָגט אַ קליין וואַליזקעלע — קליידעלעך פאַרן קינד... זי גייט... זי וויינט... זי גייט...

***

ס׳איז הייס. דאָס וואַסער אין שוואַרצן טייכל ווערט נידעריקער, דאָס האָלץ שווימט, דער וואַלד שווימט. די גראָזן אין די טייגעס הייבן זיך, פוישן זיך. די בהמות קומען צום מעלקן מיט פולע אייטערס. די קעלבער אין דער שטאַל ליידן שוין נישט פון קיין שילשול. די 11טע בריגאַדע, ביים אַגראָנאָם קאַלגושין, גייט צוריק פון פעלדאַרבעט. אין דער שפּיץ פון דער בריגאַדע גייט דער לאַנגפוסיקער זשעלאַזקאָ, דער עלטערער, ער זינגט:

— „כ׳וויל צוריק אַהיים, ווי קליין זי זאָל נישט זיין...“

די בריגאַדע קען דאָס ליד און מען זינגט מיט. דער סטרעלאָק פרעגט די באַדייטונג פון ליד. פּיק, דער געוועזענער אַדמיניסטראַטאָר, פאַרטייטשט די ווערטער. דער סטרעלאָק לאַכט. נאָך אַ רגע, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס, כאַפּט ער אַראָפּ די ביקס פון אַקסל. ער פאַרווערט דאָס זינגען. ער דראָט מיט שיסן.

אין דער זאָנע — אַ טויט־שטילקייט, ווי דער לאַגער וואָלט געוואָרן אויסגעליידיקט. די ביורא, וווּ וואָלדעק באַראַן אַרבעט, איז באַוואַכט מיט סטרעלקעס. ביז איצט אַזעלכעס נישט געוועזן. גייט אַ לאַגערניק פון דער „אובאָרנע“ — רופן די סטרעלקעס:

— ביסטרעי! ביסטרעי!

פּולווער אין דער לופט.

ס׳זענען געקומען אַרעסטאַנטן פון די תפיסות אונטער מאָסקווע. מען ליקווידירט די תפיסות דאָרט.

אין באַראַק 7, וואָס איז ווי אַ געצעלט אויף זומער־צייט, בלויז מיט אַ פלאַנדעקע איבערגעצויגן אַריבער די בעלקעס, זענען איצט איינגע־

קוואַרטירט די אָקערשט געברענגטע. אַ פּוילישער פּירשט צווישן די אַרעס־טאַנטן. אין אַ פּיזשאַמע איז ער אַנגעטון.

— די דייטשן זענען באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד. ס׳דייטשישע מי־ליטער מאַרשירט אויף מאָסקווע, — דערציילט דער פּירשט.

די רעפלעקטאָרן אויף די ווישקעס, וואָס פלעגן באַלויכטן דעם לאַגער־שטח, ברענען נישט. מען גייט שוין נישט צו וולאַדעק באַראַן, נאָר צום פּירשט. אויך אַלעק האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין באַראַק 7. דער פּירשט איז אַ שיינער מאַנספאַרשוין, אָן גאווה. ער רעדט וועגן דעם דייטשישן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד, ווי דאָס וואָלט געווען דירעקט געהאַט אַ שייכות צו אים. „עס איז זיך צו ריכטן אויף געשעענישן". — וואָס פאַר אַ געשעענישן קאָן ער נישט פאָרויסזאָגן, נאָר געשעענישן. ער וויל נישט אויסטון די פּיזשאַמע, אַלס פּראָטעסט פאַרן אַרעסטירן אים.

וואָס מער מען קומט צום פּירשט הערן זיינע אויספירן וועגן דעם לויף פון דער מלחמה, אַלץ חשובער פילט ער זיך און ער איז מוטיקער. ער איז צוגעלאָזן און געדולדיק. ער ענטפערט אָן אַ שיעור מאָל אויף איין פראַגע.

— די מלחמה, איצט, וועט ענדערן אַ סך דאָס לעבן. ס׳איז זיך צו ריכטן אויף וויכטיקע נייעס...

— עפּעס וועגן דער לאַגע פון די ביעזשענצעס, פּירשט? — ווענדט זיך איינער.

— איר, ביעזשענצעס, זענט נאָך נישט דער עיקר אין דער וועלט. אָבער אַז עס וועט קומען אַן ענדערונג, איז פאַר די ביעזשענצעס אויך, זעלבסטפאַרשטענדלעך...

— היינט אַ „פּראָוויערקע" — זאָגט אַן דער קאָמענדאַנט.

אַלעק איז אַריין אין זיין באַראַק.

— ס׳וועט היינט נישט זיין קיין „פּאַדיאָם" — זאָגט דער דניעוואַלני, דער זייגערמאַכער.

— די פּוילישע וועלן איזאָלירט ווערן, אָדער אָפּגעטראַנספּאָרטירט ווערן אין אַן אַנדער לאַגער, ווו ס׳איז אַ שטרענגערער רעזשים — דער־ציילט מאַנהיימער, דער געהילף־דניעוואַלני. ער האָט גערעדט אַזוי שנעל, אַז ער האָט אַזש זיך אַ ביס געטון אין דער צונג.

ס׳פאַלט אַריין דער קאָמענדאַנט:

— אַלע אויף די נאַרעס! — באַפעלט ער און זיין קול איז הייזעריק.

די סטרעלקעס זענען איצט מיט געווער. זיי ציילן נישט מער מיט קיין ריטל, נאָר טאַפּן אָן מיט די הענט יעדע פּאָר אויסגעצויגענע פיס פון די לאַגערניקעס.

— ס׳וועט יאָר זיין „פּאַדיאָם". ס׳וועט יאָ זיין „ראַזוואָד".

**
*

ווי מיט פיאָלעטע קאָראַנקעס זענען היינט אַרומגעזוימט די וואָלקנס אויפן מוטנעם וואַסער־קאָליריקן פרימאָרגן־הימל.

נישטאָ מער די סטרעלקעס ביי דער „סוויעדנע"־ביורא, אָבער עס הערשט אַ גרויסע שפּאַנונג: די 58ער פּאַראַגראַפניקעס גייען פון ראַזוואָד אונטער טאָפּלטער וואַך, איין סטרעלאָק אין דער שפּיץ און דער צווייטער אין סוף פון דער בריגאַדע.

— די „סאעניקעס", וואָס האָבן שיינען צו גיין אָן אַ שמירה, וועלן אָפּגעבן די „פּשעפּוסטקעס"! — רופט דער קאָמענדאַנט שפּאַנענדיק אַרום די צום ראַזוואָד שטייענדיקע בריגאַדעס.

אַלעק און שייקעוויטש ווערן אַוועקגעשטעלט פון דער בריגאַדע. זיי וועלן בלייבן ביי די „סאָע" שיינען.

דער נאַריאַדטשיק האָט נישט געלייענט קיין ליסטע פון דאָקטאָר אויף צו באַפרייען פון אַרבעט. די „סלאַבקאָמאַנדע" — אויס. אַלץ גייט צו דער אַרבעט אין וואַלד. אַלע בריגאַדעס אונטער אַ גרעסערע באַוואַכונג.

וולאַדעק באַראָן און דער פירשט אין איין בריגאַדע — צו זכאָזדסקי. זיי גייען איינער נעבן אַנדערן.ביידע רעדן איינס — חזרן איבער די אַלטע ידיעות:

וולאַדעק טייטשט אויס:

— עס קומען שווערע צייטן...

דער פירשט טענהט זיינס:

— יעדער אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד מוז ענדערן אין דער וועלט. ס׳קאָן זיין אַז ס׳וועט ברענגען די ביעזשענצעס אַ שאַנס...

ד. זאַקאַליק

— אַ באַפרייונג?
— אויך דאָס נישט אויסגעשלאָסן...

14

די לעצטע טעג פאַרן נייעם וועג

אַ דאַמפּער — אַוודאי פון פּאַטיאָמקינס צייטן. אַן אַנטיטשנע זאַך, ווי אַרויסגענומען פון אַ רעקוויזיט אויף אָפּצושפּילן אַ סצענע אין דער פּליטים־דראַמע. אַ לאַסט־דאַמפּער איז עס. עס איז אָפּגעקראָכן פון אים די פאַרב און אויסצופּוצן אים איז נישט כדאי. דער דאַמפּער איז פול מיט האָלץ, וואָס איז דאָס הייצמאַטעריאַל צו באַוועגן דעם דאַמפּער.

דער דאַמפּער פירט איצט נישט געוויינלעכע פּאַסאַזשירן. ס׳איז בכלל דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער דאַמפּער פירט פּאַסאַזשירן. ס׳פאָרן לאַגער־ניקעס — געוועזענע „ס־אַ־עניקעס“. זיי פאָרן איצט נישט אונטער קיין קאָנוואָי. זיי זענען אָקערשט באַפרייט געוואָרן פון די אַרבעטס־לאַגערן. זיי פאָרן קיין סיווטיוואָר, די הויפּטשטאָט פון דער רעפּובליק קאָמי. עס הייסט אַז זיי האָבן אַליין זיך אויסגעוויילט די רעזידענץ. הונדערט זענען זיי אויפן דאַמפּער, אין מלבושים אָן צוויטנס — אויספאַרראַכטענע, אַזוי האָט געוואָלט די לייטונג אין דער צענטראַלע, וואָזשאיעל — נישט אַרויס־לאָזן מענטשן מיט אַ ווילדן אויסזען. אָבער די אָפּגעטראָגנקייט פון די מלבושים איז נאָך גוט קענטלעך, די פאַרב איז אָפּגעשאָסן, די פּופייקעס אָן לאַטעס, אָבער די אויסגעריבענע ערטער זעען אויס ווי לאַטעס. פון אַלע שלאָגט אַ טוכלער ריח פון דעזינפעקציע. די פּנימער זענען פאַרחושכט. די באַקן — מיט טיפע לעכער צוליבן פעלן פון ציין. זיי האָבן אויפגענו־מען די באַפרייונג אָן פרייד. אין זייערע אויגן אַ צעטומלעניש. עס הייבט זיך אָן אַ נייער וועג.

ליגט אַלעק אויף אַ קופּע האָלץ־שטשאַפּעס. ער צעשפּרייט זיך וויפל ער קאָן — ער איז דאָך פריי!

... די נעכטיקע פאַרבינדטע זענען איצט מיט אַ מאָל געוואָרן שונאים.

איצט שפּייען זיי מיט פייער. און די געוועזענע פּוילישע גענערעלער וועלן אָרגאַניזירן אַן אַרמיי אין ראַטנפאַרבאַנד — פון די בירגער־ביעזשענ־צעס. אַזוי האָט פּראָקלאַמירט דער ראַדיאָ. מען הערט שוין דעם ראַדיאָ...

געוועזן אַ הייסער זומער־טאָג. ער, אַלעק, איז מיט דער סטאַדע בהמות געווען אין די טייגעס אויף פּאַשע. לויט דעם נידערן פון דער זון האָט ער געטריבן די בהמות צום טייכל זיך אָנטרינקען. די בהמות שטייעןביים טייכל אין אַ שורה, ווי זיי וואָלטן צוגעבונדן געווען צו די קאָריטעס אין דער שטאַל.

פּלוצלינג לויפט אָן אַ רייטער, אַ סטרעלאָק, רופט אַלעק זאָל טרייבן די סטאַדע אין שטאַל אַריין און זאָל שוין קומען אין דער זאָנע אַריין. פּונקט האָט ער דאָן צו טון געהאַט מיט אַ קו, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט פון „באַיקאָ", דעם אָקס און זי איז אַריין אין וואַסער. דאָס טייכל איז נישט ברייט, אָבער טיף און די בהמה קאָן דערטרונקען ווערן. ער וויל זי אַרי־בערייאָגן אויף דער צווייטער זייט, ער וואַרפט שטיינדלעך און עס העלפט נישט. די בהמה גייט נישט אַריבער אויף דער צווייטער זייט טייכל און גייט אויך נישט זיך באַהעפטן מיט דער סטאַדע. ער האָט מורא, אַלעק, אַז די איבעריקע קי זאָלן נישט נאָכשפּרינגען דער אין טייכל. זיי האָבן זיך נאָך נישט געבוג אָנגעזויפט און עס איז שווער זיי אַוועקצוטרייבן פון וואַסער.

אַלעק ווייסט אַז דאָס רופן אים אין דער זאָנע אַריין איז אין שייכות מיט דער אַמנעסטיע, וואָס מען האָט אַנומלט וועגן דעם איבערגעגעבן. ער ווייסט, אַז זיין קאַטאָרגע האָט זיך געענדיקט. איצט, צוליב דער קו, פאַרשלעפּט זיך זיין פריי ווערן. פּונקט היינט איז מאַרטינענקאָ שוין נישט געשיקט געוואָרן צו פּאַשען די בהמות. ער האָט שוין געוואָלט אַריינ־שפּרינגען אין טייכל אַריין און מיטן דרענגל דערלאַנגען דער קו אַ פּאָר קלעפּ... גוט וואָס ער האָט עס נישט געטון. ער וואָלט געקאָנט גורם זיין די קו זאָל דערטרונקען ווערן — ווער ווייסט צי ער וואָלט איצט דאָ מיט דעם דאַמפּער געפאָרן. צי ער וואָלט נישט געלעגן אין איזאָלאַטאָר? ער האָט איינגעשטעלט, איבערגעלאָזט די בהמה אין טייכל. — „זי וועט אַליין קומען אין שטאַל אַריין..." זי איז געקומען...

***

דער דאַמפּער שלעפּט זיך אַן אַ פּייף, אַט אַזוי ווי „לאָז מיך געמאַך״. דער טייך הייבט נישט קיין כוואַליעס. ווען עס הערט זיך נישט דאָס רע־דער־געדריי, וואָלט רעכט געווען צו מיינען, אַז דער דאַמפּער באַוועגט זיך נישט.

די געוועזענע „ס־אָ־עניקעס״ ליגן ווי איינגעלייגטע שטשאַפּעס אויף דער פּאַדלאָגע, אויף די טרעפּ. איינער סמאַטשקעט אַ קריש צוקער, פּאַטשט ער מיט די ליפּן, אַז דער קלאַנג הערט זיך ווי דאָס קאַפּען וואַסער פון אַ קראַן.

אַלעק איז נאָך אַלץ פאַרטראָגן אין דעם נעכטן: דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געהאַט אָפּצוגעבן דעם לאַגער־מאַגאַזין, זענען געווען די וואַלי־קעס. דער קאָמענדאַנט האָט רעווידירט זיין פּעקל. אויסגעזען, ווי ער וואָלט געהאַט צוגעקלעמט די צונג. ס׳האָט אים געקלעמט, וואָס ער וועט שוין נישט האָבן וועמען צו שטאַרגען, נישט האָבן וועמען אָראָפּצושלעפּן פון דער נאַרע און אַרויסצוטרייבן צום ראַזוואָד. די הענט האָבן אים גע־ציטערט בעתן רעווידירן. די מאַכט האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיין האַנט. ס׳קאָנען קומען גרעסערע אַכזרים און אים שטופּן, אים שטויסן — „סטראַיסיאַ!״ זיינע גראָע אויגן זענען געווען פאַרנעפּלט. ער האָט ווי פאַר־לוירן די גלייכגעוויכט, ווי ס׳וואָלט זיך אים מישן אין קאָפּ.

אויף די באַראַק־שוועלן זענען געשטאַנען די רוסן־לאַגערניקעס, מיט קנאה געקוקט ווי די ביעזשענצעס גייען פריי.

אויף דער צווייטער זייט טויער האָט אַלעק זיך צוגעשטעלט צו שיי־קעוויטשן, אין דער דריטער שורה. ער האָט נאָך געכאַפּט אַ בליק אין דער זאָנע. די נאַרמיראָוטשיקעס, דער נאַריאַדטשיק, וואָלאָדיאַ דער קוכער, אַלע זענען געשטאַנען און געקוקט ווי די פּוילישע שטעלן זיך צום אָפּ־מאַרשירן.

מיט אַ מאָל האָט אַלעק דערפילט אַ האַנט אויפן אַקסל. ער האָט זיך דערשראָקן. ס׳איז געווען יעפימאָוו, דער זאָוו־פערמע. ער האָט אַפּגעגע־שלעפּט פון הינטערן העמדל אַ פלאַש מילך און אים דערלאַנגט:

— ס׳איז זייער ווייט צו וואַזשאַיעל, נעם! — האָט ער געזאָגט און שנעל זיך אָפּגעטראָגן. וויזט אויס ער איז געווען שטאַרק צופרידן פון

זיין טאַט, ווייל אין זיין גיין האָט מען נישט דערקענט, אַז ער זאָל שלעפּן דעם לינקן פוס.

... דער דאַמפּער פאַרט טאַקע אויף אַן אמת נישט. ער האָט זיך געשטעלט. דער קעסל־הייצער האָט געטרונקען איבער די מאָס. ער האָט איינגעדרימלט און נישט צוגעלייגט קיין האָלץ צום פייער. איצט מוז מען וואַרטן אויף פּאַרע.

ס'איז נישט לייכט אַרויפצוקומען אויף דער דעק. אַלע ווילן מיט אַ מאָל זען ווו מען איז שטיין געבליבן. צי איז אַ ברעג, צי אַ סטאַציע? אפשר טאַקע זען מענטשן און קאָנען קויפן אַ ביס חמץ, אַ פּעקעלע מאַ־כאָרקע.

אַלעק האָט זיך שוין אויך אַראָפּגערוקט פון זיין געלעגער אויף די שטשאַפּעס. ער האָט שוין נישט געטראַכט אָפּצוהיטן דאָס אָרט, אַז מען זאָל עס נישט פאַרכאַפּן. ער איז אַרויף אַ בליק טון אויפן דרויסן. דער דאַמפּער האָט זיך אַ רוק געטון, גענומען וועג. אַלעק האָט זיך איינגעע־קוקט אינעם גראָלעכן הימל, וואָס זיין פאַרב איז ווי אָפּגעשאָסן געוועזן פון דער צעגאָסענער זון. העט ווייט ביים ברעג זענען געלעגן שורות קלעצער־בונטן. דאָס בילד האָט אים דערמאָנט אין די ערשטע טעג פון דער קאַטאָרגע־אַרבעט: ס'איז נאָך שטאַרק פינצטער געווען, קאַלט, אַן עסעדיקער פראָסט. די כינעזער האָבן צעברענט אַ שייטער אין אַ שאָפּע אָן אַ דאַך. און דאָך איז די שאָפּע פול געווען מיט רויך, אַז מען האָט קוים דערקענט זייערע פּנימער. ס'האָט גענומען גראָען, איז ער געגאַנגען צו די בונטן... און נאָך האָט ער זיך דערמאָנט: אין דעם אַנומלטיקן גיין אין אומענדלעכן וואַלד, שוין אַ באַפרייטער. די מידקייט פון גיין האָט געמאַכט אַז, וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט צום דערפל וואזשאיעל, אַלץ מער האָט אים אויסגעזען דער מרחק גרעסער. יאָ — יענעם טאָג איז ער פאַרבייגעגאַנגען דעם 1טן לאַג־פּונקט, ווו דאָס שפּיטאָל, ווו ער איז אין חודש יולי אַריינגעפירט געוואָרן אַ קראַנקער אויף קדחת. אויפן צווייטן טאָג ערשט געקריגן אַ בעט. נאָך גוט, וואָס די מאַלאַריע האָט אים געכאַפּט דעמאָלט. ווען היינט, וואָלט ער געשטאַנען פאַרן טויער, געקוקט ווי אַלע פון זיין לאַגער גייען אַוועק אויף דער פריי, ווי עס

האָבן אַנומלט געקוקט אויף אים די קראַנקע. נאָך געל געווען זייערע פּנימער.

די זון האָט זיך אַראָפּגערוקט צום פאַרגיין. אַ קיל ווינטל האָט אַ ווייע געטון. אָלעק איז צוריק צוגעקומען צו דער קופּע שטשאָפּעס, וווּ ער האָט געהאַט זיין געלעגער. איצט זענען דאָרט געשטאַנען גרינבערג, דער פּרושקאָווער שניידער־קרייד־מאַכער, און בוימגאַרט, דער פאַרמאַ־צעווט. ביידע זיינע ידידים נאָך פון דער סאָסנאָווקע אין ביאַליסטאָק. זיי האָבן אין גוטן טאָן, שמייכלענדיק און זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, זיך געדונגען וועגן אָרט. איינער האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַן אויג אויף דעם אָרט; דער צווייטער האָט געזאָגט אַז ער איז צוגעקומען דער ערשטער. קומט עס אים לויטן כלל — „כל הקודם זוכה״...

בוימגאַרט איז געקומען פון אַן אַנדערן לאַגער און זיין אויסזען איז נאָך ערגער ווי פון די „סאַעניקעס״ מיט אָלעקן. בוימגאַרטס גאָרגל שפּאַרט ממש אַרויס פון האַלדז. ער האָט עטלעכע ציין אין דער אייבערשטער דזשאָנסלע, קוים מען זעט זיי. ער האָט געקריגן אַ קורצן אָטעם מיט אַ שלוקעכצל, וואָס פּייפט אַ ביסל צו. דאָס צופייפן דערהאַלט אים ביים לעבן, „אַז נישט וואָלט ס׳האַרץ מיר פאַרקלעמט געוואָרן״.

בוימגאַרט האָט דערציילט, אַז ער האָט געאַרבעט אין וואַלד. ער האָט געשאָבן קאָרע פון די קלעצער. נאָך איין חודש וואָלט שלעכט געווען. דער דאַמפּער וואָלט איצט געפּאַרן אָן אים... ער האָט נאָך עפּעס אויף זיך פון וואַרשע: דעם פּאַלטאָ. עס איז געווען אַמאָל אַן עלעגאַנט מלבוש, פּלעגט ליגן אויף אים אויסגעפּאַסט און ס׳האָט זיך נישט אָנגעזען זיין שפּיציק בייכל. איצט איז דער פּאַלטאָ ווי אַ זאַק. ער קאָן זיך מיט די פּאָלעס אַרומוויקלען עטלעכע מאָל. דאָס איז טאַקע אַ גרויסע הילף אויס־צוהיטן זיך פון די קעלטן.

— ווי דו זעסט דעם „לאַך״ האָט מען אים שוין געהאַט צוגעגנבעט, — דערציילט בוימגאַרט מיט אַ ברייטן שמייכל אויף די נאַסע ליפּן — מען האָט אים צוריק אונטערגעוואָרפן. אין סיוועטיוקאַר וועל איך אים פאַרקויפן. אין שטאָט דאַרף מען אויסזען מענטשלעך...

אָלעק לאָזט אים רעדן. ער קוקט אים אָן און קאָן זיך נישט אָפּוווּנ־דערן ווי דער מענטש האָט זיך געענדערט. דער אַמאָליקער פעדאַנט, וואָס

פלעגט אָפּשניידן פון ברויט די האַרטע שאָל — טאָמער האָט עס אַ האַנט אָנגערירט, טאָמער האָט אַ פליג זיך אַרויפגעשטעלט. דער מענטש האָט אין דעם איינציקן יאָר לאַגער פאַרלוירן דעם חוש פאַר היגיענע. זיינע הענט זעען איצט אויס ווי מאַלפּע־לאַפּעס.

אַ שוידער גייט אַלעק דורך איבערן לייב. ער וואָלט געבעטן בוימגאַרטן ער זאָל זיך אויסזוכן אַ געלעגער אַ ביסל ווייטער פון אים, ווען ער שעמט זיך נישט.

אַ מאָמענט איז אַלעקן איינגעפאַלן, אַז ס׳קאָן זיין בוימגאַרט טראַכט דאָס זעלביקע וועגן אים. האָט ער זיך אַ נעם געטון צו די שטשאַפּעס האָלץ, כדי אויסצובררייטערן דאָס געלעגער עס זאָל זיין אָרט אויך פאַר בוימגאַרטן און גרינבערגן.

גרינבערגן איז אין לאַגער נישט געלונגען צו ווערן דניעוואַלני, כאָטש דער נאַריאַדטשיק האָט געשטיצט זיין קאַנדידאַטור. דער נאַטשאַלניק האָט אים נישט באַשטעטיקט מחמת עס זענען דאָ ייִדן וואָס זענען געבראַכן אין ביידע זייטן...

גרינבערג איז נישט אַזאַ חלוש, ווי בוימגאַרט. ער האָט געהאַט וואָס אויסצוטוישן אויף אַ פּאַיקע און צו קויפן אַ טאַלאָן פון דריטן קעסל. אַ „ליאַכקי־טרודניק״, איז ער געגאַנגען זעגן האָלץ ביי די „וואָלנאַ־נאַיאָמנע״ — אויסער דער זאָנע. די „כאַזייקע״*) האָט אָפט געגעבן אַ טעלער זופּ, אַפילו אַ פעטן ביין.

ליגן זיי איצט, די דריי ידידים, ביעזשענצעס, אויסגעקוואַרטע, דערשעפּטע און עס איז זיי גוט, וואָס זיי קאָנען זיך איצט קעגנזייטיק דערציילן איבערלעבונגען: יעדער פון זיי איז לעצטנס, אין וואָזשאיעל, אַריינגערופן געוואָרן צו אַ באַאַמטן פון סיוּוטיוּוקאַר. ער האָט פאָרגעלייגט אַן אָפּמאַך צו אַרבעטן ביי „ספלאַוו״. אַלעק האָט געטראַכט: „די זעלבע יענטע נאָר אַנדערש געשלייערט״. — קלעצער אומצולייגן, אָדער אומגעלייגטע שיקן אין וועג אַריין.

דעם זעלבן טאָג האָט אַן ענקאַוועדיסט־אָפיציר גערעדט:

---

*) באַלעבאָסטע.

— איר ווערט באַפרייט, מיט רעכט צו אַרבעטן פאַרן פאַרבאַנד, ווו ס'בויט זיך ס'נייע לעבן... ס'איז גלייכער נישט אַרומצוגיין אָן אַרבעט. ס'ווערן אייך אָנערקענט די רעכט פון רוסישע בירגער. ווער ס'וויל קאָן זיך מעלדן אין דער אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון אַ פוילישן גענעראַל, אַ פאַרבינדעטן פון ראַטנפאַרבאַנד.

— ספּאַסיבאָ! *) — האָבן אַלע אויסגערופן ווי אין אַ כאָר.

*****

די נאַכט איז אַלעק געלעגן אין אַ האַרטן שלאָף. ער האָט זיך ווידער קיין וואַרשע אַריינגעכאַפּט... פון מזרח־וואָקזאַל, אין פּראַגע, איז ער גע־לאָפן דורך דער קערבעדזשער בריק, וואָס איז צוריק צורעכט געמאַכט געוואָרן פאַר פוס־גייער. ער זעט נאָך די שורות חורבות פון דער באָמ־באַרדירונג. ער קוקט זיך נישט אום. ער לויפט אין דער ריכטונג צו זלאָטע גאַס; אין דער צייט פלעגט ראַכעלאַ גיין מיטן קינד שפּאַצירן. ער וויל נישט קומען צו אַ פאַרשלאָסענער טיר. אויב ער וועט זי טרעפן אַפילו שוין גרייט צום אַראָפּגיין, איז אויך גוט. האַרט ביים עפענען די טיר וועט ער איר אַנטקעגן קומען. ער וועט זי אין די אָרעמס אַריינכאַפּן. אָבער דאָס קינד, דאָס טעכטערל, וועט דאָך וואַרטן ער זאָל זי נעמען טוליען צו זיך, אויסקושן איר פּנימל. וועט ער זיי ביידע קלאַמערן צו זיך ביז זיי וועלן לאַכן... אָט זענען זיך צוזאַמענגעקומען זיינע ברידער, שוועס־טער, ווי אַמאָל אויף ליליס אַ געבורטס־טאָג. אַלע הערן זיך איין אין זיין דערציילונג און זיי שטוינען — וואָס ער האָט אַלץ איבערגעלעבט! מען לאַכט פון די המצאות זיינע זיך צו ראַטעווען, נישט צו פאַרלירן זיך.

באַגינען האָט אים בוימגאַרט אַרויסגעשלעפּט פון חלום:

— דער דאַמפער דערנענטערט זיך צו סיוווטיוואָקאר!

קאָנטורן פון הייזער, דעכער מיט קוימענס, ווי די וואַרשעווער הייזער.

— דערנענטערט מען זיך צו דער היים, אָדער מען דערווייטערט זיך?

---

*) אַ דאַנק.

ביכער פון זעלבן מחבר:

1. איבערגאַנג (ראָמאַן), וואַרשע 1931
2. חבר יאָזע בראָף (ראָמאַן), וואַרשע 1934
3. גערוּנגל (לובלין — 1939—1943), י. ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אָביב, 1958
4. מענטשן און גאָסן (דערציילונגען), י. ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אָביב, 1962

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אַברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מײַן חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. גודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) **ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין** (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זײַדמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע־ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט — (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אַברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שנײַדערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקעלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (**חורבן וואַרשע**)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע**

32) **מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט** (אויספאַרקויפט)

33) **אַברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות**

34) **יחיאל לערער — מײַן היים** (אויספאַרקויפט)

35) **יוסף וואָלף — לײַענענדיק פּרצן...**

36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן**

37) **י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק**

38) **נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן**

39) **רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט** (לידער)

40) **א. אַלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן**

41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) **מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע**

43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) ז. סעגאַלאָוויטש — מײַנע זיבן יאָר אין תל־אָביב (אויספאַרקויפט)

45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרבײַ... (אויספאַרקויפט)

46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) **אַברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער** (לידער)

48־49) **ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ** (אויספאַרקויפט)
(פּרעפּירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר אַ. מוקדוני — מײַנע באַגעגענישן** (זכרונות)

51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פײַער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) **יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן** (אויספאַרקויפט)

54) **יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״** (ראָמאַן)

55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים

60) **ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13**

61־62) **דוד פלינקער — אין שטורעם** (ראָמאַן)

63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)

64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד בײַם
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) **חיים גראַדע — שײַן פון פאַרלאָשענע שטערן**

67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער**

68) יואל מאַסטבוים — מײַנע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) אליהו טראַצקי — גלות דײַטשלאַנד

70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) נחמן מײַזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) **י. י. טרונק — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע** (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פּאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופּערנע הימלען (אויספֿאַרקויפֿט)
(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פֿאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) ד״ר אַ. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פֿראַגמענטן פֿון מײַן לעבן
76) יהושע פּערלע — ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פֿון ייִדישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פֿון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע, 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספֿאַרקויפֿט)
80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספֿאַרקויפֿט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פּוילשער וואָך
82-83) יצחק פּערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) יוסף אָקרוטני — דאָס בוך פֿון די עלנטע
85-86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספֿאַרקויפֿט)
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מײַן אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פֿאַרטאָג (זכרונות) (אויספֿאַרקויפֿט)
89) משה־דוד גיסער — דאָס געזאַנג פֿון אַ לעבן (אויספֿאַרקויפֿט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91-92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האָראָנטשיק — אין גערויש פֿון מאַשינען (ראָמאַן)
94) גרשם באַדער — מײַנע זכרונות (קראָקע)
95-96) יאָנאָס טורקאָוו —פֿאַרלאָשענע שטערן (אויספֿאַרקויפֿט)
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פֿאָנד, מעקסיקע 1954)
97-98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) פּועה ראַקאָווסקי — זכרונות פֿון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערין
100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פֿון אַ גרויסן דור (אויספֿאַרקויפֿט)
101) י. הירשהויט — ייִדישע נאָפֿט־מאַגנאַטן
(פּרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פֿאָנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1955)
102) משה זאָנשײַן — ייִדיש וואַרשע
103) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פֿון אַ פֿאַלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פֿול מיט נסים (ראָמאַן)
105-106-107) מיכאל באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
(פּרעמירט דורכן ניימאַן־פֿאָנד, פּאַריז, 1958)
108-109) מרדכי שטריגלער — געאָרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)
110-111) ד״ר אַ. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פֿאָנד, ניו־יאָרק, 1956)
112) ברוך האַגער — מלכות חסידות
(פּרעמירט דורכן מרדכי סטאָליאַר־ליטעראַטור־פֿאָנד, בוענאָס־איירעס, 1956)
113) ב. שעפֿנער — נאָוואָליפּיע 7 (אויספֿאַרקויפֿט)
114) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פֿון ליאַלקעס (אויספֿאַרקויפֿט)

116) מאַקס ווײַנרײַך — פון בײדע זײַטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פּרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אַברהם טענענבוים־אַרזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124־125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען
126־127) אַברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פּרעמירט דורך דער באָריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129־130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פּרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן
(פּרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן בײדע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאַקאַלן
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141־142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות (אויספאַרקויפט)
143־144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרײַאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה (אויספאַרקויפט)
147) פנחס שטײַנוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כעלעם (אויספאַרקויפט)
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס
151) שלמה פריזאַמענט — די בראָדער זינגער
152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זײַט פּאָרהאַנג (אויספאַרקויפט)
153) שיינע־מרים בראָדערזאָן — מײַן לײַדנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאָלאַ אָפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה ברײַנסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
157-158) דוד דאַווידאָוויטש — שולן אין פּוילן

159) **א. אַלמי** — זאַמלבוך
160) **ד"ר יצחק לעווין** — יידן אין אַלטן פוילן
161) **מלך ראַוויטש** — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן
162) **ישראל עמיאָט** — פאַרדעקטע שפּיגלען
163־164) **הערשל ה. ווײַנרויך** — קאַמיסאַרן
165) **ישעיה טרונק** — געשטאַלטן און געשעענישן
166) **אַברהם זאַק** — אין אָנהייב פון אַ פרילינג
167) **שלמה שאַפּיראָ** — זכרונות פון אַ מאַראַן
168) **ב. טערקעל** — די זון פאַרגייט ביים אַמור דאַריאַ
169) **ד. זאַקאַליק** — אין שטורעם

עס גרייט זיך צום דרוק:

נ. קאַנטאַראָוויטש — פאַרשוווּנדענע ישובים
מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן (באַנד 2)
נינאַ טענענבוים — מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף
ד"ר ל. וואָלמאַן — יידישע דאָקטוירים אין פוילן
קעהאָס קליגער — איטע און ליבער (ראָמאַן אין פערזן)
יצחק טורקאָוו־גרודבערג — אויף מיין וועג... (שרייבער און קינסטלער)
ד"ר יוסף קרוק — זכרונות

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

★

יעקב באַטאָשאַנסקי שרייבט וועגן „זכרונות פון אַ מאַראַן" פון שלמה שאַפּיראָ („די פּרעסע", בוענאָס־איירעס, 5טער אַפּריל 1963):

דאָס 167 (הונדערט זיבן און זעכציקסטע) בוך פון דער סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום", וואָס דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע גיט אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו און אַדמיניסטראַציע פון אברהם מיטלבערג, הייסט „זכרונות פון אַ מאַראַן" און דער מחבר דערפון איז שלמה שאַפּיראָ. עס איז צו דעם דאָזיקן בוך, וואָס האָט 224 זייטן צוגעגעבן אַ הקדמה פון נחמן בלומענטאַל און אַ קורצע ביאָגראַפיע פון מחבר. מיר באַנוצן זיך מיט די דאַטן פון דער „ביאָגראַפיע". שלמה שאַפּיראָ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1897 אין זאַלאָשיץ, מזרח־גאַליציע. ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין טאַרנאָפּאָל און ער האָט שטודירט יורי אין ווין און בערן (שווייצאַריע). נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער חתונה געהאַט פאַר פריילן פאַני מעל פון פּרעמישלאַן און ער האָט זיך באַזעצט אין לעמבערג און ער האָט זיך דאָרט איינגעשטעלט אַ האָל־עקספּאָרט־פירמע, וואָס איז געגאַנגען זייער גוט ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דעם בוך „זכרונות פון אַ מאַראַן" דערציילט שאַפּיראָ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט **בעת דעם צווייטן וועלט־קריג.** אין יאָר 1947 קומט ער קיין ישראל, באַזעצט זיך דאָרטן, אַרבעט אויף אַ פּאָסטן, באַטייליקט זיך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, באַקומט אַ שם אין זיין סביבה און אין יאָר 1959 שטאַרבט ער פון אַ האַרץ־קראַנקייט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין דער אָקופּאַציע־צייט. די זכרונות זיינע האָט ער באַלד נאָכן קריג פאַרצייכנט אויף דייטש און ער האָט זיי אַליין איבערגעזעצט אויף עברית און זיי זענען דערשינען אין בוכפאָרם אויף עברית אין יאָר 1953. פון העברעיִש אויף ייִדיש האָט דאָס דאָזיקע בוך איבערגעזעצט זייער קאָרעקט ז. אַליצקי.

פון דעם טיטל פון בוך קען דער לייענער פאַרשטיין, אַז שלמה שאַפּיראָ האָט געלעבט אויף דער אַרישער זייט, ווי אַן אָנוס, אַ מאַראַן, אין די צייטן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. נישט די גאַנצע צייט האָט ער געלעבט ווי אַ מאַראַן. אַ היפּשע צייט האָט ער געלעבט ווי אַ ייִד און ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַ סך סכנות, אַ דאַנק זיינע אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער בוכהאַלטער און ער האָט געקענט אָנפירן מיט יעדער קאָמערציעלער און אינדוסטריעלער אונטערנעמונג און ער איז באַזונדערס געווען אַ ספּעציאַליסט אין האָלץ־ענינים. אָבער עס איז אָנגעקומען גאַנץ שווער צו בלייבן אַלס

ייִד און ער האָט אַלע מאָל ריזיקירט אומצוקומען אין איינעם מיט זיין פרוי, זייער טאָכטער און זון. און די פרוי איז טאַקע אומגעבראַכט געוואָרן. די טאָכטער האָט דעמאָלט באַשלאָסן צו לעבן אַלס „קריסטן" און דער פאָטער און דער ברודער האָבן סוף־כל־סוף נאָכגעטון און זיי זענען אויך געוואָרן „אַריער".

די גאַנצע צייט, וואָס שלמה שאַפּיראָ האָט געלעבט ווי אַ ייִד איז געווען אַן אומאויפהערלעכע פּיין. מען האָט אים כסדר דערגאַנגען די יאָרן און מען האָט געהאַט טענות פאַר וואָס ער איז אַ פּעיִקער בוכהאַלטער. אַלע פּאָליאַקן, וואָס האָבן פּרעטענדירט אויף זיין פּאָסטן זענען געווען זיכער, אַז די ייִדן ווייסן עפּעס אַ סוד אין דער בוכהאַלטעריע, וועלכן זיי ווילן נישט איבערגעבן די קריסטן און דערפאַר קען ער מאַכן אַ ריכטיקן ביודזשעט און באַלאַנס און זיי — נישט. נעמען אין באַטראַכט, אַז זיי קענען נישט, ווייל זיי האָבן נישט געלערנט קיין בוכהאַלטעריע און ווייל זיי זענען שיכורים און פוילענצער, דאָס דאָזיקע איז נישט איינגעפאַלן... פּוילישע פרויען האָבן געהאַט טענות צו אים פאַר די דאָזיקע ייִדן, וואָס האָבן זיי פאַרקויפט זייערע זאַכן און זיי נישט געוואָלט אַוועקגעבן בחינם, כאָטש זיי האָבן דאָך געוווסט, אַז זיי וועלן ליקווידירט ווערן.

דער דאָזיקער טייל, אין וועלכן עס ווערט דערציילט וועגן דער שאַפּיראָ־פאַמיליע נאָך אַלס ייִדן איז באַזונדער אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס ער שילדערט, וואָס ייִדן האָבן איבערגעלעבט אין מזרח־גאַליציע, לכתחילה אונטער די רוסן און דערנאָך אונטער די דייטשן. אונטער די רוסן האָבן די ייִדן באַזונדער געליטן פון די אוקראַיִנער, וועלכע זענען געווען היפּער־נאַציאָנאַליסטן און קעגנער פון קאָמוניזם און זיי האָבן זיך דאָך געקענט צופּוצן צו די רוסן. אונטער די דייטשן האָבן די אוקראַיִנער געשפּילט די גערמאַנאָפילן און זיי האָבן אַרויסגעוויזן די גאַנצע ברוטאַלע מערדערישקייט זייערע. אונטער די דייטשן האָבן די פּאָליאַקן אויך גענומען געבן קאָרטן און ווילדעווען לגבי די ייִדן. אין זייער שנאה צו ייִדן, וואָס איז געווען פּשוט סם, זענען די פּאָליאַקן אין גאַליציע נישט צוריקגעשטאַנען פון די ברידער זייערע אין קרוינפּוילן.

אַלס מאַראַן האָט שאַפּיראָ געלעבט סיי אין גאַליציע און סיי אין פּוילן און ער באַשרייבט אַ צייט, וואָס איז ביז איצטער ווייניק פאַרצייכנט געוואָרן. די צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד אין משך פון די חדשים אויגוסט—אָקטאָבער 1944. אין יענער צייט, אַ פופצן חדשים נאָך דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, זענען שוין געווען גאָר ווייניק ייִדן אין פּוילן, אָבער פאַר די פּאָליאַקן זענען זיי נאָך אַלץ געווען צופיל. ווען פון די הונדערט צוואַנציק טויזנט ייִדן אין ל ע מ ב ע ר ג זענען געבליבן בלויז אַכט טויזנט און אַ פּוילישע פרוי האָט דאָס געהערט, האָט זי אויסגעשריען: אַזוי פיל ייִדן זענען נאָך פאַראַן! 8 טויזנט פון 120 טויזנט האָט איר אויסגעוויזן מוראדיק אַ סך. און געציילטע ייִדן אין גאַנץ פּוילן אין יאָר 1944 האָט אַלע פּאָליאַקן אויסגעוויזן צופיל. זיי האָבן געהאַט באַשלאָסן, אַז עס דאַרפן גאָר קיין ייִדן נישט בלייבן אין זייער לאַנד. און אין דער סאַמע צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד, ווען ייִדן האָבן אַוועקגעגעבן ס'לעצטע ביסל לעבן זייערס און זיי האָבן געקעמפט אַ סך העלדישער ווי די פּאָליאַקן, האָבן די לעצטע געקריצט די ציין קעגן יעדן איינעם, וואָס האָט זיי אויסגעזען ווי אַ ייִד. געפאַנגענע פּוילישע סאָלדאַטן פון גענעראַל סאָסנקאָווסקיס און באָר קאָמאַראָווסקיס אַרמיי האָבן באַ־

מערקט דעם מחבר און זיי האָבן באַלד אויסגעשריען, אַז ער איז אַ ייִד, כאָטש דאָס דאָזיקע איז פֿאַר אים געווען אַ לעבן־סכנה. די שנאה בײַ די פּאָליאַקן האָט ממש געברענט. און ווען די רוסן האָבן שוין פֿאַרנומען פּוילן און די נאָרד־אַמעריקאַנער זענען שוין געווען אין גאַליציע, זענען ייִדן אין ערגעץ נישט געווען זיכער מיט זייער לעבן דאָרטן ווו עס זענען געווען פּאָליאַקן.

אונטער די אַמעריקאַנער איז שלמה שאַפּיראָ געוואָרן קאָמענדאַנט פֿון אַ לאַגער, ווו עס זענען געווען פּאָליאַקן. ער האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר זײַנע מענטשן. ווען מען האָט איינעם פֿון זיי געכאַפּט בײַ אַ גניבה און מען האָט אים געמשפּט, האָט דער מחבר, וואָס איז געווען אַן אַדוואָקאַט, אים פֿאַרטיידיקט מיט אַלע זײַנע כוחות פֿון שׂכל און שאַרפֿזין און ער האָט אים באַפֿרייט. און ער האָט שוין דערנאָך געהאַט כּסדר אַרבעט צו פֿאַרטיידיקן די פּאָליאַקן, וואָס זענען באַגאַנגען גנבֿות און רציחות. אין לאַגער איז געווען אויך אַ קשאָנדז (אַ פּוילישער גייסטלעכער) און ער האָט דערציילט די חריפֿות, אַז עס האָט זיך דאָרט באַוויזן אַ ייִד מיטן נאָמען פּאָזנאַנסקי און ער האָט געזאָגט: „איך בין געווען איבערצייגט, אַז קיין ייִדן זענען נישט געבליבן ביים לעבן און אָט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַפֿילו אין אונדזער לאַגער געפֿינט זיך איינער". און אַנדערע האָבן געמאַכט דערצו אַ באַמערקונג: „מיר וועלן געפֿינען אַן עצה צו דעם ביסל לעבנגעבליבענע אַפֿילו אין אונדזער לאַגער". נאָך אָט די ווערטער האָט שאַפּיראָ אַ פֿרעג געטון: „וואָס וואָלט איר געזאָגט ווען איר דערוויסט זיך, אַז אייער קאָמענדאַנט און פֿאַרטיידיקער איז אַ ייִד?" האָבן זיי אים געענטפֿערט: „וואָלטן מיר אים אויפֿן אָרט דערשטיקט". און שאַפּיראָ פֿאַרענדיקט: „כ'האָב זיך אויפֿגעהויבן, אַ שפּיי געטון אין זייערע פּרצופֿים און פֿאַרלאָזט דעם לאַגער".

די מעמואַרן פֿון שלמה שאַפּיראָ האָבן חוץ אַ ווערט פֿון ייִדישע דאָקומענטן אויך אַ געוויסן ווערט פֿאַר דער געשיכטע בכלל. מיר געדענקען אַלע, אַז ווען עס איז פֿאָרגעקומען עדר פּוילישער אויפֿשטאַנד זענען די רוסן געשטאַנען בײַ דער ווייסל, און מען האָט געגלייבט, אַז אָט אָט וועלן זיך די אויפֿשטענדלער פֿאַרבינדן מיט דער רויטער אַרמיי, אָבער עס איז צו דעם נישט געקומען און די רוסן האָבן זיך צוריקגעצויגן. שאַפּיראָ מאַכט יענע געשעעניש זייער קלאָר. די אויפֿשטענדלער האָבן געהערט צו פֿאַרשידענע פּאַרטייען, אָבער איין צד השווה איז געווען בײַ אַלע: זיי זענען אַלע געווען אין תּוך נאַציס, נאָר צעקריגטע מיט די דײַטשן. און די רוסישע אַרמיי האָט נישט געוואָלט העלפֿן פֿאַרנעמען פּוילן און איבערגעבן דאָס לאַנד צו די סאָסנקאָווסקיס און באָר קאָמאַראָווסקיס.

עס איז כדאַי צו מאַכן דאָ אָט אַ די באַמערקונג: איך האָב נאָר וואָס פֿאַרענדיקט לייענען אַ בוך פֿון אַ ייִדן וואָס וווינט אין פּאַריז און זײַן נאָמען איז ה. י. גאָלדשטיין, „זיבן אין איין בונקער" הייסט דאָס דאָזיקע בוך און עס איז אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג „ייִדיש בוך" אין וואַרשע. גאָלדשטיין דערציילט וועגן דער זעלבער עפּאָכע, וואָס שאַפּיראָ באַשרײַבט. ער דערציילט אויך וועגן זעלביקן אויפֿשטאַנד. און ער דערמאָנט זייער אַ סך פֿאַלן פֿון אַנטיסעמיטיזם און ער האָט אויך געהאַט אַ גלח אין זײַן מיט. אָבער בײַ אים זענען די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן אויסנאַם פֿאַלן און די מערסטע פּאָליאַקן זענען געווען גוט און וויל. אויך דער גלח איז לכתּחילה געווען אַן אַנטיסעמיט, אָבער אומשולדיק נאַיִוו. מען דערקענט, אַז גאָלדשטיין האָט געליטן אומגע־

הייער פון אַ סך פּאָליאַקן בעת דעם אויפשטאַנד און ער וואַרגט זיך מיט דעם און ער טוט אַלצדינג דאָס צו פאַרגלעטן, ווייל זיין ריכטונג פאַרלאַנגט דאָס ביי אים. דער חילוק צווישן שאַפּיראָ און גאָלדשטיינען באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער דערציילט דעם גאַנצן אמת און ער דעקט אַלצדינג אויף, בעת דער צווייטער איז מגלה טפח ומכסה טפחיים. ער דעקט אַ ביסל אויף, בכדי ער זאָל קענען אַ סך צודעקן.

אין גאַנצן גענומען איז „זכרונות פון אַ מאַראַן“ אַ בוך, וואָס ווייזט אַ ווייניק באַקאַנט ווינקל און אַ ווייניק באַקאַנטע צייט פון אונדזער דריטן און גרעסטן חורבן. געשריבן זענען די זכרונות זייער לאַקאָניש. דער מחבר רעדט זיך קיין מאָל נישט אַריבער. ער דערציילט צומאָל נישט דאָס נייטיקע. „זכרונות פון אַ מאַראַן“ איז אַ בוך, וואָס ייִדן דאַרפן דאָס לייענען און באַזונדער דאַרפן דאָס לייענען אונדזערע ייִדן, וואָס האָבן גאָר נישט איבערגעלעבט פון דעם גרעסטן גרויל, וואָס די ייִדן אין מזרח אייראָפּע האָבן איבערגעלעבט און היסטאָריקער פון פוילישן ייִדנטום בכלל און פון גאַליציאַנער ייִדנטום בפרט וועלן דאָס דאָזיקע בוך ציטירן.

ש. אַפּטער שרייבט וועגן דעם ראָמאַן „קאָמיסאַרן“ פון הערשל ש. ווייַנרויך („פרייע אַרבעטער־שטימע“ ניו־יאָרק, 15טער מערץ 1963):

דורך דעם פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום אין אַרגענטינע“ איז לעצטנס דערשינען אַ ראָמאַן אין צוויי בענדער מיטן נאָמען „קאָמיסאַרן“ פון הערשל ווײַנרויך.

מען מוז גלייך פון אָנהייב זאָגן, אַז דאָס איז אַ טשעקאַווע בוך, וואָס רופט אַרויס אינטערעס. הערשל ווײַנרויך דערציילט אונדז פון אַ וועלט, וואָס איז פון אונדז טיילווייז פאַרבאָרגן.

עס איז נייטיק צו געבן אַ פּאָר ביאָגראַפישע שטריכן פון דעם מחבר, כדי אַ סך זאַכן זאָלן אונדז קלאָר ווערן. הערשל ווײַנרויך איז דערצויגן געוואָרן אין אָדעס, אונטערן סאָוועטישן רעזשים איז ער געוואָרן אַ ייִדישער שרייבער. ער האָט געדינט מיט דער פּען דער סאָוועטישער ממשלה. ער איז איינער פון די געציילטע, וועמען עס איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם סאָוועטישן גן־עדן און נאָך לאַנגע וואַנדערונגען איז ער געקומען קיין אַמעריקע.

עס זעט אויס, אַז דער מחבר האָט נאָך נישט די קינסטלערישע רויִקייט און געזעצטקייט צו געבן אַ ברייטע שילדערונג פון ייִדישן לעבנס־שטייגער הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג. דער הויפּט־מאָטיוו אין דעם בוך איז בלויז צו געבן אַ שילדערונג פון דעם סאָוועטישן רעזשים און זיינע קאָמיסאַרן. ער באַמיט זיך אַרויסצוברענגען אַ גאַלעריע טיפּן און געשטאַלטן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער ברוטאַלער, טראַגיש־אומגליקלעכער אַרבעט, וואָס דער סאָוועטישער רעזשים האָט באַשאַפן.

פריער פון אַלץ איז דאָס בוך אַ ווידוי פון אַן אומגליקלעכן ייִדיש־רוסישן שרייבער מיטן נאָמען מיכל קרוגער. דער סאָוועטישער שרייבער מיכל קרוגער גייט אין שפּאַן פון דער ריזיקער מאַשין, וואָס צעשמעטערט און צעטרעט יעדן מענטש, אויף וועמען עס פאַלט דער מינדסטער פאַרדאַכט צו זיין קעגנעריש צום רעזשים. ער ווערט דערשיטערט פון דעם שיגעון, וואָס ער זעט

אַרום זיך. נעכטיקע מערדערס, נעכטיקע קאָמיסאַרן, ווערן שפּעטער אַליין דערמאָרדעט; נעכטיקע פאַנאַטיש־גלייביקע ווערן אַנטוישט און פאַלן צום אָפּגרונט.

דער שרייבער מיכל קרוגער גייט אין שפּאַן: ער שרייבט אויף באַשטעלונג איבערגעטריבענע, פאַלשע באַשרייבונגען און האָט גרויס הצלחה. ער ווערט אָבער איבערלעך צעריסן. ער נעמט אָן דערשראָקן און פּחדנותדיק די שוידערלעכסטע עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען, אַלץ כדי צו בלייבן לעבן. אויב ער גייט אַ מאָל אַרויס פון די כלים, ווען ער קען שוין מער נישט אויסהאַלטן, פאַרענטפערט ער זיך און אַלץ איז ווי געווען.

דאָס לעבן פון מיכל קרוגער איז אַ טראַגישע אָנשטרענגונג פון אַן אָדעסער ייִדיש ייִנגל נישט אומצוקומען. ער האָט צו פרי אין זיין יונג לעבן געזען דעם טויט פאַר די אויגן, בעת ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער „טשעקאַ" פאַר ראַבעווען ברויט צו שטילן דעם הונגער פון זיין משפּחה. ער ווערט געראַטעוועט דורך זיין געטרייען חבר באָריס גאַרבער. די דערפאַרונג אין די אינקוויזיציעקעלערן פון דער אָדעסער „טשעקאַ" לייגט אַרויף אַן אומגליקלעכן חותם אויף זיין ווייטערדיקן לעבן. ער גלייבט נישט און ווערט געטריבן צו גיין אין שפּאַן.

קיין שום מחבר, וואָס האָט ווען עס איז געשילדערט די ייִדיש־סאָוועטישע שרייבערס, איז, ווי מיר דוכט זיך, נישט צוגעגאַנגען צום ענין אַזוי אינטים נאָענט ווי הערשל ווײַנרויך. אויף זיין אַריינבליק אין דעם ענין איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן.

ביי אונדז אין אַמעריקע גייט לעצטנס אָן אין די פּרעסע און אין פּריוואַטע שמועסן אַ שאַרפער וויכוח וועגן די סאָוועטישע ייִדישע שרייבערס, וואָס זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זענען זיי געווען הרוגי מלכות, וואָס מען קען זיי פּאַרגלייכן צו די גרויסע ייִדישע תנאים, וואָס די רוימער האָבן אומגעבראַכט?

הערשל ווײַנרויכס שילדערונגען רופן אַרויס אַ סך ספקותדיקע מחשבותן וועגן דעם. דער העלד פון דעם בוך, מיכל קרוגער, און אויך אַנדערע סאָוועטישע שרייבערס, וואָס האָבן געהאַט אַן ערגערן גורל און זענען אומגעקומען, קענען אפשר אַרויסרופן אַ ציטערדיק געפיל וועגן זייער טראַגישן לעבן, אָבער באַין אופן נישט דעם פאָרכטיקן ציטער, וואָס עס רופן אַרויס די גרויסע ייִדישע תנאים.

הערשל ווײַנרויך באַגייט אָבער אַן אומרעכט, ווען ער קאָמענטירט וועגן דעם גרויסן ייִדישן שרייבער, וועמען ער רופט שטערנפעלד, דעם שרייבער מיט די גרויסע פּעטע ליפּן.

פאַר וואָס האָט דער מחבר געהאַט אַזוי פיל איינזעעניש מיט מיכל קרוגער און אַפילו מיט זיין גרויזאַמען חבר באָריס גאַרבער און נישט מיטן גרויסן ייִדישן שרייבער?

ער אַליין דערציילט דאָך ווי מען האָט געפּאָדערט פון מיכל קרוגער, אַז יענער זאָל נאָכשפּיאָנירן דעם גרויסן ייִדישן שרייבער. דער „טשעקאַ"־קאָמיסאַר זאָגט אים, אַז דער גרויסער שרייבער איז געקומען ווינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נישט אויס ליבשאַפט, נאָר ווייל ער האָט נישט געקענט קריגן קיין פּרנסה ביי די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן.

ער האָט נישט דערזען די טיפע טראַגעדיע פון יענעם גרויסן שרייבער, וואָס יעדער גאָרנישט האָט געקענט אַרויפּצײַען אַ

פּעטליע אויף זיין האַלדז — און זיי, די מערדערס, האָבן עס טאַקע געטון...

דאָרט, ווו דער שרייבער פון דער טראַגישער כראָניק „קאָמיסאַרן” הערט אויף צו קאָמענטירן און ווערט דער דערציילער פון יענער אומגליקלעכער צייט, הייבט ער זיך אויף צו אַ באַשטימטער קינסטלערישער הייך, וואָס דערפרייט אונדז און מיר באַקומען האָפענונגען, אַז ער קען עפּעס אויפטון פאַר אונדזער ליטעראַטור.

ער קען אויך געבן אַ ברייטע שילדערונג פון סאָוועטישן לעבן, ווי עס ווייזט זיין באַשרייבן דאָס איינפירן קאָלעקטיוויזאַציע אין אַ דאָרף, אָדער דאָס פאַרשיקן אַ גאַנץ דאָרף מיט איינוווינערס, קאָרעער, וואָס ווינען ביי די גרענעצן פון אַמור לעבן ביראָבידזשאַן, ווייל מען איז חושד, אַז צווישן זיי געפינען זיך עטלעכע שפּיאָנען פון יאַפּאַן.

זייער גוט איז די שילדערונג וועגן דער בלאָנדער פרוי מיט דעם מיידעלע, וואָס האָבן פאַרלאָזט דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּאַלעסטינע, איבערגעלאָזט איר מאַן און געקומען מיט איר פאַנאַטישן, קאָמוניסטישן גלויבן בראָדזשען אין די ביראָבידזשאַנער בלאָטעס. דער איינציקער מענטש, וואָס גיט איר אַ היים, דער שטילער, פּשוטער מאַשיניסט, געקומען פון אַרגענטינע, ווערט אַרעסטירט און דערשאָסן. פון גרויס עלנטקייט און פאַרצווייפלונג ווערט זי געטריבן זיך אומצוברענגען. דאָס אַרונטערלויפן אויף די באַן־רעלסן מיט אירע קינדער, איינס אויף דער האַנט און איינס אונטערן האַרץ, איז פון די טראַגישסטע קאַפּיטלעך אין בוך. עס איז קינסטלעריש פאַררונדיקט נישט בלויז ווי אַ פּאַסירונג, נאָר ווי אַ קינסטלערישער פינאַל פון אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין אַנדער אויסוועג.

צום באַדויערן, איז נישט אומעטום שטייט דאָס בוך אויף דער זעלביקער הייך. אַ סך שילדערונגען, וואָס פאַרנעמען אַ גרויס פּלאַץ אין די צוויי בענדער, האָבן אפשר אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן ווערט, אָבער זיי זענען נישט טיף־קינסטלעריש אויפגענומען.

בכלל באַמיט זיך נישט דער מחבר צו פיל צו פאַרטיפן אין די אַלע פיגורן, וואָס פורעמען אויס דעם כאַראַקטער פון מיכל קרוגער. מייסטנס פיגורירן זיי געשילדערט בלויז עפּיזאָדיש. זיי לויפן דורך ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ אין דעם בוך און לאָזן נישט איבער קיין באַשטענדיקן רושם.

ווען מיכל קרוגער געפינט זיך אין דער „טשעקאַ”־טורמע אין אָדעס, באַגעגענען מיר דעם צאַרישן גענעראַלס טאָכטער מאַרושאַ. זי איז געווען אַ געטרייע קאָמוניסטקע. די „טשעקאַ”־אַגענטן ברענגען זי אום, ווייל זיי געטרויען איר נישט און ווייל איר פאָטער, דער צאַרישער גענעראַל, וויל זיי נישט דינען. מאַרושאַ איז געשילדערט זייער געפילפול, אָבער פאַר דעם לייענער איז זי בלויז אַן עפּיזאָד.

די הויפּט פרויען־פיגור אין דעם בוך איז מיכל קרוגערס ווייב קסעניאַ, די דאָרפישע קאָלכאָז־סעקרעטאַרשע. מיר האָבן אַ שוואַכן באַגריף וועגן איר כאַראַקטער און אירע האַנדלונגען. מען זעט נישט דעם איבערבראָך נאָך דעם פאַל, ווי מען האָט זי פאַרפירט אין קרעמל דורך דער האַנט פון דעם מיסטעריעזן סטאַלין. דער איבערבראָך אין איר לעבן קומט אפשר שפּעטער, בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, ווען זי אַנטלויפט מיט אַ נאַצישן גענעראַל, אָבער עס איז נישט קלאָר, וואָס עס האָט זי געפירט צו דעם.

אויך זיין צווייטע הויפּט־פיגור, באָריס גאַרבער, וואָס אַרבעט אין קרעמל פאַר

סטאַלינען מיט לייב און לעבן, איז בלויז געשילדערט דורך די באַטראַכטונגען פון מיכל קרוגער. מיר אַנען, אַז ער טוט שלעכטע זאַכן, אַז ער העלפט דעם סטאַ־לין־רעזשים, וואָס דערמאָרדעט מענטשן אומרחמנותדיק אויף בלויז אַ פֿאַרדאַכט, אַז מען איז קעגן סטאַלינען. מיר זעען אָבער נישט קיין איין לעבעדיקע שילדע־רונג פון דעם, וואָס גאַרבער טוט אין קרעמל.

דעם מחבר הערשל וויינרויך האָט זיך איינגעגעבן צו שילדערן אַ טראַגיש־בלו־טיקע כראָניק פון דעם ברוטאַלן סטאַלין־רעזשים. נישט אַלץ איז אים קינסטלעריש געלונגען, אָבער דאָס, וואָס ער האָט גע־געבן, האָט אָן שום ספק אַ באַטייטיקן ווערט.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 169

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley.

Copyright by:

D. ZAKALIK,

ISRAEL

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material claims against Germany.

Este libro se terminó de
imprimir el 15 de octubre
de 1963 en los Talleres
Gráficos Zlotopioro Hnos.
S. R. L., San Luis 3149,
Bs. Aires, Rep. Argentina.

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צום פאַרלאַג
„דאָס פוילישע יידנטום", זיך ווענדן:
UNION ISRAELITA POLACA
Pueyrredón 667 — Buenos Aires (Argentina)

D. ZAKALIK

EN LA TEMPESTAD

★

Editado por la

UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

Buenos Aires, 1963